YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv19i05

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 19 Issue 5
May 1937

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 19, Iss. 5)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/637

GERECHTIGKEIT (*Justice*)

גערעכטיגקייט

Vol. XIX. No. 5. Jersey City, N. J., May, 1937 Price: 10 Cents

אונז ליכט—זיי פייער!

אין גרויסן טאָג

צום ערשטן מאַי

פון נחמיה קליין

היינט בליט די האָפנונג: איבער אונז ווי אַ רעגנבויגן,
היינט גליט דער נייער טאָג מיט מוט פון אונזערע אויגן.

דורות קנעכט וואָס שטייען אויף פון אייביקער הכנעה,
טראָגן אין דעם העלן טאָג די הייליקע צוואה:

„אויפגיין וועט דאָס גאָלדן ליכט... אוים מיטן בייזן חלום...
מענטש גלעט אוים זיין צעאַקערט געזיכט, האַנט נעמט האַנט אין שלום.

„שווערד ווערט אַקער, שפּיז ווערט האַמער, קייטן צעשמעלצן אין פייער,
פעלדער זינגען, מאַשינען שאַפן, ס'איז פול אין שטוב און ש'ייער...

„צוזאַמען זייען, צוזאַמען שניידן, צוזאַמען לעבן שענער,
קיין האַר נישט מער, קיין קנעכט, קיין העכער און קיין קלענער.

„באַנײ זיך, מענטש, מיט פרישן טאָג, און ס'ווערט די וועלט אַ נייע —
ווייל דו אַליין, נאָר דו אַליין, קענסט זיך אַליין באַפרייען!”...

און מיר, וואָס האָבן געציטערט ווי גראָז אין געוויטער,
היטן זייער אָנזאָג טיף אין אונזערע געמיטער.

און היינט בליט די האָפנונג איבער אונז ווי אַ רעגנבויגן,
און דער טאָג שטראַלט מיט נייעם מוט פון אונזערע אויגן.

די מאַכט פון אַרבעט...

(אַ ליד צום ערשטען מאַי)

פון מאַני לייב

— וואָס איז היינט פאַר אַ יום טוב — דער טאָג פון ערשטען מאַי, —
די אַרבעט איז געוואָרפען און אַלע רעדער שטייען,
און אַרבעטער אין מחנות — געברידערט אין דער פריי
דורך העלע גאַסען גייען און רויטע פאָנען ווייען?

— דער טאָג — דאָס איז דער יום טוב ווען אַרבעט נעמט דאָס רעכט,
איר האַרן און באַצווינגער, — דער יום טוב איז ניט אייער!
אין בלוט איז ער געהייליגט פון אַרבעטער — פון קנעכט
פאַר אַרבעט ברידערלאַכער, גליקלאַכער און פרייער.

געקומען איז אַמאָל דער ערשטער מאַי צו זאַמלען מאַכט
פון אַרבעט אונטערדריקטער, איין מאַכט פון איר צו שמידן:
„אַכט שטונדן פאַר דער אַרבעט, פאַר שלאָף פאַר זיך — אַכט
און אַכט פאַר רו און שפּיל אין פריידן און אין פרידן”.

און אַז די מאַכט פון אַרבעט איז אין איין מאַכט געשמידט, —
איר האַרן און באַצווינגער, — איז ווער וועט זי באַצווינגען? —
און ווער וועט אָפּשטעלן דעם שטאָלצן גאַנג פון אירע טריט,
וואָס דורך די נייע טעג דורך שטעט און דערפער קלינגען?

און היינט — דעם ערשטען מאַי, די מאַכט פון אַרבעט טראָגט איר פאָן
מיט ווערטער הייליגע, מיט בלוט און פייער ברענען:
„אַז וויפיל ווער עס קען נאָר — זאָל פריי זיין אַרבעט טאָן,
און וויפיל ווער עס דאַרף נאָר — זאָל קומען און זאָל נעמען!”

זי גייט די מאַכט פון אַרבעט אין טאָג פון גרויסן קריג —
אין טאָג פון ערשטען מאַי, — פאַר אַרבעט ברידערלאַכער, פרייער,
און פירט אונז צו יום־טובים פון פרייען גליק און זיג!
איר, האַרן און באַצווינגער, — דער יום טוב איז ניט אייער!

טויזענטער דאָלאַרס שוין אַריינגעקומען פון די קלאָוק־מאַכער פאַר׳ן הילפס־פאָנד פאַר די אידען אין פוילען

איזידאָר נאַגלער, מענעדזשער פון קלאָוק־מאַכער דזשאָינט באָארד, אַפּעלירט צו קלאָוקמאַכער, צו ברײנגען וואָס גיכער אין אָפיס זייערע ביישטייערונ־גען צום הילפס־פאָנד פאַר די אידי־שע אַרבייטער אין פוילען.

דער אָפּרוף פון די אַרבייטער אויפ׳ן אַפּיל פון דער קלאָוק דזשאָינט באָארד בייצושטייערן צום פערטעל מי־ליאָן דאָלאַר פאָנד פון דעם אידישען אַרבייטער קאָמיטעט צו העלפען דעם קאַמף פון די אידישע אַרבייטער און אָרי־מע מאַסען אין פוילען און אַנדערע לענדער פאַר זייער רעכט אויף עקזיסטענץ, איז אויסערגעוויינליך גוט. ביז איצט זיינען שוין אַריינגעקומען אין אָפיס פון דער דזש. באָארד טויזענדער דאָלאַר פון איינציגע שעפּער און פון גרופּעס שעפּער פון אינסייד און קאָנטראַקטאָרס וואָס אַרבייטען פאַר דער זעלבער פירמע. עס האָבען מיט ענ־טוזיאַזם געבראַכט זייערע ביישטייערונגען אַרבייטער פון ניו יאָרקער שעפּער און פון קלאָוק שעפּער אין שטעט און שטעטלאַך אַרום ניו יאָרק. געווען אַרבייטער וואָס האָבען אַפילו ניט פאַרגונען זיך צו וואַרטען קיין איין טאָג און האָבען אַריינגעבראַכט זייער ביישטייערונג דעם זעלביגען שבת גייענדיג פון שאַפּ וואו זיי האָבען געאַרבייט פאַר דעם צוועק.

דזשענעראַל מענעדזשער איזידאָר נאַגלער, רעדענדיג וועגען דעם ענטוזיאַסטישען אָפּרוף פון די קלאָוקמאַכער אויף דעם אַפּיל פון דזשאָינט באָארד, האָט געזאָגט:

„פאַר אונז און פאַר אַלע וואָס קענען אונזערע מעמ־בערס איז די נאָבעלע האַנדלונג פון אונזערע קלאָוקמאַכער ניט קיין איבעראַשונג. אונזערע מעמבערס האָבען זיך אַלעמאָל אויסגעצייכענט מיט זייער ברייטהאַרציגקייט אויף יעדער נויטיגער הילפס אַקציע. ספּעציעל אין דעם פאַל וואו עס האַנדעלט זיך בוכשטעבליך אום דער עק־זיסטענץ פון מיליאָנען אידישע אַרבייטער און אָרימע פאָלקס־מאַסען, וועלכע קעמפּפען פאַר זייער רעכט צו לע־בען, געגען אַן אומדערבאַרעמדיגען אָנפאַל פון דעם צע־יושעטען פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם, וועלכער ווערט אָנ־געפירט מיט דער הילף און סאַנקציע פון רעגירונגען, ווי דאָס איז דער פאַל איצטער אין איינציגע לענדער פון איי־ראָפּע. אויף אַזאַ הילפס־רוף קענען אונזערע קלאָוקמאַ־כער ניט בלייבען גלייכגילטיג.

„דאָס אַריינקומען פון די געלדער ביז איצט באַווייזט אַז מיר האָבען זיך ניט אָפּגענאַרט אין אונזער דערוואַר־טונג. מיר ווילען אָבער ציהען די אויפמערקזאַמקייט פון די אַרבייטער וואָס האָבען נאָך ביז איצט ניט אַריינגע־בראַכט די געזאַמעלטע געלט אין אָפיס פון דער יוניאָן, אַז צייט איז זייער וויכטיג. די געלט איז נויטיג אַזוי שנעל ווי מעגליך. דער קאַמף פון די אידישע מאַסען אין פוילען פאַר זייער רעכט אויף עקזיסטענץ טאָר זיך פאַר איין מינוט ניט אָפּשטעלען. זייערע אינסטיטוציעס וועלכע זיי האָבען אויפגעבויט דורך יאָרען פון ביטערען קאַמף און קרבנות, טאָר זיך ניט שליסען צוליב מאַנגעל אין געלט־מיטלען אַזוי לאַנג ווי מיר קענען עס העלפען.

„מיר בעטען זיי דעריבער די געזאַמעלטע געלט אַריינ־צוברענגען גלייך אין אָפיס, ווייל שנעלע הילף איז דאָ־פּעלט הילף.

„מיר ווילען אויך בעטען די שאַפּ טשערלייט און די אַרבייטער צו זעהן אַז די בעלי בתים, וואו מען האָט גע־אַרבייט שבת, זאָלען גלייך באַצאָלען די עקסטרא געלט פאַר אָווערטיים, וואָס עס קומט צום פאָנד. אויב אַן אַרבייטסגעבער אַנטזאָגט זיך צו צאָהלען די געלט, דאַרפען זיי עס גלייך לאָזען וויסען אין אָפיס.

„און צו די אַרבייטער, וועלכע האָבען קיין מעגליכ־קייט ניט געהאַט צו אַרבייטען יענעם שבת, ווען אַלע קלאָוקמאַכער האָבען געאַרבייט, ווייל זייערע בעלי בתים האָבען זיך אַנטזאָגט צו עפענען די שעפּער, בעטען מיר ביישטייערן אַ שטונדע ווידזשעס צום פאָנד סיי ווי סיי. מיר זיינען זיכער, אַז קיין מיטגליד אונזערער וועט ניט פאַרפעלען בייצוטראָגען זיין חלק צו דער נאָבעלער אונ־טערנעמונג. יעדער אַרבייטער, ספּעציעל יעדער אידי־שער אַרבייטער און יעדער פּראָגרעסיווער מענש, מוז העלפען דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ פון די אידישע מאַ־סען מיט אַלץ וואָס ער קען".

א. י. אשביז, פינאַנס סעקרעטער פון דער קלאָוק דזשאָינט באָארד, האָט מיט פרייד אָנגעוויזען אויף דעם לאַנגען צעטעל שעפּער וואָס האָבען שוין די געלט אַריינ־געבראַכט, און וועלכער האַלט אין איין וואַקסען פון שעה צו שעה. די קוויטירונגען פון אַלע שעפּער און די סומען וואָס זיי האָבען אַריינגעבראַכט, האָט ער דערקלערט, וועלען פאַרעפענטליכט ווערען אַזוי שנעל ווי דאָס גאַנצע געלט וועט אַריינקומען.

פאָול דעמביצער

ווען דער נומער „גערעכטיגקייט" איז שוין געווען פאַרטיג צום דרוק איז אונז אָנגעקומען די טרויעריגע ידיעה, אַז פאָול דעמביצער איז געשטאָרבען.

פ. דעמביצער איז געווען דער הילפס־רעדאַקטאָר פון „גערעכטיגקייט" פאַר אַ לענגערער צייט און איז געווען פאַרבונדען מיט דער אינטערנעשאָנאַל פאַר מערערע יאָרען. ער האָט אָנגעפאַנגען זיין אַרבייט פאַר דער אינטערנעשאָנאַל, ווען מאָריס זיגמאַן איז געווען פּרעזידענט.

פ. דעמביצער, וועלכער האָט געשטאַמט פון אַ פּראָמינענטער פאַמיליע אין קראָקע, גאַליציע, איז אַריינגעטראָטען אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג נאָך אין זיינע יונגע יאָרען. ער האָט געהאַט אַ הויכע ביל־דונג, סאַי אַ אידישע, און סאַי אַ וועלטליכע, און ער האָט זיך דעריבער געקענט ניצליך מאַכען אין דער סאָציאַליסטישער און אַלגעמיינער אַרבייטער באַוועגונג אין וואָס פאַר אַ לאַנד ער איז ניט געקומען. אין פוילען איז ער געווען הויפּטזעכליך טעטיג אין „בונד" און ער איז געבליבען אַן איבערגעגעבענער בונדיסט ביז דעם לעצטען טאָג פון זיין לעבען.

פאַר די 14 יאָר וואָס פ. דעמביצער האָט געלעבט אין אַמעריקא איז ער די גאַנצע צייט געווען טעטיג אין דער סאָציאַליסטישער און אין דער אַלגעמיינער אַרביי־טער באַוועגונג, וואו ער האָט זיך געשאַפען אַ סך פריינד און ביי וועמען זיין פריצייטיגער טויט האָט אַרויסגע־רופען אַ טיפען טרויער.

פ. דעמביצער איז געווען אַ לענגערע צייט קראַנק און ער איז געשטאָרבען אין דעם עלטער פון 48 יאָר. אין די לעצטע וואָכען פון זיין קראַנקהייט האָט ער, ווי עס שיינט, געפילט, אַז זיינע טעג זיינען געצעהלטע און ער האָט אויסגעדריקט זיין וואונש, אַז מען זאָל אויף זיין לויה ניט האַלטען קיין רעדעס און אַז מען זאָל זיין קערפּער קרימירען (פאַרברענען).

עהרע זיין אַנדענקען.

מיר וועלען אין דעם נעקסטען נומער „גערעכטיג־קייט" געבען אַן אָפּשאַצונג פון פ. דעמביצער׳ס לעבען און טעטיגקייט.

אידישע דרעס־באָסעס, קאַטוילישע גלחים און היטלעריסטען אין פאַראייניגטען פראָנט אין מאָנטרעאָל

אַז באָסישע קלאַסען אינטערעסען זיינען מעכטיגער ווי רעליגיע, נאַציאָנאַליזם, מענשליכקייט און שכל, האָבען באַוויזען די דרעס באָסעס פון מאָנטרעאָל, אין זייער פאַרביסענהייט געגען דער אינטערנעשאָנעל און געגען דעם פאַרזוך פון זייערע פאַרשקלאַפטע אַרבייטער, זיך צו אָרגאַניזירען און דערשלאָגען זיך מער מענשליכע אַרבייטס־בידינגונגען און אַ מעגליכקייט צו מאַכען אַ לע־בען פון זייער שווערער פּראַצע.

צו שטערען דעם אָרגאַניזאַציאָנס קאַמפּיין, וואָס די אינטערנעשאָנעל פירט אַן צווישען די 10 טויזענט דרעס מאַכער פון מאָנטרעאָל, האָבען זיך נעמליך די דרעס־באָ־סעס, כמעט אַלע שול־אידען, וועלכע שפּילען די ראָליע פון גוטע, פרומע, אידישע אידען, זיך פאַראייניגט מיט אַלע פינסטערע כחות אין מאָנטרעאָל, מיט קאַטוילישע גלחים, וועלכע וואָלטען גערן צוריק אויפגעשטעלט די אינקוויזי־ציע ווען זיי האָבען די מאַכט; מיט פאַשיסטען און היט־לעריסטען, וועלכע שפּרייטען אין דער פּראָווינץ אַנטיסע־מיטישען סם צווישען דער באַפעלקערונג; מיט ראַאַק־ציאָנערע, פינסטערע פּאָליטישענס און מיט דעם אָפּשוים פון דער געזעלשאַפט.

די געשיכטע איז אַזאַ: די אינטערנעשאָנעל האָט מיט איניגע מאָנאַטען צוריק אָנגעהויבען אַ טיכטיגען קאַמפּיין צו אָרגאַניזירען די דרעס־מאַכער פון מאָנטרעאָל. פאַר דעם צוועק איז וויס־פּרעזידענט ראָוז פּעסאָטאַ אַהין געשיקט געוואָרען און מיט דער הילף פון בערנאַרד שיין, מענעדזשער פון דער מאָנטרעאָלער דזשאָינט באָארד, איז איר געלונגען אויפצורודערען די דרעס מאַכער און געווינען זיי מאַסענווייז צו דער יוניאָן. עס איז דאָרט ניט לאַנג צוריק געשטאַרטערט געוואָרען אַ לאָקאַל פון די דרעס מאַכער, וועלכער האָט זיך גענומען ענערגיש צו־גרייטען צו אַ סטרייק, זעהענדיג אַז מיט גוטען וועלען די באָסעס ניט נאָכגעבען.

אין מאָנטרעאָל זיינען נאָך אָבער פאַרבליבען סמנים פון מיטעל־אַלטער. די קאַטוילישע קירכע הערשט נאָך דאָרט איבער די מוחות פון הונדערטער טויזענטער מענ־שען. אָט די קלעריקאַלען האָבען דאָרט קאַטוילישע יו־ניאָנס, וועלכע העלפען האַלטען די אַרבייטער צעשפּלי־טערט און פאַרשקלאַפּט.

ווען די פרומע אידישע דרעס באָסעס האָבען דער־שמעקט אַז די אינטערנעשאָנעל נעמט זיך אָרגאַניזירען זייערע אַרבייטער, האָבען זיי זיך פאַראייניגט אין אַן אַסאָסיאיישאָן און גענומען זיך צו הילף אָט די גלח׳שע יוניאָן. מיט זייער הילף פּרובירען זיי רופען די פראַנ־צויזישע פרויען וועלכע אַרבייטען אין דרעס טרייד צו מיטינגס און העצען זיי געגען דער אינטערנעשאָנעל, גע־גען די אידען און פרעמדע.

קיין ערפאָלג האָבען זיי ניט. די פראַנצויזישע מייד־לאַך, מיטגלידער פון דער יוניאָן, ברענגען די באָסישע „ליבעס־בריוולאַך" אין אָפיס. צו די גלח׳שע מיטינגען קענען זיי מער ווי אַ טוצען אַרבייטער פון טרייד ניט צונויפנעמען. דאָס איז אָבער ניט די שולד פון די באָסעס. זיי טוען אַלץ וואָס זיי קענען צו העלפען פאַר׳סמ׳ען די פראַנצויזישע דרעס מאַכערינס מיט אַנטיסעמיטיזם און האַס צו אַלץ וואָס איז פּראָגרעסיוו.

די יוניאָן גייט אָן מיט איר פאַרבאַרייטונגען פאַר אַ גענעראַל־סטרייק אין דרעס טרייד. די לעצטע צייטען שליסען זיך אָן הונדערטע אַרבייטערינס אָן דער יוניאָן טראָץ די בעלי בתים און זייערע שותפים, די גלחים און פאַשיסטען. עס וועט לאַנג ניט נעמען און די באָסעס וועלען איינזעהן אַז דאָס שפּיל איז פאַרלאָרען. אַז מיט גלחים קען מען קיין דרעסעס ניט מאַכען. זיי וועלען מוזען סעטלען מיט דער יוניאָן.

GERECHTIGKEIT
A LABOR JOURNAL
Published every month by the
International Ladies' Garment Workers' Union

Office of Publication:
76 Montgomery St., Jersey City, N. J.
General Office:
3 West 16th St., N. Y. C. Tel. CHelsea 3-2148

DAVID DUBINSKY, President
and General Secretary-Treasurer
DR. B. HOFFMAN, Editor

Subscription price, paid in advance, $1.00 per year.

Vol. XIX. No. 4. April, 1937

Entered as Second Class matter, August 7, 1928 at Post Office at Jersey City, N. J., under the Act of August 4, 1912. Accepted for mailing at special rate of postage, provided for in Section 1103, Act of Oct. 3, 1917, authorized on Jan. 25, 1919.

אפילו ווען די פרייזען אויף לעבנס-מיטעל, וואוינונגען און קליידער זיינען געווען אַ סך נידעריגער ווי איצט. די אַרבייטס סעזאָנען פון דער קלאָוק אינדוסטריע ווערען ניט לענגער, נאָר קירצער, און די דורכשניטליכע יערליכע פאַרדינסטען פון די קלאָוקמאַכער זיינען אַפילו ניט גענוג אויף אַן אָרימען לעבען. און עס דאַרף זיין קלאָר פאַר די קלאָוק מאַנופעקטשורערס, אַז די אינדוסטריע, אין וועלכער אַרבייטער זיינען באַשעפטיגט, מוז זיי באַזאָרגען מיט אַ לעבען, גאַנץ גלייך וואָס עס זאָלען ניט זיין די באַדינגונגען פון דער אינדוסטריע. צי מען אַרבייט אין איר אַלע צוויי און פופציג וואָכען אין יאָר, אָדער בלויז 30 אָדער 25 וואָכען אַ יאָר. אויב עס איז אַן אינדוסטריע, אין וועלכער מען אַרבייט בלויז 25 וואָכען, מוזען די אַרבייטער אין די 25 וואָכען פאַרדינען אַזוי פיל, אַז זיי זאָלען האָבען מיט וואָס צו לעבען אַ גאַנצען יאָר. און רעכענען דאַרף ניט די מאַנופעקטשורער זייערע פּראָפיטען בלויז פאַר די וואָכען, וואָס מען אַרבייט, נאָר זייער רעכענונג איז פאַר'ן יאָר. און אויב זיי קריגען פאַר זיך פון די קורצע אַרבייטס סעזאָנען אַלץ וואָס זיי האָבען נויטיג, גענוג אויף אַ רייכען לעבען און נאָך אָפּצושפּאָרען, זיינען דאָך די קלאָוקמאַכער ווייניגסטענס באַרעכטיגט צו קריגען גענוג ברויט פון דער אינדוסטריע, אין וועלכער זיי אַרבייטען. און די קלאָוקמאַכער קענען עס האָבען בלויז, ווען זייערע פאַרדינסטען זאָלען גערעכענט ווערען ניט לויט די וואָכען, וואָס זיי אַרבייטען, נאָר לויט די וואָכען, וואָס זיי דאַרפען עסען. אַ קלאָוקמאַכער'ס אַרבייטס יאָר מעג האָבען בלויז 25 אָדער 30 וואָכען אָבער אַ קלאָוקמאַכער'ס לעבענס יאָר האָט פולע 52 וואָכען.

אָט דאָס איז די ערשטע וויכטיגע פראַגע.

און ניט ווייניגער איז וויכטיג די פאָדערונג פון אַ דרייסיג-שטונדיגער אַרבייטס וואָך. דאָס איז דער איינציגער מיטעל, אַז עס זאָל כאָטש זיין אַרבייט אין דער צייט פון אַרבייטס סעזאָן פאַר אַלע קלאָוקמאַכער. ווי עס איז איצט אָבער, האָבען אַ סך קלאָוקמאַכער ניט קיין גענוג אַרבייט אפילו ווען דער אַרבייטס סעזאָן קומט אָן.

* * *

צום ערשטען מאַי

יעדער מיטגליד פון אונזער יוניאָן, מאַן און פרוי, דאַרף האַלטען פאַר אַ הייליגע פליכט אנטייל צו נעמען אין אונזער ערשטער מאַי פייערונג און איר מאַכען וואָס גרעסער, וואָס אימפּאָזאַנטער און וואָס איינדרוקספולער. עס רופט אייך אייער יוניאָן און עס רופט אייך דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער קלאַס.

דער ערשטער מאַי איז דער טאָג, וואָס די אַרבייטער דעמאָנסטרירען זייערע פאָדערונגען פאַר דער וועלט, פאָדערונגען פאַר וועלכע זיי זיינען גרייט צו קעמפען און זיי צו קריגען. די וויכטיגסטע פאָדערונג פון די אַמעריקאַנער אַרבייטער איז איצט די דרייסיג שטונדיגע אַרבייטס וואָך, און זיי זיינען אַנטשלאָסען איר צו קריגען. זיי שטעהען צו איר היינט אַ סך נעהענטער, ווי זיי זיינען געשטאַנען מיט פופציג יאָר צוריק צו דעם אַכט-שטונדיגען אַרבייטס טאָג, וואָס זיי האָבען דעמאָלט אָנגעפאַנגען פאָדערען. דאָס איז טאַקע אויך אַ גוטער ביישפּיל, וואָס ווייזט וואָס פאַר אַ גרויסע שטיק וועג פאָרווערטס די אַמעריקאַנער אַרבייטער זיינען אָפּגעגאַנגען אין די פופציג יאָר און אַז ניט אומזיסט איז געווען זייער קאַמף. און דאָס קען זיי ערמוטיגען, אַז אויך זייער איצטיגער קאַמף וועט געקרוינט ווערען מיט אַן ערפאָלג.

דער ערשטער מאַי איז אַן אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער יום טוב. אין מערערע לענדער האָט דער פאַשיזם פאַרניכטעט די רעכטען און פרייהייטען פון די אַרבייטער, צושטערט זייערע אָרגאַניזאַציעס, פאַרפייניגט זייערע פיהרער און איינגעפיהרט אַ הערשאַפט פון טעראָר. די דעמאָנסטראַציעס פון ערשטען מאַי דאַרפען דעריבער אויסגענוצט ווערען צו פאַרדאַמען דעם פינסטערען, בלוטיגען פאַשיזם און רופען צום קאַמף געגען איהם.

דער בלוטיגער פאַשיזם האָט געשאַפען אַ נייע מלחמה-געפאַהר פאַר דער וועלט. דער פאַשיזם, וואָס האָט פאַרגיפטעט די פעלקער מיט שאָוועניזם און זייהט האַס צווישען פאָלק און פאָלק, האָט פון דאָס ניי פאַרוואַנדעלט די וועלט אין אַ פולווער-פאַס, וואָס קען יעדע מינוט אויפרייסען. דער ערשטער מאַי איז אַלע מאָל אויסגענוצט געוואָרען צו דעמאָנסטרירען געגען מיליטאַריזם, באַוואָפנונג און מלחמה, און היינט איז אַזאַ פּראָטעסט-דעמאָנסטראַציע נאָך נויטיגער ווי ווען עס איז.

די ערשטע מאַי פייערונג דאַרף זיין דאָס יאָר איינע פון די גרעסטע און איינדרוקספולסטע. און עס איז אונזער וואונש, אַז די אינטערנעישאָנאַל זאָל זיך אין דער פייערונג גאַנץ באַזונדערס שטאַרק אַרויסזעהן. אַלע מיטגלידער פון דער אינטערנעישאָנאַל מוזען דעריבער האַלטען פאַר זייער פליכט אנטייל צו נעמען אין דעם גרויסען אינטערנאַציאָנאַלען אַרבייטער יום טוב.

און צו די מיטגלידער פון דער אינטערנעישאָנאַל אין ניו יאָרק רופען מיר, אַז קיינער פון זיי זאָל ניט פאַרפעלען צו קומען צו דער גרויסער מאַי דעמאָנסטראַציע אין רענדאַל איילאַנד.

לאַנג לעבען זאָל אונזער אינטערנעישאָנאַל!

לאַנג לעבען זאָל די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער סאָלידאַריטעט!

* * *

צום 40-יעריגען יובּיליי פון „פאָרווערטס″

די געשיכטע פון „פאָרווערטס″ איז די געשיכטע פון דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג אין אַמעריקע. אין דעם „פאָרווערטס″ האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט די אידישע אַרבייטער באַוועגונג אין אַלע איהרע פאָרמען און אין אַלע איהרע טיילען. עס איז ווייניג צו זאָגען, אַז דער „פאָרווערטס″ האָט געדינט דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג. ער איז דאָך פון איהר און פאַר איהר געשאַפען געוואָרען. ריכטיגער איז צו זאָגען, אַז דער „פאָרווערטס″ איז די גאַנצע צייט פון זיין פערציג יאָהריגער עקזיסטענץ געווען צונויפגעגאָסען און צונויפגעוואָקסען מיט דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג. און גאַנץ באַזונדערס ריכטיג איז עס אין באַצוג צו דער אינטערנעשאָנעל.

אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער אינטערנעשאָנעל ציהט זיך דורך דער „פאָרווערטס″ ווי אַ רויטער פאָדים. ניטאָ אין וויכטיגע פּאַסירונג אין דער אינטערנעשאָנעל אין וועלכע דער „פאָרווערטס″ האָט ניט געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע. און זאָל עס אויך געזאָגט ווערען, אַז ווען עס זיינען געווען מאָמענטען פון נויט אין דער אינטערנעשאָנעל איז דער „פאָרווערטס″ איר געקומען צו הילף ניט בלויז מיט זיין וואָרט און מיט זיין ראָט, נאָר אויך מיט טהאָט. מיר קענען עס איצט דערמאָנען אין פריידען. די אינטערנעשאָנעל איז איצט גרויס און שטאַרק און קען העלפען אַלע אַנדערע וואָס נויטיגען זיך אין איהר הילף און פאַרדינען איהר הילף.

און אָט צוליב די גרויסע פאַרדינסטען פון „פאָרווערטס″ פאַר דער אַלגעמיינער אידישער אַרבייטער באַוועגונג און גאַנץ באַזונדערס צוליב דער שטענדיגער נאָהענטקייט צווישען „פאָרווערטס″ און דער אינטערנעשאָנעל באַטראַכטען מיר דעם איצטיגען יום-טוב זיינעם אויך פאַר אונזער יום טוב.

און מיט אונזער באַגריסונג צו דעם פערציג יאָריגען יובּיליי פון „פאָרווערטס″ געהט אויך אונזער וואונש, אַז זיין ווייטערדיגע עקזיסטענץ זאָל זיין נאָך ערפאָלגרייכער ווי די ביז איצטיגע און זיינע נוצען פאַר דער אידישער באַוועגונג זאָל אין דער צוקונפט נאָך זיין גרעסער ווי אין זיין פאַרגאַנגענהייט.

* * *

פאול דעמביצער

מיט דעם פריצייטיגען טויט פון פאול דעמביצער האָט די „גערעכטיגקייט″ פאַרלוירען אַ וויכטיגען מיטאַרבייטער און די אידישע אַרבייטער באַוועגונג אַ טרייען, איבערגעגעבענעם טוער.

פּ. דעמביצער איז געווען איינער פון אונזערע העכסט אינטעליגענטע און באַגאַבטע מענשען, וואָס מיר האָבען דאָ אין דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג. ער האָט געהאַט אַן אַלזייטיגע בילדונג און ער איז געווען אַ טאַלאַנטפולער, איינדרוקספולער רעדנער. ער האָט מיט זיין שפּראַכען-קענטשאַפט און מיט זיין גוטער באַקאַנטשאַפט מיט דער אַרבייטער באַוועגונג, גאַנץ באַזונדערס מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער באַוועגונג, זיך זעהר ניצליך געמאַכט פאַר דער „גערעכטיגקייט″ און פאַר פאַרשידענע אַנדערע שריפטען פון דער אַרבייטער באַוועגונג, פאַר וועלכע ער האָט פון צייט צו צייט געשריבען.

מיט דער אינטערנעשאָנעל האָט פּ. דעמביצער זיך פאַרבונדען אין דער צייט, ווען מאָריס זיגמאַן איז געווען פּרעזידענט, וועלכע האָט אים אויסגענוצט אי אַלס רעדנער אי אַלס שרייבער פאַר דער יוניאָן און עס האָט זיך צווישען זיי ביידען אַנטוויקעלט אַ שטאַרקע פריינדשאַפט, וועגען וועלכער דעמביצער האָט ניט פאַרגעסען ביז'ן לעצטען טאָג פון זיין לעבען. זיין לעצטער וואונש איז געווען, אַז מען זאָל זיין טויטען קערפּער פאַרברענען און די אַש פאַרשפּרייטען אויף זיגמאַנ'ס קבר.

אין 1930 איז פאול דעמביצער, צוליב קראַנקהייט, געווען געצוואונגען איבערצורייסען זיין אַרבייט פאַר דער אינטערנעשאָנעל. ער האָט געליטען פון טובערקולאָזיס שוין אַ לענגערע צייט און די דאָקטוירים האָבען אים געהייסען פאָרען אין לאָס אַנדזשעלעס, וואו ער האָט אַ לענגערע צייט זיך אויפגעהאַלטען אין דאָרטיגען סאַנאַטאָריום און זיין געזונט איז באַדייטענד פאַרבעסערט געוואָרען. אין 1934 האָט ער זיך צוריק אומגעקערט אין ניו יאָרק און האָט פון דאָס ניי אויפגענומען זיין אַרבייט אין דער „גערעכטיגקייט″. סוף פאַריגען זומער איז ער אָבער ווידער אַמאָל ערנסט קראַנק געוואָרען און האָט געמוזט דורכמאַכען אַן אָפּעראַציע אויף די נירען. און עס האָט אָנפאַנג אויסגעוויזען, אַז ער קומט צוריק צו זיך. ער האָט אפילו אין אַ פאָר חדשים אַרום נאָך דער אָפּעראַציע פּראָבירט זיך אומקערען צו זיין אַרבייט אין דער „גערעכטיגקייט″. אָבער נאָכדעם ווי ער איז געקומען איין טאָג אין אָפיס איז ער ווידער אַמאָל קראַנק געוואָרען און ער האָט מער פון זיין קראַנקהייט זיך ניט אויפגעהויבען.

די אַרבייטער באַוועגונג אין אַלגעמיין און די סאָציאַליסטישע באַוועגונג באַזונדערס, איז געווען דער הויפּט אינטערעס פון זיין לעבען ביז'ן לעצטען טאָג. ער איז געווען זעהר אַ געפילפולער מענש, מיט האַרץ און טעמפּעראַמענט און ביי אים איז דער סאָציאַליזם געווען ניט בלויז אַן אידייע און אַ לערע, נאָר אויך אַ געפיל. ער איז געווען אַן איבערגעגעבענער טעטיגער בונדיסט, איידער ער איז געקומען אין אַמעריקע, און ער איז געבליבען טריי און איבערגעגעבען צום „בונד″ ביז זיין לעצטען טאָג. ער האָט דעם „בונד″ געהאַלטען פאַר זיין וועגווייזער און פלעגט וועגען אים אַלע מאָל ריידען מיט גרויס ליבשאַפט און פאַרעהרונג.

זיין וואונש פאַר זיין טויט איז געווען, אַז מען זאָל אים מאַכען אַ שטילע לויה און ניט האַלטען קיין רעדעס. און זיין לעצטער וואונש איז ערפילט געוואָרען.

מיר באַדויערען וואָס דער טויט האָט אים אַזוי פריצייטיג אוועקגערויבט פון אונז. עהרע זיין אָנדענקען.

דיינע טעג...

פון ברכה קאַפּשטיין

1

ס'גייען טעג מיט טעמפּ און דראַנג,
גאַסן רעגן מיט פאַרלאַנג.

מענטשן טראָגן שטיקער לעבן,
הענט מיט מי אַוועקצוגעבן.

נאָר דיין גוף, דיין יעדער גליד,
איז פון ליידיק אומגיין מיד.

זיצסטו טעג און שלינגסט די סלינע, —
אין דיין בליק אַזוי פיל שנאה,

אין דיין וואָרט אַזוי פיל טרויער,
וואָס ברענגט דען שטילער דויער?

2

וועקט דער טאָג מיט בלוי באַגינען,
טראָג איך זיך אַוועק פאַרדינען.

האַלט איך אַיין מיין גאַנג אויף טרעפּ,
וואָס פאַלט אַראָפּ ווי שווערע קלעפּ.

אויף דיין צעווייטיקט געמיט —
אָפּקלאַנג פון פרימאָרגנדיקע טריט...

און ווען כ'קום אין אָוונט צוריק צו דיר
וואַרטסטו שוין אויף מיר ביים טיר.

דערציילסט פון לידער ערשט געשאַפן,
אידייען נייע — אונזערע וואָפן...

דערצייל איך דיר פון דער פאַבריק:
אָט ערשט אַוועק און שוין צוריק.

ס'גייט די אַרבעט אַזוי גרינג:
גאַנצע טעג נאָר איך זינג.

ס'פרייט מיין האַרץ זיך אין געהיים:
כ'וויים דו וואַרטסט אויף מיר אין דער היים.

שמייכלען ביידע מיר — און גאָרן
איינס דאָס אַנדערע פאַרנאַרן.

צאַרטע ווייטיקדיקע געפילן
ווילן איינס דאָס אַנדערע פאַרשפּילן...

גערעכטיגקייט

GERECHTIGKEIT
A LABOR JOURNAL
Published every month by the
International Ladies' Garment Workers' Union

Office of Publication:
76 Montgomery St., Jersey City, N. J.
General Office:
3 West 16th St., N. Y. C. Tel. CHelsea 3-2148

DAVID DUBINSKY, President
and General Secretary-Treasurer
DR. B. HOFFMAN, Editor

Subscription price, paid in advance, $1.00 per year.

Vol. XIX. No. 5 — 400 — May, 1937

Entered as Second Class matter, August 7, 1928 at Post Office at Jersey City, N. J., under the Act of August 4, 1912. Accepted for mailing at special rate of postage, provided for in Section 1103, Act of Oct. 3, 1917, authorized on Jan 25. 1919.

צו דער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנעל אין אטלאנטיק סיטי

די אינטערנעשאנעל קומט צו איר קאנווענשאן אין אטלאנטיק סיטי מיט א גרעסערער מיטגלידער־שאפט, מיט א גרעסערען פארמעגען אין איר קאמפס־קאסע, מיט א שטארקערע פאראייניגטער ארגאניזאציע, מיט מער ערפארונג און מיט א גרעסערן פרעסטיזש.

אין די דריי יאר, וואס זיינען פארלאפען פון דער קאנ־ווענשאן אין שיקאגא ביז דער איצטיגער קאנווענשאן אין אטלאנטיק סיטי, האט די אינטערנעשאנעל געשאפען א וויכטיגען קאפיטעל געשיכטע. זי איז פאר דער צייט געווארען ניט בלויז איינע פון די גרעסטע יוניאנס אין לאנד, נאר אויך פון די בארימטסטע און איינפלוסרייכסטע.

די אינטערנעשאנעל איז שוין געקומען מיט א גרוי־סער מיטגלידערשאפט צו דער קאנווענשאן אין שיקאגא און זי האט שוין דעמאלט פארנומען א פלאץ אויבען־אן צווישען די גרויסע יוניאנס אין אמעריקע. אבער די קאנ־ווענשאן אין שיקאגא איז פארגעקומען, קען מען זאגען, אין די האניג חדשים פון דער נ. ר. א., ווען די אינטערנע־שאנעל האט אנגעפאנגען איר נייעם גרויסען וואוקס און האט אין א משך פון א יאר אריינגענומען ארום 125 טוי־זענד נייע מיטגלידער. עס איז געווען פרייליך, די שטי־מונג איז געווען א געהויבענע, אבער פון צייט צו צייט פלעגט דורכלויפען א געדאנק פון צווייפעל: וועט זיך עס האלטען? וועט אט די גרויסע ארמיי נייע רעקרוטען אויסמושטירט ווערען פאר גוטע יוניאן סאלדאטען און פארשטארקען די כוחות און דעם איינפלוס פון דער אינ־טערנעשאנעל, אדער וועט עס זיין אן ערב רב וואס וועט אריינברענגען דיסארגאניזאציע און צוטומלונג?

און די מורא איז געווען א באגריינדעטע. עס איז געווען א פולשטענדיג רויהער עלעמענט, וואס איז קיין מאל ניט געווען פארבונדען מיט קיין יוניאן און וואס די דיסציפלין און די מאראל פון אן ארבייטער ארגאניזאציע איז זיי געווען אין גאנצען פרעמד.

און נאך גרעסער איז געווארען די זארג, ווען די נ. ר. א. איז אפגעשאפט געווארען. מען האט די גרויסע צאל נייע מיטגלידער, וואס זיינען מיט א מאל אריינגעקו־מען אין דער יוניאן געהאט א נאמען געגעבען „נ. ר. א. בייביס". עס האט געהייסען, אז די אינטערנעשאנעל האט זיי געוואונען מיט דער הילף פון דער נ. ר. א. די פירער־שאפט פון דער אינטערנעשאנעל איז געשטאנען אויף דער וואך און האט פארשטאנען אויסצונוצען דעם גינסטיגען מאמענט, וואס איז דורך דער נ. ר. א. געשאפען געווא־רען און האט גלייך אנגעפאנגען צו ארגאניזירען די אונאר־גאניזירטע טיילען פון דער פרויען קליידער אינדוסטריע איבער'ן גאנצען לאנד. ווען אבער די נ. ר. א. איז אפ־געשאפט געווארען האט מען זיך שטארק געשראקען, אז די גרויסע צאל נייע מיטגלידער, וואס האבען נאך קיין צייט ניט געהאט זיך איינצולעבען אין דער יוניאן און וואס האבען אין אזא קורצער צייט נאך ניט געקענט דורכגע־דרונגען ווערען מיט איר קאמפס־גייסט, וועלען אנפאנ־גען אפפאלען פון איר, ווען די באלעבאטים וועלען אנ־פאנגען אויסנוצען די ניי־געשאפענע לאגע און אנעמען צוריק וואס די יוניאן האט זיי געצוואונגען צו געבען דורך דער נ. ר. א.

עס האט זיך אבער ארויסגעוויזען, אז די מורא איז גע־ווען אן אומזיסטע. די אינטערנעשאנעל האט פארשטא־נען ווי צו געווינען די הערצער פון אירע נייע מיטגלי־דער. זיי האבען אין דער קורצער צייט, וואס זיי זיי־נען געווען פארבונדען מיט דער יוניאן איר ליב באקומען, ווייל זיי האבען אין איר דערזעהן א נייעם גרויסען פריינד אין זייער לעבען, א פריינד וואס שיצט זיי און שטעהט פאר זייערע אינטערעסען. און זיי האבען געזעהן נאך מער. זיי האבען אנגעפאנגען פארשטעהן, אז דאס זיינען זיי אליין וואס מאכען זייער נייעם פריינד אזוי גרויס און שטארק. אז זיי אליין זיינען עס די יוניאן, און אז מיט זייער איינינקייט, מיט זייער ארגאניזאציע, מיט זייער דיסציפלין זיינען זיי געווארען א מאכט, מיט וועלכער די באלעבאטים מוזען זיך רעכענען.

* * *

צוווליב דעם גרויסען ערפאלג פון דער אינטערנע־שאנעל צו ארגאניזירען די אפגעשטאנענע טיילען פון דער פרויען קליידער אינדוסטריע אין פארשידענע טיילען פון לאנד, האט די יוניאן באקומען א גאנץ אנדערען אויס־זעהן. די מייסטע נייע מיטגלידער, וואס די אינטערנע־שאנעל האט אריינגענומען, אין די לעצטע דריי־פיר יאר זיינען געווען מיידלעך און פרויען, וואס זיינען באשעפ־טיגט ביי דרעסעס און אין די אזוי גערופענע מיסעליי־ניאוס טריידס. די מענער ארבייטער זיינען היינט א קליינע מינאריטעט אין דער יוניאן. פון דעם פערטעל מיליאן מיטגלידער וואס די אינטערנעשאנעל פארמאגט איצט, קומענדיג צו דער קאנווענשאן אין אטלאנטיק סיטי, זיינען מענער קוים א דריטעל פון דער צאל. די גרעס־טע יוניאן אין דער אינטערנעשאנעל איז פריהער געווען פון די קלאוקמאכער. היינט אבער איז עס פון די דרעס־מאכער.

און אפילו אין דעם קלאוק טרעיד ווערט די צאל פרויען גרעסער. קיין נייע מענער־ארבייטער קומען אין קלאוק טרעיד ניט צו, זיי ווערען גיכער ווייניגער. קיין אימיגראנטען קומען ניט אריין און פון די, וואס זיינען געבוירען געווארען אין אמעריקע, אדער דא ערצויגען געווארען געהען ניט קיין מענער אין די נאדעל טרעידס, אויסער פאר קאטערס און לעצטענס טיילוויז אויך פאר פרעסערס. אין דעם פרט איז קיין אונטערשיד ניט צווי־שען אידען און אנדערע נאציאנאליטעטען. אויך פון די היגע געבוירענע אדער ערצויגענע איטאליענער געהען נים קיין מענער אין די נאדעל טרעידס.

און וואס ווייטער די אינטערנעשאנעל געהט אן מיט איר ארגאניזאציאנס ארבייט איבער'ן לאנד, ווי אין דער קאטען דרעס אינדוסטריע, און געווינט נייע מיטגלידער, אלץ גרעסער ווערט די פראפארציע פון פרויען מיטגלי־דער אין דער יוניאן אין פארגלייך מיט די מענער.

און נאך א גרויסע ענדערונג. די אינטערנעשאנעל, וואס איז פריהער געווען צו איר גרעסטען טייל אן אר־גאניזאציע פון אימיגראנטען, איז היינט צו איר ווייט גרעסטען טייל אן ארגאניזאציע פון אמעריקאנער. דער גאנץ גרעסטער טייל פון די איצטיגע מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנעל זיינען אמעריקאנער געבארענע, אדער דערצויגענע אין אמעריקע. דאס האט זיך שוין גוט אנגעזען אויף דער קאנווענשאן אין שיקאגא, אבער אין די דריי יאר, פון שיקאגא ביז אטלאנטיק סיטי, איז די ענדערונג געווארען נאך גרעסער און שארפער. און עס איז נאטירליך, אז דאס אלץ האט געמוזט ברענגען אן ענדערונג אין דעם כאראקטער פון דער אינטערנעשא־נעל, אין אירע ארגאניזאציאנס־מעטאדען און אין פאר־שידענע אנדערע באציאונגען. עס איז נויטיג געווא־רען א גאנץ אנדער מענשען מאטעריאל פאר ארגאניזא־ציאנס־ארבייט און פאר באאמטע.

* * *

די מאכט, איינפלוס און דער פרעסטיזש פון דער אינטערנעשאנעל, וואס זיינען אזוי גרויס אויסגעוואקסען אין די לעצטע דריי־פיר יאר, האט זיך ארויסגעוויזען אמ־בעסטען אין דעם, וואס איר איז אין די לעצטע דריי יאר בלויז אין איינזאמספאלען פארגעקומען צו פירען סטרייקס צו באנייען אגרימענטס מיט די באלעבאטים. די בעסטע דעמאנסטראציע פאר דעם גרויסען פרעסטיזש פון דער אינטערנעשאנעל איז געווען די באנייאונג פון די אגרי־מענטס אין דער קלאוק און אין דער דרעס אינדוסטריע פון ניו יארק און אומגעגענד און די וויכטיגע געווינסען, וואס זיינען דורך זיי געוואונען געווארען. אט די צוויי אגרימענטס אין די צוויי וויכטיגסטע טרעידס פון דער אינטערנעשאנעל, פון וועלכע עס האבען בענעפיטירט אי־בער 130 פון אירע מיטגלידער, זיינען דורכגעפירט גע־ווארען דורך קאלעקטיווע פארהאנדלונגען און אהן א סטרייק. און מיר האבען א גוטען גרונד צו האפען, אז אזוי וועט עס אויך זיין מיט דער באנייאונג פון אגרימענט אין קלאוק טרעיד אין ניו יארק, וואס דארף פארקומען.

און ניט בלויז זיינען די אלטע אגרימענטס אין פאר־שידענע טרעידס און אין פארשידענע טיילען פון לאנד באנייט געווארען אהן סטרייקס, נאר עס זיינען אויך געשלא־סען געווארען מערערע נייע אגרימענטס אהן סטרייקס. פירמעס, וועלכע האבען פריהער וועגען פארהאנדלונגען מיט א יוניאן אפילו ניט געוואלט הערען, האבען זיך אין דער לעצטער צייט געבויגען און האבען אונטערגע־שריבען אן אגרימענט מיט דער אינטערנעשאנעל, כדי אויסצומיידען א פארלוירענעם סטרייק.

דער פרעסטיזש און דער איינפלוס פון דער אינטער־נעשאנעל איז אויך גאנץ באזונדערס גרויס געוואקסען אויף דעם פאליטישען פעלד, ווי דאס האבען באוויזען די לעצטע פרעזידענט־וואהלען, אין וועלכע די אינטער־נעשאנעל אין אלגעמיין און דער פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנעל, דוד דובינסקי באזונדער, האבען גע־שפילט אזא וויכטיגע אנגעזעהענע ראלע.

* * *

אין די לעצטע דריי יאר האט די אינטערנעשאנעל אנטוויקעלט איר עדיוקיישאנעל דעפארטמענט צו אזא הויך און צו אזא ברייטער פילפאכיגער טעטיגקייט, וואס האט ניט קיין גלייכען אין קיין אנדער יוניאן אין אמע־ריקע.

די סומע, וואס די אינטערנעשאנעל מיט אירע לא־קאלס גיבען אויס אויף עדיוקיישאנעל ארבייט, איז אין די לעצטע דריי יאר ריזיג געוואקסען. די סומע ווערט גאנץ באזונדערס גרויס, ווען מען רעכענט אריין די פעריאדי־שע שריפטען, וואס די אינטערנעשאנעל גיט ארויס אין פארשידענע שפראכען. אין דער בוכפירונג פון דער אינ־טערנעשאנעל ווערען, אמת, די קאסטען פון די פעריא־דישע שריפטען ניט אריינגערעכענט אין דעם בודזשעט פון דעם עדיוקיישאנעל דעפארטמענט, אבער די צייטונ־גען, וואס די אינטערנעשאנעל גיט ארויס, דינען דעם צוועק פון בילדונג און אויפקלערונג, וואס דאס איז אויך זייער אויפגאבע.

* * *

די גענעראל עקזעקוטיווע פון דער אינטערנעשאנעל האט אויף איר לעצטען מיטינג, וואס איז אפגעהאלטען גע־ווארען אין ניו יארק אנפאנג אפריל, געווארפען א ריק בליק אויף דער טעטיגקייט פון דער יוניאן, פאר די פאר־גאנגענע דריי יאר, צוגרייטענדיג איר רעפארט פאר דער קאנווענשאן. עס איז א רעפארט, וואס דערצעהלט א סך. עס גיט א בילד ווי גרויס די יוניאן איז אויסגעוואקסען און וואס זי האט אין דער צייט אויפגעטאן. עס ווייזט, אז די דריי יאר פון שיקאגא ביז אטלאנטיק סיטי זיינען אין דער געשיכטע פון דער אינטערנעשאנעל געווען יא־רען פון גרויס פראגרעס, וואוקס און ערפאלג. די גענעראל עקזעקוטיווע האט דערביי אויך אויסגעארבייט א געוויסע צאל רעקאמענדאציעס, וואס זיי וועט פארשלאגען פאר דער קאנווענשאן, פאר די אינטערעסען פון דער יוניאן אין ווייטערדיגער ארבייט און פאר איר ווייטערדיגען ער־פאלג.

די פירער פון אונזער גרויסער יוניאן און די דעלע־גאטען, וואס קומען צו דער קאנווענשאן אין אטלאנטיק סיטי, קענען זיך פילען שטאלץ מיט דער ארגאניזאציע, וואס זיי פארטרעטען און זיי קענען מיט פולען מוט און פולען גלויבען אונטערנעמען די ווייטערדיגע ארבייט פון דער יוניאן איר צו מאכען גרעסער, שטארקער, איינפלוס־רייכער, כדי זי זאל קענען אויפטאן פאר אירע מיטגלידער אין דער צוקונפט נאך מער ווי אין דער פארגאנגענהייט. און מיר זיינען זיכער, אז די קאנווענשאן אין אטלאנטיק סיטי וועט זיין א ווייטערדיגער גרויסער שריט פארווערטס צו דעם ענדליכען ציל צו וועלכען די אינטערנעשאנעל שטרעבט, צוזאמען מיט דער גאנצער פראגרעסיווער אר־בייטער באוועגונג — צו דער פולער באפרייאונג פון ארבייטער קלאס און צו א גערעכטער מענשליכער געזעל־שאפט, וואו עס וועלען ניט זיין קיין עקספלואטירער און קיין עקספלואטירטע און וואו עס וועלען ניט זיין קיין הער־שענדע קלאסען און באהערשטע.

* * *

די קאנפערענץ מיט די קלאוק מאנופעקטשורערס

די קאנפערענצען פון דער קלאוקמאכער יוניאן מיט די קלאוק מאנופעקטשורערס ווע־גען באנייען דעם אגרימענט האבען זיך שוין אנגעפאנגען, און מיר האפען, אז זיי וועלען זיך ענדיגען מיט א גוטען ערפאלג.

די קלאוקמאכער דערווארטען פון די קאנפערענצען פריהער פון אלץ און מער פון אלץ א העכערונג אויף זייערע פארדינסטען. זיי וואלטען דאס געדארפט דער־ווארטען, ווען לעבענס־מיטעל און אלע אנדערע הוצאות וואלטען אפילו נים אזוי שטארק געשטיגען. די פאר־דינסטען פון די קלאוקמאכער זיינען געווען צו קליין

סענאַטאָר אַנגעוויזען וואו זיין טעות ליגט. מען דאַרף אָבער זאָגען, אַז דער ענטפער איז ניט שטאַרק איבערצייגענד. דער ענטפער האָט בלויז געקענט אַריינוואַרפען אַ צווייפעל, אויב סענאַטאָר וואַנדענבערג'ס חשבון איז אַ ריכטיגער, אָבער ער איז ניט איבערצייגענד, אַז די ציפער פון לייבאָר דעפּאַרטמענט זיינען ריכטיגע, און עס בלייבט איינפאַך פאַר איינעם אויסצוקלייבען, וועלכע ציפער וועגען דער צאָל פון אַרבייטסלאָזע ער זאָל אָננעמען, צי סענאַטאָר וואַנדענבערג'ס, אָדער פון לייבאָר דעפּאַרטמענט.

אויב סענאַטאָר וואַנדענבערג'ס ציפער זיינען ריכטיג, דאַן איז דער קריזיס שוין אין גאַנצען ליקווידירט. דריי מיליאָן אַרבייטסלאָזע צווישען איבער 41 מיליאָן אַרבייטער קאָן אין דער אַמעריקאַנער אינדוסטריע באַטראַכט ווערען פאַר גאַנץ נאָרמאַל. אַ פּאָר מיליאָן אַרבייטסלאָזע זיינען אפילו געווען אין יאָר 1929, ווען די פּראָספּעריטי אין אַמעריקע האָט דערגרייכט איר העכסטע שטופע. אַזוי איז שוין די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט, אַז אפילו אין איר בעסטער צייט מוז זי האָבען אַ שטענדיגע אַרמעע פון אַרבייטלאָזע. דאָס איז אַ טייל פון איר סיסטעם. נישט מער, ווען די אַרמעע פון אַרבייטסלאָזע ווערט צו גרויס, טויג עס ניט. עס ברעכט אויס אַ קריזיס. אָבער אַן אַרמעע פון דריי מיליאָן אַרבייטסלאָזע קאָן ניט באַטראַכט ווערען פאַר צו גרויס. מען דאַרף אויך נעמען אין באַטראַכט, אַז פון 1929 ביז 1937 האָט די באַפעלקערונג אין אַמעריקע זיך באַדייטענד פאַרגרעסערט און עס זיינען דעריבער צוגעקומען עטליכע מיליאָן אַרבייטער. עס הייסט, אַז די אַרמעע פון אַרבייטסלאָזע דאַרף זיין איצט אַ ביסעל גרעסער ווי אין 1929. לויט סענאַטאָר וואַנדענבער'ס ציפער זיינען איצט אויך מער אַרבייטער באַשעפטיגט ווי אין 1929.

אָבער ווי זאָגט מען: וואָס קומט אַרויס פון חשבון, אַז קיין געלט איז ניטאָ? לויט סענאַטאָר וואַנדענבערג'ס חשבון איז טאַקע שוין מער קיין קריזיס ניטאָ און די אַנטלאָפענע פּראָספּעריטי איז צוריק געקומען, אָבער די טאָג־טעגליכע פאַקטען פון לעבען זאָגען עפּעס אַנדערש. קיינער באַשטרייט ניט, אַז די עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד האָט זיך באַדייטענד פאַרבעסערט, אַז די אַרבייטסלאָזיגקייט איז באַדייטענד פאַרקלענערט געוואָרען, אָבער די אמת'ע פּראָספּעריטי קען מען געפינען בלויז ביי די רייכע, דער גרויסער ברייטער עולם האָט נאָך פאַרלויפיג די פּראָספּעריטי ניט אָנגעזעהן און קריגען א דזשאָב איז אויך נאָך היינט איינע פון די שווערסטע זאַכען. די וואָס זוכען דזשאָבס וועלען עס אייך דערצעהלען. און באַזונדערס קלאָר דערצעהלען עס די אַנקעטעס, וואָס זיינען לעצטענס דורכגעפירט געוואָרען צווישען דער יוגענט, וואָס האָבען דערגרייכט דעם עלטער אַריינצוטרעטען אין פּראַקטישען לעבען און זיך אַליין פאַרזאָרגען.

נאָר אין איין פּונקט איז סענאַטאָר וואַנדענבערג געוויס גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז די רעגירונג האָט געדאַרפט דורכפירען אַ צעהלונג (צענזוס) און דורך דעם אויסגעפינען וויפיל אַרבייטסלאָזע עס זיינען איצט פאַראַן אין אַמעריקע און וויפיל עס האָבען אַרבייט. ווען דאָס זאָל דורכגעפירט ווערען, וואָלט מען מער ניט דאַרפען טרעפען און מען וואָלט אויך ניט דאַרפען זיך שטרייטען.

⁂

די צייטונגען האָבען די טעג געדרוקט אַ בילד, אויף וועלכען עס זיינען געווען וויליאַם גרין, פּרעזידענט פון דער אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, און דזשאָהן לואיס, דער פירער פון סי. אַי. אָ. עס איז געווען אַ בילד פון די פּערזאָנען, וואָס האָבען זיך באַטייליגט אין דער קאָנפערענץ צווישען פאָרטרעטער פון קאַפּיטאַל און אַרבייט וועגען דער דורכפירונג פון דעם וואַגנער געזעץ. אין די אונטערשריפטען, וואָס האָבען באַגלייט דאָס בילד אין די צייטונגען, איז פיל מער אונטערגעשטראָכען געוואָרען דאָס צונויפטרעפען זיך פון לואיסען און גרינען אויפ'ן בילד, ווי דאָס צונויפטרעפען זיך פון אָרגאַניזירטען קאַפּיטאַל און אָרגאַניזירטער אַרבייט אויף איין בילד. עס איז דערביי אויך געמאַכט געוואָרען אַ באַמערקונג, אַז אין יעדער פראַגע וואָס איז אויפגעהויבען געוואָרען וועגען די יוניאָנס, האָבען גרין און לואיס שטענדיג געהאַלטען צוזאַמען.

נאָר אין דעם זעלביגען טאָג וואָס דאָס דערמאָנטע בילד איז געווען געדרוקט אין די צייטונגען, איז דאָרטען אויך געדרוקט געוואָרען, אַז די עקזעקוטיווע פון דער אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר האָט אויף איר זיצונג אין וואַשינגטאָן פאַרהאַנדעלט די פראַגע וועגען רופען אַ ספּעציעלע קאָנווענשאָן, וואָס זאָל אויסשליסען די יוניאָנס, וואָס באַלאַנגען צו דער סי. אַי. אָ. און ווי עס זעהט אויס, וועט אַזאַ באַשלוס אָנגענומען ווערען.

אין דער זעלביגער צייט איז אויך געווען אין די צייטונגען, אַז אין אַמעריקע זיינען איצט פאַראַן איבער 41 מיליאָן אַרבייטער, אויסער די וואָס זיינען באַשעפטיגט ביי ערד־אַרבייט, און אָרגאַניזירט אין יוניאָנס זיינען פאַראַן אַן ערך פינף מיליאָן. דאָס איז שוין צוזאַמען אין די יוניאָנס פון דער אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, פון די סי. אַי. אָ. און פון די אומאָפּהענגיגע יוניאָנס.

קען, דאַכט זיך, אַ געוויינליכער לעזער פון די צייטונגען פרעגען: אָט זיינען לואיס און גרין אויף איין קאָנפערענץ ווי אויסצונוצען דעם וואַגנער געזעץ פאַר די אַרבייטער, און ווען עס קומט צו אַ פראַגע וועגען די יוניאָנס, האַלטען זיי צוזאַמען; און אָט זיינען אין אַמעריקע פאַראַן נאָך 36 מיליאָן אַרבייטער צו אָרגאַניזירען און דורך דעם וואַגנער געזעץ איז עס געוואָרען זיי לייכטער צו אָרגאַניזירען, טאָ פאַרוואָס זאָל די עקזעקוטיווע פון דער אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר זיך איצט פאַרנעמען מיט דער פראַגע ווי צו פאַרשאַרפען דעם ברודער־קאַמף אין דער אַמעריקאַנער אָרגאַניזירטער אַרבייטערשאַפט דורך דער אויסשליסונג פון דער סי. אַי. אָ.? בעסער האָט זי געדאַרפט קלערען וועגען אַ וועג צו שלום, כדי צו קענען אָרגאַניזירען וואָס אַ גרעסערע צאָל פון די ניט־אָרגאַניזירטע. און עס זיינען דאָך פאַראַן אַזוי פיל אונאָרגאַניזירטע, אַז עס לוינט זיך אפילו ניט אויפצוהויבען קיין יוריסדיקציע פראַגען. עס זיינען דאָך פאַראַן מיליאָנען נייע מיטגלידער, וואָס מען קען געווינען פאַר די יוניאָנס, אפילו פאַר די פאַך־יוניאָנס, ווען מען זאָל נאָר ניט וועלען שפּאָרען קיין אַרבייט און קיין געלט.

עס איז אַ קורצע און אַן איינפאַכע פראַגע. ווער קען אָבער געבען אויף איר אַ צופרידענשטעלענדען ענטפער?

פאַבלען

פון נחום י.

דער קצב און די קו

אַ קצב האָט אַמאָל געפירט אַ קו
אין שלאַכטהויז, אַדער ערגעץ אַנדערש־וואו,
אַהין וואו בהמות ווערען־אָן דאָס לעבען...
נאָר אונזער קו געווען איז איינגעשפּאַרט און ווילד,
דערצו האָט זי, ווייזט אויס, איר סוף דערפילט,
האָט זי זיך אויפגעשטעלט, — און טוט וואָס איר ווילט, —
האָט זי קיין טראָט שוין ווייטער ניט געגעבען.
אומזיסט האָט דאָרט מיט איר דער קצב איינגעקנעלט
(די יונגען זיינען הינטער אים אין וועג פאַרבליבען
און האָבען בהמות אַנדערע צום שלאַכט געטריבען):
— „וואָס הייסט? איך לעב דאָך אויף דער וועלט
אַזוי פיל יאָרען,
און קען דאָך אַלעמען אין דיין משפחה גוט,
זיי האָבען שטענדיג זייער לעבען
פאַר לייטען אָפּגעגעבען
אין שטילער מוט...
און דו? וואָס איז מיט דיר געוואָרען?
וואָס האָט מיט דיר אַזוינס פּאַסירט?"
נאָר זיינע רייד האָט ער אומזיסט פאַרלאָרען,
די בהמה האָט פון אָרט זיך ניט גערירט.
— „ביי איצטערדיגע צייטען", —
האָט ווידער זיך דער קצב קעגן איר געשטעלט,
„איז יעדער דאָך מחויב ברענגען נוץ דער וועלט
און עפּעס טאָן פאַר לייטען!
און איבערהויפּט נאָך ווען מען קוקט אויף דיר אַרויס
אין יעדען הויז.
אָט זיצען דאָרט דריי זקנים
און קלערען פון אַ מאָלצייטעל אַ שיינעם, —
באַטראַכט וואָס דו קאָנסט אויפטאָן פאַר די אַלטע לייט!"
דערווייל זיינען פון דער זייט
צום קצב זיינע יונגען אָנגעקומען!
זיי האָבען, ניט פאַרלירענדיג קיין צייט,
די בהמה פאַר די הערנער אָנגענומען,
די פיס פאַרפּענטעט מיט אַ שטריק,
און שפּעטער מיט אַן אויגענבליק
איז, — לויט דעם שטייגער פון די פריהערדיגע יאָרען, —
פון אונזער לעבעדיגער בהמה פלייש געוואָרען...

●

דער חזיר

אַ חזיר, וואָס איז נאָכ'ן רעגען
אין וואַרעמינקער בלאָטע ביז'ן האַלז געלעגען.
געמיטליך אויסגעצויגען זיינע קורצע פיס,
האָט זיך בנעימות'דיג און זיס,
מיט אויגן האַלב־פאַרמאַכט פון פאַרגעניגען,
אַזוי געכרוקעט צו די פליגען:
— „וואָס טויג מיר שיינקייט, זון און שיין!
אַז שוין צוליב דער בלאָטע לוינט זיך דאָך צו זיין אַ שוויין"...

פון צייט צו צייט

פון צביון.

ווען עס וואלט עקזיסטירט א פרייז פאר די וויכטיגסטע נייעס פון חדש, וואלט זיכער געווען די איינשטימיגע מיינונג, אז דעם פרייז האט פארדינט די נייעס פון דער אנטשיידונג פון העכסטען געריכט וועגען דעם וואגנער געזעץ. עס איז געווען ניט בלויז די וויכטיגסטע נייעס, נאר אויך די איבערראשענסטע און סענסאציאנעלסטע, ווייל גאנץ ווייניג מענשען אין אמעריקע האבען דערווארט, אז דאס העכסטע געריכט וועט ערקלערען דעם וואגנער געזעץ פאר קאנסטיטוציאנעל. פון די אלע פריהערדיגע אנטשיידונגען, וואס דאס העכסטע געריכט האט ארויסגעגעבען וועגען געזעצען פון דעם מין האט מען פיל גיכער געקענט טראכטען, אז די אנטשיידונג וועגען דעם וואגנער געזעץ וועט זיין אן אומגינסטיגע. און דער דערמאנטער פרייז פאר די וויכטיגסטע נייעס פון חדש וואלט פארשטעהט זיך געדארפט געגעבען ווערען צום העכסטען געריכט, וואס האט געשאפען אט די שטיק וויכטיגע, איבערראשענדע נייעס. נישט מער, פרעזידענט רוזוועלט וואלט געהאט א רעכט צוזאגען, אז איהם קומט א חלק, ווארום ווען ער וואלט ניט אנגעפנגען זיין קאמף פאר רעפארמירען דאס העכסטע געריכט וואלט די איבערראשענדע נייעס וועגען דעם וואגנער געזעץ ניט געקומען. ער וואלט גיכער געגאנגען דעם וועג, וואס דער גאפי געזעץ און אנדערע ענליכע געזעצען, וואס דאס העכסטע געריכט האט געשיקט אין קבר. און אויב מען וואלט איבערגעגעבען צו צייטונגס-מענשען צו אנטשיידען אויב פרעזידענט רוזוועלט פארדינט א חלק פון דעם פרייז, וואלט די אנטשיידונג זיכער געווען א גינסטיגע פאר אים, ווייל ווייניג צייטונגס-מענשען צווייפלען אין דעם, אז עס איז געווען רוזוועלטס קאמף פאר רעפארמירען דאס העכסטע געריכט, וואס האט געווירקט אויף דער אנטשיידונג וועגען וואגנער געזעץ.

נאר וואס קומט איצט?

מענשען מיט וויכע הערצער זאגען, אז רוזוועלטס קאמף דארף זיין דערמיט געענדיגט, דאס העכסטע געריכט האט נעמליך באוויזען, אז עס איז ניט אזוי פארגליווערט ווי מען האט וועגען אים געטראכט און עס איז גאר ניט אזוי איינגעשפארט צו פארען בלויז מיט זיין אלטען פערד און וואגען, נאר עס קען זיך אויך ארויפכאפען אויף א מאדערנעם עקספרעס-צוג אדער אפילו אויף אן עראפלאן.

נו, וויכהארציגקייט איז זעהר א גוטע מידה, ווען עס האנדעלט זיך וועגען געבען צדקה אדער סתם אזוי טאן מענשען טובות, עס איז אבער גאר קיין מעלה ניט אין פאליטישען קאמף.

ווען אפילו די אנטשיידונג פון העכסטען געריכט וועגען דעם וואגנער געזעץ וואלט געווען אן איינשטימיגע וואלט מען אויך דעמאלט געקענט זאגען, אז דער קאמף צו רעפארמירען דאס העכסטע געריכט דארף פארטגעזעצט ווערען. מען וואלט איינפאך געקענט זאגען, אז דער גורל פון דער אמעריקאנער געזעצגעבונג טאר ניט זיין אפהענגיג פון דער שטימונג און פון דער לאגיק פון 9 אלטע לייט, וואס האבען די מאכט צו ערקלערען יעדען אנגענומענעם געזעץ פון קאנגרעס פאר אומקאנסטיטוציאנעל. דיזעלביגע 9 ריכטער האבען מיט זייער לאגיק געקענט איינשטימיג ערקלערען דעם וואגנער געזעץ פאר אומקאנסטיטוציאנעל פונקט ווי זיי האבען עס געטאן מיט דער נ. ר. א. און זייער לאגיק וואלט געווען מעהר אויסגעהאלטען. אזא גרויס לאנד ווי אמעריקע, מיט אזא גינסטיגער אינדוסטריע און קאמפליצירטער ווירטשאפט קען ניט אפהענגען מיט איהר געזעצגעבונג פון א קליינער צאל פערזאנען, וועלכע זיינען אלמעכטיג מיט זייער אנטשיידונג.

אבער עס איז נאך ערגער וואס דער גורל פון דעם וואגנער געזעץ האט אפגעהאנגען פון איין מענשען. די אנטשיידונג איז געווען 5 פאר'ן געזעץ און 4 געגען אים. און ווען די שטימען פון די ריכטער וואלט זיך געטיילט אויף דעם שטייגער, וואס פריהער, וואלטען דאך 5 ריכטער געשטימט געגען, און דער וואגנער געזעץ וואלט ערקלערט געווארען פונקט אזוי ניט קאנסטיטוציאנעל ווי דער גאפי קוילען געזעץ. און קען א געזעצגעבונג פון א לאנד אפהענגען פון דעם אורטייל, פון דער שטימונג און פון דער לאגיק פון איין מענשען?

עס איז קלאר, אז רוזוועלט מוז פארטזעצען זיין קאמף צו רעפארמירען דאס העכסטע געריכט. אבער פונקט ווי די לעצטע אנטשיידונג, ווען זי איז אפילו געווען א גינסטיגע, זאגט אונז, אז רוזוועלט'ס קאמף צו רעפארמירען דאס העכסטע געריכט מוז פארטגעזעצט ווערען, זאגט זי אונז אויך, אז רוזוועלט'ס רעפארמען זיינען ווייט ניט גענוג, נאר אז עס פאדערט זיך צו זיי אויך אן אמענדמענט וואס זאל באשרענקען די מאכט פון העכסטען געריכט.

רוזוועלטס פארגעשלאגענע רעפארמען זיינען גוט אויף דערווייל. מען קען אננעמען אזוי גוט ווי זיכער, אז ווען זעקס נייע אויסגעשפראכענע ליבעראלע ריכטער זאלען אריינגעזעצט ווערען אין העכסטען געריכט וועט עס וויניגסטענס פאר דער צייט פון רוזוועלטס אדמיניסטראציע זיין א געניגענדע ליבעראלע מאיאריטעט. אבער קען מען זיין זיכער אויף שטענדיג? אט האבען מיר איצט געזען, אז אויך מיטגלידער פון העכסטען געריכט קענען בייטען זייערע מיינונגען. און פונקט ווי א קאנסערוואטיווער ריכטער קען זיך בייטען און ווערען ליבעראל, קען אויך א ליבעראלער ריכטער זיך בייטען און ווערען קאנסערוואטיוו. און דאס צווייטע קען גראד טרעפען גיכער ווי דאס ערשטע. דער גרעניץ פון 70 יאהר קען אין דעם פרט ניט זיין קיין זיכערע שוץ. מען קען ווערען קאנסערוואטיוו אויך צו 65 יאהר.

רוזוועלטס פארגעשלאגענע רעפארמען קענען דעריבער זיין גוט בלויז אויף דערווייל, צו זיי אבער דארף מען אן אמענדמענט צו דער קאנסטיטוציע, וואס זאל זיין גוט אויך אויף שפעטער. און ווען עס וואלט אפהענגען פון מיר וואלט דער אמענדמענט געווען, אז מען זאל אינגאנצען אפשאפען דאס העכסטע געריכט. איך בין זיכער, אז מען וואלט אויסקומען אהן אים בעסער ווי מיט אים. אבער אויב דאס איז צופיל פארלאנגט מיט איינמאל דארף וועניגסטענס זיין אן אמענדמענט אוועקצונעמען פון העכסטען געריכט די מאכט צו ערקלערען געזעצען, וואס ווערען אנגענומען פון קאנגרעס פאר אומקאנסטיטוציאנעל.

* * *

דער וואגנער געזעץ גיט די אומארגאניזירטע ארבייטער פון אמעריקע א גוטע געלעגענהייט זיך צו ארגאניזירען און האבען זייערע אייגענע יוניאנס, וואס זאלען פארטיידיגען זייערע אינטערעסען. אבער מיט דעם כח פון געזעץ אליין וועט דאס ניט געטאן ווערן. אויך די נ.ר.א. פאר דער קורצער צייט, וואס זי האט עקזיסטירט, האט געגעבען א גוטע געלעגענהייט צו ארגאניזירען די אומארגאניזירטע, אבער ווייניג האבען די געלעגענהייט אויסגענוצט. בלויז א קליינע צאל יוניאנס, און אייניגע פון די ווייניגע אונזער אינטערנעשאנאל, האבען זיך באנוצט מיט דער געלעגענהייט און האבען אנגעפאנגען א גרויסע, ברייטע ארגאניזאציאנס-ארבייט, וואס האט זיך געקרוינט מיט אן ערפאלג. די מייסטע יוניאנס אבער האבען עס ניט געטאן. זיי האבען גערוהט אויף זייערע אלטע לארבער-קראנצען און האבען זיך באנוגענט מיט וויפיל זיי האבען געהאט פון פריהער און די אומארגאניזירטע זיינען אויך אויף ווייטער געבליבען אומארגאניזירט ביז עס איז געקומען די סי. אי. א. און האט זיך גענומען צו דער ארבייט און האט אויפגערודערט דאס לאנד.

דער וואגנער געזעץ האט ביז איצט אזוי גוט ווי ניט עקזיסטירט. די באלעבאטים זיינען געווען זיכער, אז ער וועט ערקלערט ווערען פון העכסטען געריכט פאר אומקאנסטיטוציאנעל און זיי האבען אפילו ניט אנגעפאנגען פאלגען. זיי האבען איינפך געמאכט א זיך-סטרייק געגען איהם. דאך האט די סי. אי. א. אויפגעטאן א סך ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס דער וואגנער געזעץ האט ניט פונקציאנירט. די אינטערנעשאנאל איז אויך ניט געזעסען מיט פארלעגטע הענט און געווארט אויף דער אנטשיידונג פון העכסטען געריכט, נאר זי האט געטאן איר ארבייט און געהאט אן ערפאלג אפילו אין אזעלכע ערטער, וואו עס האט אנפאנג אויסגעוויזען, אז מען שטעהט פאר אן אייזערנער וואנט, וואס קען ניט דורכגעבראכען ווערען, ווי דאס איז געווען אין קענזאס סיטי, אדער אין דער קאטען דרעס אינדוסטריע. עס פארשטעהט זיך, אז איצט, האבענדיג דעם וואגנער געזעץ צו הילף, וועט די ארבייט פון ארגאניזירען די אומארגאניזירטע זיין א לייכטערע, אבער דאס מיינט, אז ערשט איצט דארף מען זיך נעמען צו דער ארבייט מיט א נייעם אימפעט, כדי אויסצונוצען דעם גינסטיגען מאמענט. און ארבייט איז פארן א סך. די צאל ארגאניזירטע מיט אלע ערפאלגען פון דער סי. אי. א. איז נאך אלץ א קליינע. עס זיינען נאך אלץ פאראן איבער דרייסיג מיליאן לוין־ארבייטער, וואס זיינען ניט ארגאניזירט. אפילו אין דער פרויען קליידער אינדוסטריע, וואס האט אין די לעצטע דריי יאר דערגרייכט אזא הויכע שטופע פון ארגאניזירטקייט, האט נאך אויך צענדליג טויזענט ניט ארגאניזירטע, די מערסטע פון זיי אין קאטען דרעס טרעיד, וואס ווערט קאנטראלירט פון רייכע מאנופעקטשורערס, וועלכע זיינען פעט געווארען פון די לאנגע יאהרען ניט־יוניאן ארבייט אין זייערע שעפער, וואו זיי האבען זייערע שקלאפען געצאלט נאך ווייניגער ווי א הונגער לוין.

עס ווערט פון מאנכע אויסגעדריקט די האפנונג, אז דורך דעם, וואס דער וואגנער געזעץ האט איצט אנגעפאנגען צו פונקציאנירען, איז עס געשאפען געווארען א נייע מעגליכקייט צו שאפען שלום צווישען דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר און די סי. אי. א.

אייגענטליך איז שווער איינצוזעהן וואס פאר א שייכות עס האט דער וואגנער געזעץ צו דעם שטרייט צווישען דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר. דאס איינציגע, וואס מען קען אפשר זאגען, איז, אז איצט איז לייכטער געווארען צו ארגאניזירען די אומארגאניזירטע אינדוסטריען און די אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר וועט וועלען אויסנוצען די גינסטיגע געלעגענהייט און זי וועט זוכען צו קומען צו א פארשטענדניש מיט דער סי. אי. א. כדי מיט פאראייניגטע כוחות צו ארגאניזירען די מיליאנען אמעריקאנער ארבייטער, וואס דארפען און קענען ארגאניזירט ווערען.

דאס וואלט געווען זעהר גוט, ווען דאס זאל פאסירען. עס זיינען פאראן אזוי פיל ארבייטער צו ארגאניזירען, אז עס לוינט זיך אפילו ניט צו שטרייטען וועגען יוריסדיקציע פראגען. עס זיינען פאראן אזוי פיל מיליאנען ארבייטער, וואס קענען געוואונען ווערען פאר מיטגלידער אין די יוניאנס, אז עס קען זיין גענוג פאר אלעמען, אפילו פאר די פאך יוניאנס. אגב האט דאך פרעזידענט גרין, פון דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר מעהרערע מאל ערקלערט, אז עס איז ניט קיין שטרייט וועגען אינדוסטריעלען יוניאניזם און פאך יוניאניזם, ווייל די אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר איז ניט געגען אינדוסטריעלע יוניאנס, נאר דער הויפט־שטרייט איז וועגען דעמאקראטיע. און אויב דאס איז אזוי, וואלט מען אפשר, צוליב דער וויכטיגקייט פון מאמענט, געקענט אפלייגען אויף א געוויסער צייט דעם שטרייט וועגען דער פראגע פון דעמאקראטיע און אויסנוצען די געלעגענהייט צו ארגאניזירען די מיליאנען אומארגאניזירטע ארבייטער, עפעס וואס איז געוויס זעהר וויכטיג.

נאר עס זעהט פארלויפיג ניט אויס, אז עס איז געווארען נעהענטער צו א שלום. מען וועט דארפען צופרידען זיין, אויב דער שטרייט וועט ניט ערגער און שארפער ווערען.

* * *

צווישען סענאטאר וואנדענבערג און דעם לייבאר דעפארטמענט איז אויסגעבראכען א שטרייט, ווי גרויס עס איז איצט די צאל פון ארבייטסלאזע אין אמעריקע. לויט די ציפער פון לייבאר דעפארטמענט איז די צאל פון ארבייטסלאזע 8 מיליאן, בעת לויט דעם חשבון פון סענאטאר וואנדענבערג — קנאפע 3 מיליאן. אן אונטערשייד אין גאנצע 5 מיליאן.

סענאטאר וואנדענבערג האט אויסגערעכענט, אז עס געפינען זיך איצט אין אמעריקע איבער 41 מיליאן ארבייטער, אויסער די וואס זיינען באשעפטיגט ביי ערד־ארבייט. ער האט ווידער אויסגערעכענט, אז 38 מיליאן ארבייטער זיינען איצט באשעפטיגט. זיין חשבון איז אזא: 26 מיליאן האבען זיך רעגיסטרירט פאר דעם אלטערס־פענסיע לויט דעם פארזיכערונגס געזעץ. די אלע 26 מיליאן מוזען זיין באשעפטיגט, אז ניט וואלטען זיי זיך ניט געקענט רעגיסטרירען. דער „נעשאנעל אינדאסטריעל קאנפערענס באארד" האט ווידער אויסגערעכנט אויף דעם גרונד פון באשטימטע ציפער, אז עס זיינען באשעפטיגט 12 מיליאן ארבייטער, וואס זיינען ניט בארעכטיגט לויט'ן פארזיכערונגס געזעץ צו אלטערס־פענסיע. צוזאמען, אלזא, 38 מיליאן וואס ארבייטען. און ווען מען נעמט אראפ 38 מיליאן פון 41 מיליאן בלייבט עס 3 מיליאן.

דער לייבאר דעפארטמענט האט געענטפערט סענאטאר וואנדענבערג'ן, אז ער מאכט א טעות אין זיינע ציפער, און איזאדאר לובין פון דער ביורא פון ארבייטער סטאטיסטיק אין לייבאר דעפארטמענט, האט דעם

אוועקצושטעלען זיך געגען דעם שטראם, ווייל די מאסען זיינען געווען פאר׳שיכור׳ט מיט דער קאמוניסטישער אגיטאציע, און דאס האט באדייטעט א פארלוסט פון לעזערקרייז און אן אפשוואכונג פון איינפלוס. דיזע חשבונות און געפאהרען האבען דעם „פארווערטס" אבער ניט אפגעשטעלט און ער האט זיין מיסיע אין יענעם געשיכטליכען קאמף גלענצענד ערפילט.

ארום 1928 איז ענטשטאנען דער באקאנטער סכסוך אינסייד דער ארגאניזאציע צווישען די, וואס האבען געגלויבט אז שלעזינגער דארף צוריק קומען אין דער יוניאן אלס פירער און די, וואס זיינען געשטאנען מיט זיגמאנ׳ען. דער „פארווערטס" האט דאן געשטיצט זיגמאנ׳ען, אבוואל די מאיאריטעט פון דער פירערשאפט און פון די מיטגלידער פון דער יוניאן, און איך צווישען זיי, האבען געהאלטען, אז אום צו רעעטאבלירען די יוניאן אין יענער צייט, האט זיך געפאדערט א נייער פרעזידענט, וועלכער איז ניט פארוויקעלט אין אינערליכען קאמף. זיי זיינען געווען פאר דעם, אז שלעזינגער זאל צוריק ווערען פרעזידענט פון דער „אינטערנעשאנעל", און ביים קאנווענשאן אין 1928, איז טאקע שלעזינגער, ווי באקאנט, ערוועהלט געווארען „עקזעקוטיוו וויס־פרעזידענט" פון דער יוניאן און איז נאכדעם געווארען פרעזידענט ווען זיגמאן האט מיט פינף מאנאטען שפעטער רעזיגנירט. די שטיצע, וואס דער „פארווערטס" האט געגעבען זיגמאנ׳ען אין יענעם צוזאמענשטויס, איז געווען צוליב טיפע סענטימענטאלע אורזאכען: זיגמאן איז אין די יאהרען פון קאמף געגען די קאמוניסטען געווארען, אזוי צו זאגען, די פארקערפערונג פון יענעם קאמף צו וועלכען דער „פארווערטס" האט אזוי גרויס און ווארים בייגעשטייערט און זיגמאן האט זיך ערווארבען, צוליב זיין מוט און אייזען־פעסטע שטעלונג, א גרויסע צאל ווארימע פריינד און פארעהרער צווישען דער „פארווערטס" פאמיליע, אבוואל ווען זיגמאן איז אין 1923 צוערשט ערוועהלט געווארען פרעזידענט, איז דער „פארווערטס" צו איהם געווען גאנץ קאלט און גלייכגילטיג.

דיזער פאל איז געווען, פיליכט, דער לעצטער וואו דער „פארווערטס" האט זיך געפונען ענטשידען אין אפאזיציע קעגען דער איבערוועגענדער מיינונג פון דער פירערשאפט פון אונזער יוניאן. נאטירליך, האט עס געפירט דערצו, אז שלעזינגער׳ס באציהונג צום „פארווערטס", ווען ער איז צוריק געווארען פרעזידענט, זאל זיין אביסעל אנגעצויגען און אפטמאל קאפריזנע און ער פלעגט זיך אפטמאל באקלאגען, אז דער „פארווערטס" גיט ניט דער יוניאן די נויטיגע גרויסע פובליסיטי צוליב פערזענליכע חשבונות. ס׳איז נאטירליך ניט לייכט צו באשטימען אויב דיזע קלאגען זיינען געווען בארעכטיגט, אדער אויב אן אנדער פרעזידענט וועלכער וואלט געווען וויניגער עמפינדליך וועגען פובליסיטי, וואלט זיך אויף דעם באקלאגט. אמת איז אבער, אז צו יענער צייט האט זיך שוין קריסטאליזירט אין „פארווערטס" און אין אנדערע ברייטע ארבייטער קרייזען א באשטימטער געפיהל, אז וואס אנבאלאנגט יוניאן פאליסיס און יוניאן פירערשאפט, דארפען זיך אפילו נאהענטע אויסווענייגסטע מענשען און גרופען ניט מישען; אז די יוניאנס זיינען גענוג אויסגעוואקסען, אז זיי קענען אליין פארוואלטען און אנגעהן מיט זייער ארבייט און לעבען. שלעזינגער אבער, וועלכער איז געווען אי א „פארווערטסיסט", אי אן „אינטערנעשאנעל" פרעזידענט, איז געווען געניגט דיזע טענדענץ אויסצוטייטשען איינזייטיג און ער האט די צוריקגעהאלטענקייט פון „פארווערטס" באטראכט אפטמאל אלס א פערזענליכע באלידיגונג.

קומען מיר איצט צו דער איצטיגער פעריאדע, ווען נאך דעם גרויסען אויפשוואונג פון דער „אינטערנעשאנעל" אין 1933, נאך די שרעקליכע קריזיס יאהרען, זיינען אויף דער סצענע ארויפגעקומען נייע כוחות, גאנץ נייע ארמייען ארבייטער אין אונזערע רייהען. דער שטילער פראצעס, וועלכער איז אנגעגאנגען יאהרענלאנג און האט ביסלעכווייז אומגעענדערט דעם גאנצען כאראקטער פון אונזער אינדוסטריע אזוי ווייט ווי עס באטרעפט די ראסען און שפראכען פון די מענשען וואס זיינען אין איהר באשעפטיגט, האט זיך פלוצלונג געלאזט פיהלען אין דער „אינטערנעשאנעל", ווען מיר האבען אריינגענומען אין די לעצטע 3־4 יאהר ארום 175 טויזענד נייע מיטגלידער. די „אינטערנעשאנעל", אין אנדערע ווערטער, איז שוין ניט מעהר א „אידישע" יוניאן; אונזער אידישע מיטגלידערשאפט צעהלט היינט ניט מעהר ווי א דריטעל, און, נאטירליך, דאס ברייגנט דערצו אז מיר זיינען שוין ניט אזוי פיל אפהענגיג פון א אידישע פרעסע ווי אמאל.

דאס דארף אבער ניט אויסגעטייטשט ווערן אז אונ־

זער טראדיציאנעלע פארבינדונג מיט דער אידישער ארבייטער גאס, און מיט׳ן „פארווערטס", וועלכער רעדט און ווירקט אין איהר סביבה, פארשווינדט. ניט בלויז אונזערע קלאוקמאכער לאקאלען, וועלכע פארבלייבען נאך איבערוועגענד אידיש, פיהלען זיך נאהענט צום „פארווערטס" ווי אמאל און באטראכטען דעם „פארווערטס" אלס זייער אייגענע צייטונג און זייער אייגענע אינסטיטוציע, נאר כמעט די גאנצע פירערשאפט פון דער „אינטערנעשאנעל" באטראכט דעם „פארווערטס", סיי אין דער ליכט פון זיינע גרויסע פארדינסטען אין דער פארגאנגענהייט און סיי אין דער אונאויפהערליכער ארבייט וואס ער לייסטעט אונז ביז היינטיגען טאג, אלס איינע פון די וויכטיגסטע זיילען פון אונזער באוועגונג.

איין זאך איז אבער קלאר. דער גאנג פון דער צייט האט געבראכט ניט בלויז אן ענדערונג אין דער סטרוקטור פון אונזער יוניאן; ניט בלויז זיינען מיר אויסגעוואקסען אין צאל און זיך פאנאנדערגעצווייגט איבער׳ן גאנצען לאנד און האבען אנגעזאמעלט א מאסע אינערליכע און מאטעריעלע כחות, נאר אלס אן ארגאניזאציע, זיינען מיר אויסגעוואקסען גייסטיג אין זין פון טאלעראנץ און דולדען קריטיק פון אונזערע אייגענע מיטגלידער, און פון אנדערע פריינדליכע עלעמענטען. געקומען איז דאס, ווארשיינליך, טאקע דערפאר וואס מיר שטעהען איצט אויף א פעסטערען באדען ווי אירגענד ווען אין דער געשיכטע פון אונזער יוניאן און אויך צוליב דעם, וואס די „אינטערנעשאנעל" פיהלט, אז זי איז איצט ניט מעהר א לאקאלע אדער אייך־שטאטיגע יוניאן, און אז טאלעראנץ און קריטיק קען איהר ניט שאדען, נאר בלויז גוט טאן. און דאס וואס דער „פארווערטס" דערלויבט איצט אין זיינע שפאלטען קריטיק און מיינונגס־פארשידענהייטען פון יוניאן מיטגלידער, דענק איך, איז א געזונטע פאליסי, וועלכע וועט אומפארמיידליך פיהרען דערצו, אז דער אלגעמיינער איינפלוס אויף דעם לעזער, אויף דעם אידישען לעזער ספעציעל, וועלכער האט קיינמאל ניט געליבט צו פאלען כורעים פאר „נאטשאלסטווא", וועט שטארק פארגרעסערט ווערען. הלואי וואלטען מיר אזא פאליסי פון מעהר געדולד און טאלעראנץ אנגענומען מיט יאהרען צוריק, וואלטען מיר זיך אין אונזער באוועגונג פיליכט א היבש ביסעל הארצוויטאג און שאדען פארשפארט.

און איידער איך פארענדיג, וויל איך ווידער זאגען, אז אן איבערבליק פון די באציהונגען פון „פארווערטס" און פון דער „אינטערנעשאנעל" פאר דיזע לאנגע יאהרען, קען ניט זיין פארפול אהן אן אויסדרוק פון אינערליכע אנערקענונג צום ערשטען, פאר אונזער טיף־געאכטעטען גענאסע אב. קאהאן, וועמעס פארדינסטען פאר דעם וואוקס און ערפאלג פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג און פון אונזער יוניאן ספעציעל, וועלען פארנעמען גאר א גרויסען פלאץ אין דער געשיכטע פון אונזער באוועגונג. איך האב שוין דערמאנט קאהאנ׳ס מערקווירדיגע בייטראגען נאך אין די אינגערע יאהרען פון אונזער „אינטערנעשאנעל".

און איך וויל ווייטער זאגען, אז צווישען די אנדערע וויכטיגע פערזענליכקייטען וועמען אונזער יוניאן באטראכט אלס אן „אייגענעם מענשען" און א טיף־איבערגעגעבענעם פריינד אין פריידען און ליידען, פארנעמט ב. וולאדעק א גאר באזונדערען פלאץ, ווייל וולאדעק האט פארשטאנען אם קלארסטען ווי נויטיג עס איז צו ברייגען די יוניאנס נעהענטער צום אלגעמיינעם געזעלשאפטליכען לעבען און צו פארבינדען זיי מיט געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס און האט געוועקט אין זיי אינטערעס פאר אלגעמיינע אידישע ענינים אין אמעריקא און אין דער גאנצער וועלט. א גרויסע מאס פון אנערקענונג פאר ברידערליכע מיטווירקונג אין אלע קריטישע מאמענטען פון אונזער „אינטערנעשאנעל" קומט אויך, און איך גיב עס מיט א ווארעם הארץ, צו פילע און פילע באגאבטע — איצטיגע און אמאליגע — מיטארבייטער פון „פארווערטס".

וויל איך דארום ווינשען דעם „פארווערטס" און דער גאנצער גרויסער „פארווערטס" משפחה אין וועמעס שמחה, דעם 40־יעהריגען יובילעאום פון דער צייטונג, עס באטייליגען זיך, פון נאהענט און וויטען, אלע ווירקליך פראגרעסיווע און ארבייטס־פריינדליכע עלעמענטען פון דער אידישער באפעלקערונג אין אמעריקע, לאנגע יאהרען פון דינסט און פארדינסט פאר די פארשידענארטיגע אינטערעסען פון דיזע מאסען. דער געדאנק, אז עס איז דא א „פארווערטס" און אז ער פונקציאנירט אלס די שענסטע אינסטיטוציע, וואס די אידישע ארבייטער וועלט האט ארויסגעבראכט פאר כמעט צוויי דורות, מאכט דעם באדען אונטער אונזערע פיס פיהלען פעסטער, זיכערער און שטארקט אונזער האפנונג פאר אן אימער־בעסערער און ליכטיגערער צוקונפט.

נייע לידער

פון
אברהם רייזען

אין קרייז

איך האב א קרייז פארקלערט
און זיך אין איהם געשטעלט:
עס מוז די אר׳מע ערד
באפרייט זיין און באהעלט.

עס מוז דאס בייז פארגעהן,
די ליבע קומען זאל;
דער מענש מוז ווערען שעהן
און קלוג אויף אלע מאל.
און פרידען אויף דער וועלט
און פרייד אויף ערד׳ס געזיכט,
און קיינער ניט באפעהלט —
ס׳טוט יעדער מענש זיין פליכט.

און יעדענס מיה — באלוינט,
און יעדענס רוף — דערהערט;
און לעבען איז געשוינט
און פרייהייט ניט געשטערט.

איך געה ניט אפ פון קרייז,
איך שטעה אין סאמע מיט...
א, וואונדער — זיך באווייז,
איך בין פון ווארטען מיד...

•

אין דער ווייט

דארט אין דער ווייט, אין דער ווייט,
אין „אייביג־זומער" מדינה, —
בוימער אין איטליכער זייט
און שטענדיג די בלעטעלאך גרינע.

דארט אין דער ווייט, אין דער ווייט,
ניט מיט באהן, ניט מיט שיף צו דערגרייכען,
בליט עס און וואקסט יעדע צייט,
פון דער נויט איז ניטא דארט קיין צייכען.

דארט אין דער ווייט, אין דער ווייט,
די מענשען — זיי לעבען ווי ברידער...
אזוי זאגען, דערציילען אונז לייט,
און אזוי זינגט מען אין לידער...

•

וואו זיינען?...

וואו זיינען אהין
די ווערטער די שארפע,
מיט יוגענט, מיט זין,
מיט קלאנג פון א הארפע?

די רעדנער אין הויך,
די צוהערער אונטען,
און ס׳איינציגט איין כח,
וואס גרייכט ביז די גרונטען...

און וואו איז דער מוט,
און וואו איז די גבורה,
אז ווארט זאל זיין טאט,
אז ווארט זאל זיין בשורה?...

און קיינער ניט מיד,
דער קאמף איז רפואה,
און נאכדעם דאס ליד
און נאכדעם די שבועה...

ווער האט ניט געהערט
דאס ליד און דאס שווערען:
„אן עדות די ערד,
אן עדות די שטערען"...

מיין באַגריסונג צום 40־יאָריגען יובילעי פון „פאָרווערטס"

פון דוד דובינסקי
פרעזידענט אינטערנעשאַנאַל לײדיס גאַרמענט
װאָירקערס יוניאָן.

ביים זייט פון דעם ברייטען שליאַך פון 40 יאָהר, וואָס דער „פאָרווערטס" האָט אויסגעטראָטען אין אידישען אַרבייטער־לעבען אין דער נייער וועלט, לויפען פילע אַנדערע גאַסען, וועגען און שטראָמען פון גרויס אַדער קליין באַדייטונג פאַר'ן ענטוויקלונג גאַנג פון די אימיגראַנטישע מאַסען, וועלכע דער געשיכטליכער גורל האָט געבראַכט צו די אַמעריקאַנער ברעגען.

צווישען די וועגען וואָס ציהען זיך פאַראַלעל מיט'ן לעבען און דער געשיכטע פון „פאָרווערטס" איז די גרעסטע, פיליכט, דער לעבענס וועג פון אונזער „אינטערנעשאַנעל", דער פאַרבאַנד פון די פרויען קלײדער אַרבייטער פון אַמעריקע. זיי זיינען בײדע כמעט פון איין עלטער — דער „פאָרווערטס" איז כראָנאָלאָגיש בלויז מיט דריי יאָהר עלטער ווי די „אינטערנעשאַנעל" — און אין פאַרלויף פון דיזען לאַנגען דור האָבען זייערע מאַרשרוטען זיך ניט איינמאָל געקרייצט און באַהעפט. ניט איינמאָל, אין דיזע פערציג יאָהר, האָט געשיינט אַז זייער גורל און עקזיסטענץ זיינען געווען אַזוי צוזאַמענגעקניפּט, אַז עס איז שווער געווען איינעם אָפּצוטיילען פון צווייטען.

איך קלייב זיך דאָ ניט צו שרייבען אַ געשיכטע פון „פאָרווערטס" און פון דער „אינטערנעשאַנעל". דאָס וואָלט פאַרנומען אַ גאַנצען בוך. איך וויל זיך באַגרעניצען מיט איניגע, סיי פערזענליכע און סיי אַלגעמיין באַקאַנטע שטריכען, אינצידענטען אָדער עפּיזאָדען וואָס באַלייכטען דעם צוזאַמענלעבען פון „פאָרווערטס" מיט אונזער יוניאָן אין פאַרלויף פון דיזע אַלע יאָהרען און דעם ברייטען באַזיס וועלכער האָט מעגליך געמאַכט, אַז הגם מיר האָבען ניט אויף אַלע זאַכען געקוקט מיט די זעלבע פאַר אויגען, זיינען מיר גרינטליך געווען אַ לעבעדיגער טייל פון איין און דעם זעלבען אָרגאַניזם און באַגייסטערט מיט דער זעלבער נשמה.

די מענשען וואָס זיינען געשטאַנען ביי דער וויגעלע פון „פאָרווערטס", און דאָס איז צום סוף פון לעצטען יאָרהונדערט געווען די זעלבע גרופּע וואָס האָט געהאָלפען בויען די ערשטע אידישע יוניאָנס און צו אָרגאַניזירען בכלל די אידישע אַרבייטער, זיינען געווען זעהר נאָהענט צו אונזער קלאָוקמאַכער יוניאָן אין די יוגענד יאָהרען פון איהר עקזיסטענץ. אין ניו יאָרק, אין פילאַדעלפיע, אין שיקאַגאָ, אין באָסטאָן, זיינען די מענשען וואָס זיינען שפּעטער באַצייכענט געוואָרען אַלס „פאָרווערטסיסטען", געווען צווישען די ערשטע וואָס האָבען געפּרעדיגט מיט וואָרט און טאָט יוניאָניזם צווישען די קלאָוקמאַכער און אַביסעל שפּעטער צווישען די וויסט מאַכער און אַנדערע נאָדעל אַרבייטער. זיי האָבען דעמאָלט געשאַפען די אידעאָלאָגישע טראַדיציע וואָס איז פאַרבליבען יאָהרענלאַנג איינגעוואָרצעלט אין אונזערע רייהען, אַז דער עקאָנאָמישער קאַמף און פּאָליטישע און קולטורעלע טעטיגקייט מוזען געהן האַנד אין האַנד. אָט דיזע טראַדיציע האָט עס געגעבען אונזער אידישער טרעיד יוניאַן באַוועגונג דעם באַזונדערען קאָליר און פּנים וואָס אַנדערע אָפּטיילונגען פון דער עקאָנאָמישער באַוועגונג האָבען קיינמאָל ניט געהאַט אָדער פיליכט ניט געקענט האָבען.

און ווען דער „פאָרווערטס" איז ענדליך ערשינען און האָט אָנגעפאַנגען ווירקען און בעאיינפלוסען דעם לעבען פון די אידישע אַרבייטער און אידישע אימיגראַנטען בכלל, איז זיין ווירקונג געווען אויסדריקליך אין דער ריכטונג פון מיטווירקען צוזאַמען מיט די דעמאָלסדיגע יוניאָנס און אַרבייטער גרופּען וועלכע, הגם נאָך גאַנץ שוואַך און פּרימיטיוו, זיינען דאָך געווען דאָס איינציגע ביסעל כח פון וועלכע די אַרבייטער האָבען געקענט ערוואַרטען אַ דערלייכטערונג פון די זעהר שווערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון יענער פּעריאָדע.

אין די ערשטע צען יאָהר פון אונזער עקזיסטענץ, און דאָס איז אויך געווען אין דער אויפשוואונג־פּעריאָדע פון „פאָרווערטס", ווען די יוניאָנס זיינען געשטאַנען אויף אַ וואַקלדיגען באָדען, איז דער „פאָרווערטס" געווען פון די ערשטע וואָס האָט געשטיצט מיט אַלע מעגליכקייטען יעדע באַוועגונג צו עראָבערען אירגענד וועלכע פאַרבעסערונג פאַר אונזערע אַרבייטער. דער ריפער מאַכער סטרייק פון 1907, און שפּעטער די ערשטע גרויסע אַרויסטרעטונג פון די וויסט מאַכער אין 1909, זיינען פון „פאָרווערטס" געשטיצט געוואָרען אויף אַ ברייטען, ברידערליכען אופן. די פיהרער פון „פאָרווערטס" האָבען פאַרשטאַנען ווי אָפּצושאַצען די וויכטיגקייט פון אונזערע ערשטע מאַסען־קאַמפען. און ווען, אַ יאָר שפּעטער, איז געקומען דער היסטאָרישער קלאָוקמאַכער סטרייק פון 1910, וואָס האָט בוכשטעבליך רעוואָלוציאָניזירט דעם גאַנצען יסוד פון דעם אידישען פּראָלעטאַרישען לעבען פון אונזער לאַנד, האָט דער „פאָרווערטס" בייגעשטייערט צו דעם ערפאָלג פון יענעם סטרייק אויף אַ גרויסאַרטיגען אופן. עס האָבען זיך אין יענעם סטרייק אַריינגעוואָרפען די בעסטע קרעפטען וואָס דער „פאָרווערטס" האָט פאַרמאָגט. די אומפאַרגעסליכע הילף וואָס אַב. קאַהאַן האָט דאַמאָלסט געגעבען דעם קלאָוקמאַכער סטרייק מיט וואָרט און פען, מיט אויפמונטערען די רייהען פון די צענדליגע טויזענדער וואָס זיינען נאָך דאַמאָלסט געווען פרעמד דער טרעיד

יוניאָן באַוועגונג, וועט אימער פאַרבלייבען צווישען די שענסטע אינדיווידועלע בייטראָגען צו דעם וואוקס און דויערהאַפטיגקייט פון דער איצטיגער קלאָוקמאַכער יוניאָן.

ווען איך בליק צוריק אויף דער גאַנצער לאַנגער פּעריאָדע פון דער עקזיסטענץ פון „פאָרווערטס" אין באַציהונג צו אונזער יוניאָן איבערהויפּט, בין איך גענויגט צו זאָגען, אַז דער „פאָרווערטס" איז טראַדיציאָנעל געווען אימערצו מיט דער אַדמיניסטראַציע פון דער יוניאָן, הגם עס זיינען אין פאַרלויף פון די יאָרען געווען פילע מאָמענטען ווען זיין שטעלונג איז געווען אַנדערש. אין די הויפּט קריטישע פּעריאָדען אָבער, ווי געזאָגט, איז די לאָיאַליטעט פון „פאָרווערטס" צו דער „אינטערנעשאַנעל" געווען פעסט און אונצווייפעלהאַפט. אין דעם באַקאַנטען הורוויטש־צוזאַמענשטויס אין 1912 און 1913, אין דער רוביך־אַפּערע מיט עטליכע יאָהר שפּעטער, און אין די יאָהרען פון קאָמוניסטישען טומעל וואָס האָבען צורודערט און כמעט אומגעבראַכט די יוניאָן, איז דער „פאָרווערטס" געשטאַנען שטאָל און אייזען פאַר דער גאַנצקייט פון דער אָרגאַניזאַציע אויף דער זייט פון דער „אינטערנעשאַנעל". אין דיזע קריטישע מאָמענטען פון אונזער אייגענער געשיכטע, איז דער „פאָרווערטס" פאַרבליבען לאָיאַל צו דער „אינטערנעשאַנעל" ניט אַכטענדיג די פאַרלוסטען אין צירקולאַציע, דערפאַר וויל דער „פאָרווערטס" האָט אימער געהאַנדעלט ווי אַן אמת'ע אַרבייטער צייטונג און האָט גענוי אָפּגעשאַצט דעם פאַקט אַז די „אינטערנעשאַנעל" איז די איינציגע קאָנסטרוקטיווע קראַפט וועלכע קען דינען די מאַסען קלאָוקמאַכער און דרעסמאַכער און האַלטען זיי אַרום זיך אין אַ פעסטער, פאַרלעסליכער אָרגאַניזאַציע.

עס זיינען נאַטירליך אפילו אין די ערשטע יאָהרען פון „פאָרווערטס" און פון אונזער „אינטערנעשאַנעל" געווען באַדייטענדע פּרינציפּיעלע צוזאַמענשטויסען צווישען דעם „פאָרווערטס" און אונזערע יוניאָן פיהרער. אין די יאָהרען ווען דזשאָהן דייטש און אַברהם ראָזענבערג זיינען געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון דער „אינטערנעשאַנעל", זיינען די באַציהונגען פון אָנפאַנג געווען גאַנץ קאַלט און נאָכדעם האָבען זיי זאָגאַר אָנגענומען אַ פיינדליכען כאַראַקטער. דייטש האָט גע'טענה'ט אַז דער „פאָרווערטס" אַלס אַ סאָציאַליסטישע צייטונג מישט זיך אין די פּאָליסיס פון דער יוניאַן, וועלכע ער האָט געוואָלט אָנהאַלטען אויף אַ „פּיור און סימפּעל" באָדען. ער האָט איהר געוואָלט געבען דאָס, וואָס מען האָט דאַמאָלסט גערופען אַ ריין גאָמפּערסיסטישען כאַראַקטער, וועלכער איז דאַן געווען נישט נאָר פרעמד, נאָר דערווידער דער מאַיאָריטעט פון אונזערע אַרבייטער. דער „פאָרווערטס" האָט דאָס פאַרשטאַנען און האָט געגען דעם עפּענטליך געקעמפּט. אויסגעלאָזען האָט זיך דאָס דערמיט, אַז אין 1914 איז די דייטש־אַדמיניסטראַציע אַרונטער און אויף איהר פּלאַץ איז ערוועהלט געוואָרען שלעזינגער און זיגמאַן. עס איז נישט קיין היסטאָרישער סעקרעט, אַז דער „פאָרווערטס" האָט דאַמאלס גענומען אַ דירעקטען אָנטייל אין באַזייטיגען דייטש'ן. עס האָט זיך דאָ געשאַפען אַ מאָמענט ווען שלעזינגער, וועלכער איז געווען איינער פון אונזערע ערשטע פּרעזידענטען און איז נאָכדעם געוואָרען מענעדזשער פון „פאָרווערטס", איז געוואָרען דער לאָגישער קאַנדידאַט אי פון די געגנער פון דייטש'ן אין דער יוניאַן, אי פון די פיהרער פון „פאָרווערטס", פאַר פּרעזידענט פון דער „אינטערנעשאַנעל".

אַזאַ פּאַסירונג, גלויב איך, וואָלט היינט געווען אוממעגליך. ווען מען באַטראַכט אָבער די אומשטענדען וועלכע האָבען געפיהרט דערצו און יענע פּעריאָדע אין אונזער באַוועגונג, איז דאָס גאַנץ באַגרייפליך. דער „פאָרווערטס" איז דאַמאָלסט געשטאַנען אויף דעם העכסטען שטאַפּעל פון זיין איינפלוס אויף די לעבענס פון די אידישע מאַסען. עס איז געווען אַ צייט, ווען מען פלעגט מיט אַביסעל איראָניע דערצעהלען צווישען קלאָוקמאַכער און דרעסמאַכער, אַז אַ קאַנדידאַט פאַר ביזנעס אידזשענט וועלכער פלעגט נעמען אַן עקזאַמען צי ער פּאַסט פאַר'ן אַמט פלעגט זיך באַמיהען אַז אַ קאָפּיע פון „פאָרווערטס" זאָל אַרויסשטעקען פון זיין קעשענע, כדי די קאָמיטע זאָל וויסען אַז ער איז „אָלרייט".

אָט די פּעריאָדע האָט זיך געצויגען אַזוי ביז אַרום דעם אָנפאַנג פון די צוואַנציגער יאָרען. מיר האָבען דורכגעמאַכט אין דיזע יאָהרען גרויסע סטרייקס און לאַקאַוטס אין 1916, אין 1919, אין 1921; עס האָט זיך דאַמאלסט אָנגעפאַנגען די גרופּען באַוועגונג, וואָס האָט שפּעטער געפיהרט צו פאַרשידענע אינערליכע קאָמפּליקאַציעס און גרופּען־קאַמפען. און דורך דיזער גאַנצער צייט איז דער „פאָרווערטס" מיט אונזער „אינטערנעשאַנעל" געשטאַנען ווי אויף איין ברעט. עס פלעגען פאָרקומען קליינע צוזאַמענשטויסען צווישען שלעזינגער און דעם „פאָרווערטס". אָבער דאָס זיינען אַלעס געווען ניט וויכטיגע פערזענליכע אויסברוכען, וועלכע האָבען קיינע טיפע איינדרוקען אָדער ענדערונגען ניט געמאַכט.

ווען די קאָמוניסטען האָבען אָנגעפאַנגען אַרום 1924 די אַטאַקע אויף דער „אינטערנעשאַנעל" אין דעם קאַמף צו פאַרכאַפּען אונזער יוניאַן, האָט זיך דער „פאָרווערטס" געשטעלט אין די פאָדערשטע רייהען פון קאַמף צו פאַרטיידיגען די אידישע אַרבייטער באַוועגונג געגען דיזען אָנגריף. מיר וועלען קיינמאָל ניט פאַרגעסען די גרויסמוטיגע און גרויסאַרטיגע מאָראַלע און פינאַנציעלע שטיצע וואָס דער „פאָרווערטס" האָט געלייסטעט דער „אינטערנעשאַנעל" אין יענע טרויעריגע טעג; די צענדליגער טויזענדער דאָלאַרס וואָס זיי האָבען אונז געגעבען און געליהען פאַר די רעאָרגאַניזאַציאָנס אַרבייט אין 1927, אין דער צייט ווען די יוניאַן איז געווען אויסגעמאַטערט און אויסגעהונגערט פון דעם שרעקליכען ברודער קאַמף; מיר וועלען קיינמאָל ניט פאַרגעסען אַז דער „פאָרווערטס" האָט בוכשטעבליך די גאַנצע צייטונג און זיינע בעסטע קרעפטען געווידמעט צו דער פאַרטיידיגונג פון אונזערע פּאָזיציעס; ווען גענאָסע קאַהאַן, צוזאַמען מיט אונזער פאַרשטאָרבענעם פּרעזידענט זיגמאַן, האָבען אָנגעשריבען און פאַרעפענטליכט דעם בארימטען מאַניפעסט, וועלכער איז געוואָרען דער היסטאָרישער קריגס־רוף אַנטקעגען די קאָמוניסטען אין דעם דאָזיגען קאַמף און איז געווען דער אָנפאַנג פון סוף פון דעמאָראַליזאַציע און כאַאָס אין דער „אינטערנעשאַנעל". און מען דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז ווען די אַטאַקע פון די קאָמוניסטען האָט זיך אָנגעפאַנגען און די מגפה האָט זיך גענומען פאַרשפּרייטען, איז עס זאָגאַר פאַר'ן „פאָרווערטס" ניט געווען קיין לייכטע זאַך

ווי אַזוי לעבט און קעמפט דער שניידער־אַרבעטער אין פוילן?

פון הערשל הימלפאַרב

(פּראָטוירנאַל דעלעגאַט פון דער באַקליידונגס אַרבייטער יוניאָן אין פוילען צו דער קאָנווענשאַן פון דער אינטערנעשאַנעל).

אין דער באַקלייד אינדוסטריע אין פוילען, זיינען באַשעפטיגט נאָהענט פון אַ 100 טויזענט מענשען, לויך־אַרבייטער, היים אַרבייטער און כאַלופּניקעס (סוב־קאָנטראַקטאָרס), אין דער באַקלייד אינדוסטריע רעכענען מיר אַריין אַלע פאַכען וועלכע האָבען צו טאָן מיט דער באַקליידונג פון מענש, און וואָס ווערען אויסגעפאַרטיגט מיט דער הילף פון דער נאָדעל און ניי־מאַשין. די הויפּט פאַכען זיינען דאַמען מאַגאַזין שניידעריי (קלאָוקס און ליידיס דזשעקעטס), מענער מאַגאַזין שניידער, (פּאַלטענס און אַנצוגען).

קאַפּעלוש מאַכער (העטערס), היטעל־מאַכער (קעפּ־מייקער), מאָדיסטקעס (מילינערי וואָירק), קליידער שניידערינס (דרעס מייקינג), קירזשנער (פאַריער) און אַ רייע קלענערע.

די הויפּט צענטערען אין וועלכע ס'ווערט אויסגעפאַרטיגט שניידעריי אין פוילען זיינען: וואַרשע (דער גרעסטער), לאָדזש, טאַרנאָוו, בזשעזשין, לובלין, ביאַליסטאָק, ווילנע, לעמבערג און אַנדערע. די מערהייט באַשעפטיגטע אין דער באַקליידונג אינדוסטרי זיינען אידען. די אידען באַטרעפען אַן ערך זיבעציג פּראָצענט פון דער צאָהל באַשעפטיגטע, אָבער דאָס איז נישט דער פאַל אין אַלע פאַכען, ס'זיינען דאָ איינצעלנע פאַכען אין וועלכע די אידען באַטרעפען נאָר 50 פּראָצענט, אין אַנדערע נאָך ווייניגער, אַזוי צום ביישפּיל זיינען אין וואַרשע אין פאַך פון מענער פּריוואַט שניידעריי (קאַסטאָם טיילאָרינג), באַשעפטיגט איבער 1,500 אַרבייטער, דערפון אידען בלויז 40 פּראָצענט.

ביי וועש אויסאַרבייטונגען זיינען באַשעפטיגט אויסשליסליך פרויען, דערפון אַ גרויסע צאָהל היים אַרבעטאַרינס (האָום וואָירקערס), דאָס איז אין גרעסטען טייל פּוילישע פרויען (קריסטינס). די אַנטאַידישונג, עס הייסט דאָס אַרויסשטויסען די אידען פון די דערמאָנטע פאַכען איז פאַר אַ געוויסער צייט פאַרגעקומען אויף אַ נאַטירליכען אופן, דורך קאָנקורענץ פון אומאָרגאַניזירטער אַרבייט געגען אָרגאַניזירטער און בעסער באַצאָהלטער.

אין די לעצטע יאָהרען ווערט שוין געפירט אַ סיסטעמאַטישע אַרבייט אין דער ריכטונג פון אַנטאַידישונג די שניידער פאַכען, אַזוי, למשל, ווערען שטופּענווייז די אידישע באַקליידונגס אַרבייטער און כאַלופּניקעס אַרויסגעשטויסען פון די אַלע אַרבייט צווייגען וואָס זיינען פאַרבונדען מיט ליפערונגען (פּאָדריאַדען) פאַר דער אַרמיי, באַהן, פּאָסט, פּאָליציי, און עהנליכע. נאַטירליך איז דאָס נישט אַזוי לייכט, ווייל די אידען וועלכע זיינען די פּיאָנערען פון דער באַקלייד פּראָדוקציע, און האָבען מיטגעמאַכט אַלע פאַזען פון איהר אַנטוויקלונג פון די ערשטע צייטען אַן, האָבען אין דער הינזיכט אַ סך פאָרצוג, סיי אין פּרט פון קוואַליטעט, איינגעפונדעוועטקייט און אַנדערע, און לאָזען זיך נישט אַזוי לייכט פאַרטרייבען, אָבער דאָך איז דאָס אַ פאַקט, אַז טייל פאַכען געהען ביסלאַכווייז אַרויס פון אידישע הענט. און אויב מ'נעמט דערצו אין באַטראַכט, אַז די צאָהל פּראָדוקציאָנס צווייגען צו וועלכע אידען האָבען אַ צוטריט איז בכלל אַ באַגרעניצטע, און אַז די באַקלייד פּראָדוקציע איז איצט די איינציגע אין וועלכע אידישע אַרבייט שפּילט אַ דאָמינירענדיגע ראָל, און אַז דער אונטערוואַקסענדיגער יונגער דור רייסט זיך צו אַרבייט, דאַן זעהט מען ערשט ווי גרויס און וויכטיג ס'איז דאָס פּראָבלעם פון אַנטאַידישונג.

פון די קנאַפּע 100 טויזענט אַרבייטער און כאַלופּניקעס וועלכע זיינען באַשעפטיגט אין דער באַקלייד אינדוסטרי, זיינען אָרגאַניזירט אין „פּראָפעסיאָנאַלען פאַראיין פון באַקליידונג אינדוסטרי אַרבייטער אין פוילען" (דאָס איז דער פאַראיין אין וועמענס נאָמען איך האָב דעם כבוד צו זיין דער פּראָטוירנאַל דעלעגאַט צו דער קאָנווענשאַן פון דער אינטערנעשאַנאַל, דעם 3טען מאַי, אין אַטלאַנטיק סיטי). ביז 30 טויזענט מיטגלידער, אונזער פאַראיין איז אַ קלאַסען אָרגאַניזאַציע, זיין יסוד איז קלאַסען קאַמף אַלס מיטעל צו פאַרטיידיגען די עקאָנאָמישע אינטערעסען פון די אַרבייטער. און מיר זיינען ענג צונויפגעבונדען מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג ביי אונז אין לאַנד.

אונזער פאַראיין בילדעט אַן אינטעגראַלען טייל פון דער פּראָפעסיאָנאַלער קלאַסען באַוועגונג ביי אונז אין לאַנד, מיר זיינען דירעקט אַנגעשלאָסען אין דער צענטראַלער אָרגאַניזאַציע פון די קלאַסען פאַראיינען אין פוילען, וועלכע רופט זיך צענטראַל קאָמיסיע פון די פּראָפעסיאָנאַלע קלאַסען פאַראיינען אין פוילען.

מיר זיינען אויך אַנגעשלאָסען אין'ם אינטערנאַציאָנאַלען פאַרבאַנד פון די באַקלייד פאַראיינען, וועמענס נאָמען איז באַקליידונגס אַרבייטער אינטערנאַציאָנאַל, און זיין זיץ אָרט איז אין אַמסטערדאַם, האָלאַנד.

אויסער אונזער פאַראיין עקזיסטירען נאָך אין פוילען עטליכע קלענערע נאַציאָנאַליסטישע און רעגירונגס טריַע פאַראיינען, וועלכע שטעהען פּרינציפּיעל אויפ'ן באָדען פון קלאַסען שלום, זיי זיינען הויפּטזעכליך טעטיג צווישען די פּוילישע שניידער אַרבייטער און צעהלען אַלע צוזאַמען נישט קיין גאַנצע 10 טויזענט מיטגלידער.

ביז מיט קנאַפּע 2 יאָהר צוריק האָבען מיר געהאַט נאָך אַ דריטען פאַראיין וועלכער איז געווען אין זיין צייט אַן אָפּשפּליטערונג פון אונזער פאַראיין, און איז געפירט געוועזן דורך די קאָמוניסטען. מיט קנאַפּע 2 יאָהר צוריק האָבען די קאָמוניסטען ליקווידירט זייערע באַזונדערע פאַראיינען, און זייערע מיטגלידער זיינען אַריינגעטראָטען אין אונזערע לעגיטימע פאַראיינען, דער צוזאַמענלעבען פון די מיטגלידער אין אונזער פאַראיין איז אַ דערטרעגליכער. די אַנפירונג איז אַ סאָציאַליסטישע, און אונזער פאַראיין אַ בונדיסטישע, די דיסציפּלין אַ געהעריגע. נאַטירלאָך, אַז מיר מוזען כסדר שטעהן אויף דער וואַך און אָפּהיטען דעם פאַראיין פון נישט אַנטשפּרעכענדיגע אויסשטרייטונגען, אָבער אין אַלגעמיין איז די האַלטונג פון אַלע מיטגלידער אַ לאַיאַלע און פיליכט טריַע. מצד די מאַסגעבענדיגע מאַכט פאַקטאָרען ביי אונז אין לאַנד, איז די באַציהונג צו אונז נישט קיין פויגעלדיגע, מיר האָבען אין דעם הינזיכט צו טאָן מיט אַ סך שוועריגקייטען און שטערונגען, אָבער דאָס איז שוין אַ געביט פונ'ם הערשענדיגען רעזשים ביי אונז, וועגען וועלכען איך בין נישט אויפגעלייגט צופיל צו רעדען.

אונזער אָרגאַניזאַציע עקזיסטירט שוין 22 יאָהר, זי איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1915, בעת דער וועלט מלחמה, ווען די דייטשען האָבען אַריינגעמאַרשירט אין פוילען. די ערשטע גרינדער און בויער איהרע זיינען געווען בונדיסטען, אַ טייל פון זיי זיינען נאָך אין איהר טעטיג ביז היינט, איינער פון זיי איז דער איצטיגער טשערמאַן פון דער וואַרשעווער אָפּטיילונג, חבר מנחם. איינער געפינט זיך דאָ אין ניו יאָרק, און איז טעטיג און פאַרנעמט אַ בכבוד'יגען אָרט אין דער אינטערנעשאַנאַל, דאָס איז דער חבר ראובן צוקערמאַן, טשערמאַן פון דזשאָינט באָארד פון די קלאָוקמאַכער.

פאַר דער גאַנצער צייט פון איהר עקזיסטענץ, איז אונזער פאַראיין ענג צונויפגעבונדען מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג ביי אונז אין לאַנד, וועלכע ווערט אויף דער אידישער גאַס אָנגעפירט דורכ'ן „בונד" אין פוילען, אונזער פאַראיין באַטייליגט זיך אַקטיוו אין אַלע פּאָליטישע אַקציעס און אַרויסטרעטונגען קעגען אַנטי־סעמיטיזם, פאַשיזם און קאַפּיטאַליזם אין פוילען. און ווי דער גרעסטער און בעסט אָרגאַניזירטער פאַראיין פון די אידישע אַרבייטער אין פוילען איז ער אין דעם הינזיכט אַ מוסטער פאַר אַלע אַנדערע.

פאַר דער גאַנצער צייט פון אונזער עקזיסטענץ פירען מיר אַ שווערען עקשנות'דיגען קאַמף צו פאַרטיידיגען די אינטערעסען פון אונזערע מיטגלידער, און אויפצוהויבען זייער לעבענס מצב, אָבער נישט געקוקט אויף אַלע אונזערע אָנשטרענגונגען, האָט זיך אונז גאָר פיל נישט איינגעגעבען אויפצוטאָן. אמת, אַז אין פאַרגלייך מיט אַלע אַנדערע פאַכען אין וועלכע ס'זיינען באַשעפטיגט אידישע און אַפילו נישט אידישע אַרבייטער זיינען מיר נישט הינטערשטעליג, פאַרקערט! אין טייל פאַכען פאַרנעמען מיר אַפילו דעם אויבענאָן אין הינזיכט פון אויסגעקעמפטע לוין און אַרבייטס באַדינגונגען, דאָך קענען מיר זיך נישט צופיל באַריהמען. אויב מ'זאָל וועלען פאַרגלייכען דעם לעבענס ניוואָ און די פאַרדינסטען פון די וואַרשעווער מיט די ניו יאָרקער שניידער אַרבייטער, וואָלט זיך באַקומען אַ משונה'דיג בילד. דער וואַרשעווער שניידער פאַרדינט דורכשניטליך אין סעזאָן און ממילא אויך דורכ'ן גאַנצען יאָהר אַזויפיל זלאָטעס וויפיל דער ניו יאָרקער דאָלאַרען, אַ זלאָטע איז קוים נישט קיין גאַנץ פינפטעל פון אַ דאָלאַר. לעבענס־מיטלען קאָסטען אין פוילען נישט פיל ביליגער ווי אין אַמעריקע. דירה געלט, קליידער, שיך, און שפּייז אַרטיקלען קאָסטען כמעט דאָסזעלבע דאָ און דאָרט (אין טייל פאַלען עטוואָס ווייניגער, אין אַנדערע מעהר). פאַקטיש באַטייט דאָס, אַז דער לעבענס מצב פונ'ם וואַרשעווער איז 5 מאָל נידריגער ווי פונ'ם ניו יאָרקער. עס איז דעריבער זעלבסט־פאַרשטענדליך, אַז דאָס רופט זיך אָפּ אויך אויף דער אָרגאַניזאַציע, און כאָטש אונזערע מיטגלידער קעמפען זייער אָפט, און נישט זעלטען מיט מסירת הנפש, דאָך שטעהט זיי שטענדיג פאַר די אויגען דער הונגער געשפּענסט, זיי זיינען אויך נישט אַלעמאָל אימשטאַנד צו דערפילען ווי געהעריג זייערע מאַטעריעלע פליכטען פאַר זייער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז זיי זעהר טייער, זיי ווייסען גאַנץ גוט, אַז אָהן דער אָרגאַניזאַציע וואָלט זיי פיל ערגער געווען, און נישט איינמאָל טרעפט, אַז זיי שטעלען זייער לעבען אין געפאַר פאַר דער אָרגאַניזאַציע. אָבער נישט געקוקט אויף אַלע שוועריגקייטען און מניעות זיינען די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבייטער אין פוילען בכלל און די שניידער אַרבייטער בפרט נישט פאַרצווייפעלט, זיי ווערען זיך געגען פּעסימיזם, זיי גלויבען נישט די פאַלשע משיחים, וועלכע באַמיהען זיך זיי איינצורעדען, אַז דער וועג צו זייער אויסלייזונג איז מעבר לים, אָדער דורך אוואַנטוריסטישער קונצען מאַכעריי. די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבייטער אין פוילען וואַרפען אָפּ מיט פאַראַכטונג אַלע פּראָיעקטען און פּלענער פון עמיגראַציע אָדער עוואַקואַציע אַלס מיטעל צו זייער באַפרייאונג. זיי זיינען איבערצייגט, און מיט רעכט, אַז פוילען איז זייער היים, און אַז דער וועג צו זייער אויסלייזונג איז דער וועג צו דער באַפרייאונג פון פוילען, און דאָס קען געשעהן נאָר דורך אומדערמידליכען קאַמף צוזאַמען מיט'ן פוילישן פּראָלעטאַריאַט געגען פאַשיזם און

אונזער אַרבייטער באַוועגונג און פאַר דעם גרויסען איינפלוס פון דעם ראַדיקאַלען און פאָרטשריטליכען געדאַנק אויף גאָר גרויסע שיכטען פון אונזער געזעלשאַפט.

אָט דער באַוואוסטזיין פון דער גרויסער מאַכט, וואָס איז איצט בייגעבראַכט געוואָרען דורך דער לעצטער אַנטשיידונג, איז שוין אַן און פאַר זיך אַ גרויסער אויפטו. דער באַוואוסטזיין וועט במילא פיהרען דערצו, אַז די אַרבייטער באַוועגונג זאָל זיך טאָקע שטעלען אַלץ העכערע און העכערע צילען. וואָרים טאָקע, איז שוין גאָר ניטאָ עטוואָס העכערעס, ווי צו קריגען אַלץ מעהר און מעהר שכירות און אַרבייטען וואָס קירצערע שטונדען, אָבער אַלץ מוזען זיין אַ „געדונגענער" און האָבען איבער זיך אַן אויבער־האַר. אַ באָס? עס איז צו האָפען, אַז די אַמעריקאַנער אַרבייטער וועלען זיך דערטראַכטען צו אַלץ העכערע צילען, ווען זיי וועלען וויסען, אַז זיי קאָנען זיי דערגרייכען, און דערמיט אפשר געבען אַ ביישפּיל אָט די לענדער, וועלכע ליגען אונטער די קנאָפּעל פון די טיראַנען, וועלכע האָבען דורך זייער נאַכגיביגקייט מוטלאָזיגקייט און, יאָ, פייגהייט, געבראַכט אַזאַ פינסטערניש אויף דער וועלט...

און צום שלוס — נאָך איין גוטע זאַך איז אויפגעטאָן געוואָרען דורך דער אַנטשיידונג פון דעם סופרים קאָורט. זי האָט באַוויזען קלאָר פאַר אַלע, וועלכע ווילען נאָר זעהן, אַז דער סופרים קאָורט איז אין גאַנצען איבעריג. אין דער אמת'ן, ווי באַלד די קאָנסטיטוציע קאָן פאַרטייטשט ווערען היינט אַזוי און מאָרגען פונקט אַנדערש, און ווי באַלד די סופרים קאָורט ריכטער אַליין זיינען ניט מעהר ווי בשר ודמ'ס, און קענען אַזוי לייכט בייטען זייערע מיינונגען, טאָ וואָס טויגען אונז אַזעלכע פאַרטייטשער? און וואָס פאַר אַ נוצען קאָנען מיר האָבען פון אַזאַ סופרים קאָורט? אַזאַ סופרים קאָורט קאָן גאָר ניט אויפטאָן פאַר אונז, ניט צום גוטען און ניט צום שלעכטען אין בעסטען פאַל, אָבער דאָך קאָן ער, און איז אָפט געווען, אַ היבשע שטערונג צום ווייטערען פּראָגרעס. גאָר אָפט איז עס געווען אַ ווערקצייג פון דער פינסטערער רעאַקציע, איז טאָקע איצט ביי גאָר פילע געוואָרען גאַנץ קלאָר אין די מוחות אַז דער סופרים קאָורט איז אַן איבעריגע זאַך, און אויב אונזער קאָנסטיטוציע האָט אין זיך די נויטיגע לעבענס כוחות, וועט זי קענען גאַנץ גוט לעבען אָהן דעם סופרים קאָורט.

ווען דער שפּאַגעל נייער אַרבייטער־פריינדליכקייט פון אונזער סופרים קאָורט

פון ש. יאַנאָווסקי

די גאַנץ אינטערעסאַנטע ערשיינונג, וואָס דער סופרים קאָורט פון די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקע האָט אַזוי פלוצלונג, געענדערט זיין אַלט־באַקאַנטע שטעלונג צו אַלץ, וואָס איז פּראָגרעסיוו, צו אַלץ וואָס איז מעהר אָדער ווייניגער צוגונסטען פון די אַרבייטער, און עטוואָס ניט אַזוי גוט פאַר די אַר־בייטס־געבער, האָט אַרויסגערופען ביי פילע פיל אויסגע־שרייען פון דעם העכסטען ענטוזיאַזם און ביי גאָר פילע פונקט אַנטקעגענגעזעצטע געפיהלען, וועלכע ווערען אַבער דערווייל גאַנץ פאַרזיכטיג פאַרשוויגען.

אין דער אמת'ען, די, וועלכע זיינען געווען שטאָל און אייזען פאַר דעם סופרים קאָורט, האַלטענדיג איהם פאַר דעם סאַמע ווינקעלשטיין פון אונזער אָרדנונג, פאַר דעם גרויסען שומר פון אונזער קאָנסטיטוציע, וועלכע, ווי עס איז באַקאַנט, איז די שטאַרקסטע פעסטונג פאַר אַלע אונ־זערע פרייהייטען, קענען דאָך ניט מיט איינמאַל אַרויס־קומען מיט דעם געשריי: „פאַרראַט!" ווען דער סופרים קאָורט האָט איינמאָל זיך ערלויבט צו געבען אַן עטוואָס אַנדערען קנייטש דער קאָנסטיטוציע, און גע'פּסק'ענט סיי צו גונסטען פון די אַמעריקאַנער אַרבייטער און סיי צו גונסטען פון דעם אַמעריקאַנער קאָנגרעס, אַז אויך ער האָט אַ שטיקעל דעה אין דער געזעצגעבונג פאַר'ן לאַנד, צו וועלכען צוועק ער ווערט עס אויסערוויילט פון גאַנצען אַמעריקאַנער פאָלק, ניט ווי דאָס איז די מעשה מיט דעם סופרים קאָורט, וועלכער ווערט ניט אויסערוויילט, נאָר באַשטימט פון פּרעז. צו זיין לעבנס־לענגליכען דזשאָב.

ניין, זיי האָבען ניט געקאָנט און ניט געטאָרט אַרויס־קומען מיט אַזאַ געוואַלד, מיט דעם וואָלטען זיי געגעבען רעכט ניט נאָר צו אַלע די, וועלכע האַלטען, אַז דער סופרים קאָורט דאַרף רעפאָרמירט ווערען, דער אַנפירער פון וועלכע עס איז דער פּרעזידענט אַליין, נאָר נאָך מעהר רעכט צו די וועלכע טענה'ן, אַז רעפאָרמירען אַט די דאָזיגע אינסטיטוציע וועט ניט העלפען, דאָס עס מוז אין גאַנצען אָפּגעשאַפט ווערען.

אַ חוץ דעם האָט אונזער קאַפּיטאַליסטען־קלאַס ניט געקאָנט און ניט געטאָרט אויפהויבען אַ געוואַלד־געשריי צוליב איניגע אַנדערע אורזאַכען, אויף וועלכע עס איז כדאַי אָנצואווייזען כאָטש בלויז מיט איניגע שורות:

ערשטענס: פונקט ווי דער סופרים קאָורט האָט אין דעם פאַל געוויזען, ווי ער איז פלוצלונג געוואָרען אַזוי פּראָגרעסיוו, קען ער דאָך, ווען דער ווינטעל וועט אַ ביסעל אַנדערש אָנהויבען צו בלאָזען פונקט אַזוי גוט זיך אַ דרעה טאָן אויף צוריק, וואָרים מען דאַרף האָבען אין זינען, דאָס פאַר דעם גאַנצען „מאַגנאַ טשאַרטאַ" פאַר די אַרבייטער אין אַמעריקע, ווי גאָר פילע רופען די אַנטשיידונג פון סופרים קאָורט, האָט מען דאָך צו פאַרדאַנקען בלויז איין ריכטער פון סופרים קאָורט, דזשאַסטיס ראָבערטס. ווען ער, חלילה, וואָלט געבלי־בען ביי זיין פריהעריגער מיינונג וועגען דעם, וואָס עס הייסט „אינטערסטייט" קאָמערס, וואָלט דאָך אויך אַט דער וואַגנער לייבאָר רעלײשאָנס אַקט געוואָרען בטל ומבוטל. אַלזאָ, איין שטימע פון איין ריכטער האָט עס אונז געבראַכט די גרויסע רעכטע פאַר די אַרבייטער, טאַ קען דאָך מאָרגען פּאַסירען ביי אַן אַנדער קייז, וואָס וועט פאַרגעבראַכט ווערען פאַר'ן סופרים קאָורט, זאָל דזשאַסטיס ראָבערטס אָדער אַן אַנדער ריכטער איינ־זעהן דעם שרעקליכען טעות, וואָס איז געמאַכט געוואָרען און עס זאָל ווידער אַלעס בלייבען ווי אין די גוטע אַלטע צייטען.

צווייטענס, האָבען די קאַפּיטאַליסטען גאָר באַלד איינגעזעהן, אַז דער סופרים קאָורט האָט נאָך זיי חלילה ניט געקוילעט. ער האָט ניט אַוועקגענומען אַפילו אַ פאָדעם פון דאָס, וואָס זיי רופען „זייער אייגענטום", ער האָט אויך חלילה ניט גע'פּסק'ענט, אַז זיי טאָרען אי־בערהויפּט ניט מיט אַ לייכטען הארצען אָפּזאָגען אַר־בייטער. זיי טאָרען בלויז ניט אָפּזאָגען איינעם דער־פאַר, וואָס ער איז אַ גוטער אַקטיווער יוניאָן־מאַן, און דאָס וועט די יוניאָן מוזען באַווייזען, איידער דער באָס קען ווערען דיסציפּלינירט. דער סופרים קאָורט האָט אַפילו ניט גע'פּסק'ענט, אַז נאָר אַן אמת'ע אַרבייטער יוניאָן מוז אַנערקענט ווערען פון באָס און מיט וועלכער ער מוז פיהרען פאַרהאַנדלונגען אין דעם נאָמען פון אַלע זיינע אַרבייטער. די קאָמפּאַניע יוניאָן איז נאָך אַלץ אַ גאַנץ געזעצליכע יוניאָן, אויב דער באָס זאָל וועלען זיך באַנוצען מיט איר, כאָטש ער וועט ניט טאָרען באַנוצען זיך מיט די מיטלען פון טעראָר, געוואַלט, שפּיאָנערײ, וואָס דאָס זיינען געווען זיינע פריהעריגע מעטאָדען.

דריטענס, מאַכט ניט דער קאַפּיטאַל קיינע געוואַל־דען צוליב אַן אַנדער אורזאַכע, וועלכע איז פון גרויס וויכטיגקייט אין אַמעריקע. ביז איצט האָבען סיי דער קאָנגרעס און אַפילו דער פּרעזידענט געקאָנט זיך ער־לויבען צו שפּילען די ראָליע פון פּראָגרעסיסטען, ווייל זיי האָבען געוואוסט, אַז עס איז דאָ אַ סופרים קאָורט, וועלכער וועט שוין דערלאַנגען דעם פּראָגרעסיוויזם אי־בער די הענט.

דאָס איז געווען אַזאַ מאָדנע פּאָליטיק אין אַמעריקע, איבערהויפּט ווען עס האָט אָנגעהויבען הערשען אַ ביסעל אַ מעהר פּראָגרעסיווער גייסט אויף דער אַמע־ריקאַנער גאַס. דאַן האָט דער קאָנגרעס געקאָנט זיך ערלויבען דאָס פאַרגעניגען און דעם פּורים־שפּיל צו פאַרפאַסען שטאַרק ליבעראַלע געזעצען, וויסענדיג, אַז אָדער דער פּרעזידענט אָדער דער סופרים קאָורט וועט זיי מאַכען צו גאָרנישט. איצט אַבער, אַז דער סופרים קאָורט אַליין האָט זיך אָנגעהויבען שפּילען אין ליבע־ראַליזם, וועט דער קאָנגרעס זיך ניט אַזוי אײַלען צו פאַר־פאַסען אַלערליי ליבעראַלע געזעצען, איבערהויפּט וועט טאַקע קאַפּיטאַל זעהן, אַז דער קאָנגרעס זאָל ניט שפּי־לען זיך אין זיין אַמאָליגען ליבעראַליזם. צו וואָס איז דען דאָ אַ לאָבי אויף דער וועלט, וועלכע האָט שוין ניט איין מאָל געוויזען אַזעלכע מאָדנע וואונדער, אַז די קאָנגרעסלייט זאָלען איבערנאַכט ענדערען זייערע איבער־צייגונגען?...

האָט אין זינען, ליבע לייענער פון דער „גערעכ־טיגקייט", אַז איידער אַט די נייסטע פּראָגרעסיווע אַנט־שיידונג פון דעם סופרים קאָורט איז אַרויסגעגעבען גע־וואָרען, האָט שוין די גרויסע דזשענעראַל מאָטאָר קאָמ־פּאַניע, די גרויסע קרייזלער קאָמפּאַניע און מעהר פון אַלע דער שטאָל טראָסט אַנערקענט און געמאַכט קאָנ־טראַקטען מיט דער ס׳. אַי. אָ., דאָס הייסט מיט דער יוניאָן. האָט אין זינען, דאָס שוין פיל פריהער האָט אונזער אינטערנעשאָנאַל אויסגעפיהרט צו קריגען די אַנערקענונג פון דער יוניאָן פון די אַרבייטסגעבער, ביי וועמען איהר מעמבערשיפּ אַרבייט, און אימער־צו אויס־געפיהרט, אַז קיין אַרבייטער זאָל ניט קענען געסעקט ווערען אָהן אַ גוטער אורזאַך, און איבערהויפּט ניט אַזאַ אַרבייטער, וואָס היט אָפּ די אינטערעסען פון דער יוניאָן אין שאָפּ. זאָלען אונזערע ליבע לייענער ניט פאַר־געסען, אַז דאָס זעלבע איז מיט דער „אַמאַלגאַמייטעד", וועלכע האָט אויסגעפיהרט, אַז די גרעסטע קלאָדינג מאַנופעקטשורער אין ניו יאָרק, שיקאַגאָ, ראָטשעסטער און איבער גאַנץ אַמעריקע, וואו עס ווערען נאָר געניהט מענער קליידער, זאָלען איהר אַנערקענען אַלס די קער־פּערשאַפט, וועלכע האָט דאָס רעכט צו רייִדען און פאַר־האַנדלען אין דעם נאָמען פון אַלע שניידער, מאַכט ניט וועט זי קענען גאַנץ גוט לעבען אָהן דעם סופרים קאָורט. אויס צי זיי אַלע זיינען פאַרשריבען אַלס יוניאָן מעמ־בערס צי ניט. מעהר נאָך, זאָל דאָ געזאָגט ווערען, אַז די אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר האָט גאָר ביז אַ גרויסער מאָס אויסגעפיהרט, אַז איהרע פילע גרויסע און קלענערע יוניאָנס זאָלען אַנערקענט ווערען פון די באָסעס אַלס דער ספּאָקסמען פאַר אַלע אַרבייטער. און אַזוי איז דער פאַל מיט דער מיינער יוניאָן, מיט די אייזענבאַהן אַרבייטער יוניאָן.

וואָס דער סופרים קאָורט האָט יאָ אויפגעטאָן מיט זיין נייסטער אַנטשיידונג, איז בלויז דאָס, וואָס ער האָט באַשטעטיגט אַ פאַקט פון לעבען... דערפאַר, ביי מיין בעסטען ווילען, קען איך עס ניט באַטראַכטען, ווי דאָס איז דער פאַל מיט אונזערע פילע ענטוזיאַסטען, פאַר אַ געשעהעניש פון גאָר אַ געוואַלדיגער וויכטיגקייט, וואָס מיר קענען עס איצט גאָר ניט אָפּשעצען.

אַזאַ מין ענטוזיאַזם קען גאָר מאַנכע פיהרען צום פאַלשען שלוס, אַז ביז דער סופרים קאָורט האָט זיך ניט אַריינגעמישט, איז די גאַנצע אַרבייטער באַוועגונג געווען פון אַ גאָר קנאַפּער באַדייטונג, און עס קען גע־צויגען ווערען דער נאָך פאַלשערער שלוס, אַז איצט, אַז דער סופרים קאָורט האָט זיך אַרויסגעוויזען אַזוי שרעקליך אַרבייטער־פריינדליך, קען מען שוין אפשר אויסקומען גאָר אָהן אַ יוניאָן. דער אמת איז אָבער פונקט פאַרקערט, אַז די נייסטע אַנטשיידונג איז ערשט אַרויסגעגעבען געוואָרען דאַן, ווען די אַרבייטער האָבען עס שוין אויסגעפיהרט מיט זייערע אייגענע כוחות, מיט זייערע גרויסע קאַמפען, וועמעס מאַרטירער קענען גע־צעהלט ווערען אין די הונדערטער טויזענטער, אויב ניט אין די מיליאָנען אַרבייטער, וועלכע זיינען ערמאָרדעט געוואָרען, און טאַקע אָפּט מיט דער הסכמה פון דעם זעלבען סופרים קאָורט...

איך האָב שטאַרק מורא, אַז גאָר פילע, סיי מאַנכע פירער, און סיי גאָר פילע פון דער רענק ענד פייל, זאָלען פיהלען, ווי צו געבען אַ גאָר צו גרויסען דאַנק סיי דעם סופרים קאָורט און סיי דעם שאָפער פון דעם געזעץ, סענאַטאָר וואַגנער און דער גאַנצער איצטיגער אַדמיניסטראַציע אונטער דער פיהרערשאַפט פון רוזוועלט'ן און דערפאַר זיין באַרייט, אויס דאַנקבאַרקייט, נאָכצוגעבען גאָר פילע פאָדערונגען, וועלכע די באָסעס זאָלען איצט שטעלען, ווי צום ביישפּיל, אַז די אַרבייטער יוניאָנס זאָלען אָננעמען דעם געזעץ פון געצוואונגענער אַרביטרײשאָן, אָדער אַז זיי זאָלען געזעצליך אויפגעבען די גרויסע קאַמף־וואָפע, דעם סטרייק, אָדער די פאַר־שיידענע מעטאָדען ווי אַן אַרבייטער סטרייק זאָל גע־פיהרט ווערען... לויט מיר דוכט זיך, וואָלט עס געווען אַ גאָר צו גרויסער פּרייז פאַר אַט דער סופרים קאָורט אַנטשיידונג, וועלכע, ווי איך האָב שוין ערקלערט, האָט פאַקטיש גאָר ווייניג אויפגעטאָן.

לויט ווי איך דענק, וואָלט עס נאָך איצט ווי אי־מער געווען די זעהר געזונטע פּאָליסי פון די אַרבייטער זיך האַלטען ביי דער וועלט־אַנשויאונג פון דער אַמערי־קאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר: וואָס ווייניגער זיך פאַר־לאָזען אויף דער גוטסקייט און פריינטליכקייט פון דער רעגירונג און אַלץ מעהר און מעהר זיך פאַרלאָזען אויף די אייגענע כוחות.

איך דערמאָן זיך, ווען אַ היבשער טייל פון די אַרבייטער האָט געפאָדערט אַ געזעצליכען אַכט־שטונ־דיגען אַרבייטס טאָג, פאַר וואָס די דאָזיגע אַרבייטער האָבען דעמאָנסטרירט יעדען ערשטען מאַי, אָבער מיט גאָר נישטיגע רעזולטאַטען. איז עס געווען סאַמיועל גאָמפּערס, דער פאַרשטאָרבענער פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, וועלכער האָט זיך געשטעלט אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז די אַרבייטער אַליין מוזען אויסקעמפען פאַר זיך דעם אַכט־שטונדיגען אַרבייטס טאָג. און ער איז דאָך געווען אַזוי גערעכט. די אַרבייטער דורך זייער סאָלידאַריטעט האָבען אויס־געפיהרט צו קריגען ניט נאָר אַן אַכט־שטונדיגען אַרבייטס טאָג, נאָר עס האַלט שוין גאָר ניט ווייט פון דעם, אַז אונזערע אַרבייטער זאָלען באַלד אַרבייטען ניט מעהר ווי זעקס שטונדען אַ טאָג און בלויז פינף טעג אין וואָך, און זיי וועלען עס אויספיהרען. און זיי וועלען קיינעם ניט שולדיג זיין קיין דאַנק ווי נאָר זייער אייגענער גרוי־סער איינגיקייט און קאַמף בערייטקייט, ווען עס וועט זיך נאָר פאָדערען.

פונדעסטוועגען וואָלט איך ניט געוואָלט, אַז די לייענער פון דער „גערעכטיגקייט" זאָלען ציהען דעם שלוס, אַז איך בין אינגאַנצען מבטל די נייסטע אַנטשיי־דונג פון דעם סופרים קאָורט. ניט דאָס בין איך גע־ווען אויסען מיט מיינע באַמערקונגען. פאַרקערט, איך דענק, אַז די אַנטשיידונג פון דעם סופרים קאָורט צייגט אונז דעם גרויסען מהלך, וואָס די אַרבייטער באַוועגונג און די גאַנצע פאָרטגעשריטענע באַוועגונג האָט געמאַכט אין דעם גאַנצען גאַנג פון איהר טעטיגקייט.

פילע פון אונז, פאַר וועמען דער פּראָגרעס געהט ניט שנעל גענוג, רייִדען זיך גאָר אָפּט איין, אַז עס איז איבערהויפּט ניטאָ אַזאַ זאַך ווי פּראָגרעס, און דאָס מיר שטעהען אויף איין אָרט. ווי פאַלש דאָס איז! און דאָס האָט אַם שטאַרקסטען באַוויזען די סי. אַי. אָ. מיט איהר טעטיגקייט, פון וועלכער עס איז קלאָר געוואָרען, אַז עס קען אויפגעטאָן ווערען גאָר פילעס, וואָס האָט זיך ערשט מיט אַ יאָהר צוריק קיינעם ניט גע'חלומ'ט, ווען מען נעמט זיך נאָר ענערגיש צו דער אַרבייט. און דאָס זעלבע איז אויך באַוויזען געוואָרען דורך דער לעצטער אַנטשיידונג פון סופרים קאָורט, וועלכע איז די בעסטע און שטאַרקסטע באַשטעטיגונג פאַר דער שטאַרקייט פון

די 37טע קאָנווענשאַן פון אַרבייטער רינג

פון מ. איווענסקי.

די קאַנווענשאַן פון אַרבייטער רינג, וואָס עפענט זיך זונטאַג, דעם 2טען מאַי, 1937, אין פילאַדעלפיע, איז די 37טע יעהרליכע קאַנווענשאַן. עס איז שוין 37 יאָהר, זינט דער אַרבייטער רינג האָט זיך געגרינדעט אַלס אָרדען. אַלס געזעלשאַפט פאַר געגענזייטיגע הילף מיט אַן אויסגעשפּראָכענע סאָציאַליסטישע פּראָגראַם, ווערט שוין אָבער דער אַרב. רינג אַלט היינטיגס יאָהר 45 יאָהר. דער פאַראיין, פון וועלכען דער אַרבייטער רינג איז אויסגעוואַקסען, האָט זיך געגרינדעט דעם 4טען אַפּריל 1892.

אין דעם לשון פון אַרבייטער רינג מיטגלידער, ווערט די 37טע קאַנווענשאַן פון אַרבייטער רינג באַצייכענט אַלס „קליינע" קאַנווענשאַן. אויף דער קאַנווענשאַן וועלען ניט זיין פאַרטראַטען דעלעגאַטען פון יעדען ברענטש, נאָר אַלגעמיינע דעלעגאַטען, ערוועהלט ביי טעריטאָריעלע קאָנפערענצען. איין דעלעגאַט פון יעדע פינף הונדערט מיטגלידער.

צו דער 37טער קאַנווענשאַן קומט די „דזשענעראַל עקזעקוטיוו קאָמיטע" פון אַרבייטער רינג מיט דעם באַריכט, אַז דער אַרבייטער רינג פאַרמאָגט 6,793,262.27 דאָלאַר. אַרום זיבען מיליאָן דאָלאַר. דער קאַפּיטאַל איז אינוועסטעד אין באָנדס און מאָרטגעדזשעס. דער מזל איז געווען גינסטיג צום אַרבייטער רינג. זיינע אינוועסטמענטס האָבען גאַנץ ווייניג געליטען פון דער אַלגעמיינער שווערער דעפּרעסיע. עס איז נאַטירליך ניט מזל אַליין, נאָר די גרויסע פאָרזיכטיגקייט פון די פאַרוואַלטער פון דעם אָרדען, וואָס ווערט געפירט פון אַרבייטער.

די „וואַליואיישאַן" פון אַרבייטער רינג, דאָס הייסט, זיינע מעגליכע (קאָנטינדזשענס) פאַרפליכטען אין פאַרגלייך מיט דעם איצטיגען און אַנוואַקסענדיגען פאַרמעגען באַטרעפט איצט 118.22 פּראָצענט. די זיכערקייט פון אַן אינשורענס געזעלשאַפט, אָדער אַן אינשורענס אָרגאַניזאַציע מעסט מען מיט הונדערט: מיט הונדערט פּראָצענט איז אַ געזעלשאַפט זיכער, דער אַרבייטער רינג האָט מיט 18.22 פּראָצענט מעהר, ווי עס פאָדערט זיך.

וואָלט די עקזעקוטיוו קאָמיטע און אויך אַלע מיטגלידער פון דעם אַרבייטער רינג געקענט צופרידען זיין מיט'ן צושטאַנד פון אָרדען און זיך משמח זיין אויף דער קאַנווענשאַן. זיינען אָבער ביי דער קאַנווענשאַן דאָ צוויי זעהר ערנסטע פראַגען. די 37טע קאַנווענשאַן וועט אויסער די רוטינע אַרבייט, האָבען שווערע פראַגען פון וועלכע דער ווייטערדיגער וואוקס פון אַרבייטער רינג איז אָפּהענגיג.

אויף דער קאַנווענשאַן וועט פאַרנעהמען די פראַגע פון „יונג און אַלט" אַ באַזונדער וויכטיגען פּלאַץ. עס האַנדעלט זיך דאָ אָבער ניט וועגען פּאָליטישע גרופּירונגען פון „יונגע" און „אַלטע", וואָס האָט אַמאָל אַזוי פיל אויפגערודערט די געמיטער פון אַרבייטער רינג, נאָר טאַקע אין גאַנץ פּשוט'ען זין פון די ווערטער. די וויכטיגסטע פראַגען, וואָס די קאַנווענשאַן האָט פאַר זיך, זיינען פאָלגענדע: ווי קען מען צוציהען די אַמעריקאַנער יוגענד צום אַרבייטער רינג און וואָס קען מען טאָן מיט די אַלטע מיטגלידער, וואָס ווערען אַלץ מעהר און מעהר.

ווי עס ווייזט אויס וועלען אויף דער קאַנווענשאַן בלייבען רוהיג גראָדע די יונגע. קאָכען וועלען זיך ניט די יונגע, נאָר די אַלטע.

פון זינט דער אַרבייטער רינג האָט זיך געגרינדעט, האָט מען ניט אויפגעהערט צו קלעהרען, ווי וועט קענען דער אַרבייטער רינג פאַרזאָרגען זיינע מיטגלידער, ווען זיי וועלען ווערען אַלט. דער יאָמער אין סליחות ווערט העכער, ווען מען קומט צו דער תפילה: אל תשליכנו לעת זיקנה". די זאָרג פאַר אַלטקייט איז גרויס צווישען אַלע קלאַסען מענשען און ספּעציעל צווישען אַרבייטער, וועלכע מאַכען אַ לעבען פון פּראַצע. ווערט מען אַלט קען מען ניט אַרבייטען. די גרינדער פון אַרבייטער רינג האָבען דעם אמת געוואוסט, נאָך אין דער צייט, וואָס זיי זיינען געווען יונג. די צרה איז, וואָס זיי האָבען זיך באַנוגענט מיט האַרציגע רעזאָלוציעס און האָבען ניט פאַרזאָרגט קיין פּראַקטישע מיטלען, ווי אַזוי די רעזאָלוציעס צו פאַרווירקליכען.

עס וואָלט פאַרנומען פיל פּלאַץ צו באַשרייבען די פאַרשידענע פּלענער, וואָס מען האָט אַנגענומען אויף פאַרשידענע קאַנווענשאַנס פון אַרבייטער רינג וועגען פאַרזאָרגען אַלטע. די אַמאָליגע פאָנדען האָט מען געמוזט צוריק אויסצאָהלען צו די מיטגלידער. אויף דער 20טער קאַנווענשאַן פון אַרבייטער רינג אין ניו יאָרק האָט מען אָנגענומען אַ דעפיניטיווע רעזאָלוציע צו שאַפען אַ היים פאַר אַלטע. די צוויי און צוואַנציגסטע קאַנווענשאַן האָט אַרויפגעלייגט אַ טעקס פון 20 סענט אַ יאָר פאַר אַ מיטגליד צו זאַמלען אַ פאָנד פאַר אַ היים פאַר אַלטע. ערשט די 32טע קאַנווענשאַן אין באָסטאָן האָט באַשלאָסען דעם טעקס צו העכערען פאַר אַ דאָלאַר און די העכערונג איז דורכגעגאַנגען אין אַ רעפערענדום פון אַלע מיטגלידער מיט צוויי דריטעל מאַיאָריטעט. דער פאָנד פאַר אַ היים פאַר אַלטע, האָט שוין קרוב פון אַ האַלבען מיליאָן דאָלאַר.

אויף דער 35טער גרויסער קאַנווענשאַן פון אַרבייטער רינג אין ניו יאָרק, וואו עס זיינען געווען פאַרטראַטען דעלעגאַטען פון יעדען ברענטש איז באַשטימט געוואָרען אַ קאָמיטע פון 5 מיטגלידער צו שטודירען די מעגליכקייטען פון אַ היים פאַר אַלטע. צו דער קאָמיטע האָט אויך די עקזעקוטיוו פון אַרבייטער רינג צוגעגעבען נאָך פינף. אָט די קאָמיטע האָט באַשלאָסען צו רעקאָמענדירען צו דער 37טער קאַנווענשאַן אַן אויספיהרליכען פּלאַן פאַר אַ היים פאַר אַלטע.

אין קורצען קען מען דעם פּלאַן איבערגעבען אַזוי: די קאָמיטע ווייס וועגען אַלע שוועריגקייטען מיט וועלכע אַ גוטע היים פאַר אַלטע איז פאַרבונדען. עס איז אמת, אַז איצט איז דער דורכשניטליכער עלטער פון די מיטגלידער פון אַרבייטער רינג 46.3 יאָהר, אָבער עס זיינען שוין איצט דאָ 961 אַלטע איבער 65 יאָהר, און 153 אַלטע איבער 70 יאָהר. לויט די ציפערען פון עקטשורי וועלען אין יאָהר 1940 זיין 2,500 מיטגלידער פון 65 יאָהר און 1,025 מיטגלידער 68 יאָהר און העכער.

ווייסענדיג זעהר גוט דעם פאַקט, אַז די אַרבייטער רינג מיטגלידער ווערען עלטער און נייע יונגע מיטגלידער קומען ליידער ניט אַריין, רעקאָמענדירט דאָך די קאָמיטע צו בויען אַ היים פאַר אַזוינע אַלטע, וואָס דערגרייכען שוין דעם עלטער פון 70 יאָהר. די קאָמיטע שלאָגט פאָר אָוועקצולייגען דעם האַלבען מיליאָן דאָלאַר, וואָס איז שוין פאַראַן אַלס רעזזירוו פאָנד און צוטרעטען צו בויען די היים ווען עס וועט זיין אַ מינימום פון אַנדערע דריי הונדערט טויזענט דאָלאַר פאַר אַ היים. די קאָמיטע האָט אויסגעפאָרשט גענוי דעם קאָסט פון אַ מאָדערנער היים מיט אַלע מאָדערנע איינריכטונגען און איז געקומען צום שלוס, אַז דער בודזשעט פון אויפהאַלטען אַזאַ היים דאַרף זיין אַם העכסטען 150 טויזענד דאָלאַר אַ יאָהר. אָט דעם בודזשעט קען מען דעקען פון דיוס צו צוויי דאָלאַר פער מיטגליד אַ יאָהר, פון וועלכע עס דאַרף אַריינקומען ניט ווייניגער ווי 130 טויזענד דאָלאַר אַ יאָהר און אַרום 20 טויזענד דאָלאַר פון פּראָצענטען אויף דעם רעזזירוו פאָנד.

אָבער צו שאַפען דעם בודזשעט וועט ניט נויטיג זיין צו העכערען די דיוס אַפילו מיט אַ דאָלאַר אַ יאָהר, עס וועט מעגליך זיין צו טראַנספערירען די דיוס פון סאַנאַטאָריום פאָנד צו דעם אויפהאַלטונגס פאָנד פון דער היים פאַר אַלטע. דער סאַנאַטאָריום האָט זעהר פיל אויפגעטאָן אין אויסראָטען די שרעקליכע קראַנקהייט, שווינדזוכט ,פון די אידישע אַרבייטער. אַמאָל האָט מען גערופען שווינדזוכט די פּראָלעטאַרישע קראַנקהייט. יעדער אָפּערייטאָר, יעדער אַרבייטער פון אַ סוועט־שאָפּ איז געווען אַ קאַנדידאַט פאַר אָט דער שרעקליכער מגפה. דער סאַנאַטאָריום האָט געראַטעוועט פילע מענשען פון די נעגעל פון טויט. איצט זיינען אָבער דאָ זעהר ווייניג שווינדזיכטיגע צווישען די מיטגלידער פון אַרבייטער רינג. מען זוכט פּאַציענטען מיט ליכט און מען נעהמט אַריין יעדען קראַנקען, וואָס האָט די קלענסטע שייכות מיט טובערקולאָזיס. דער סאַנאַטאָריום האָט אָהן ספק אַ גלאָררייכע פאַרגאַנגענהייט. ער איז די צירונג פון אַרבייטער רינג, זיין שטאָלץ און גרויסקייט. קיין גרויסען רעאַלען ווערט האָט אָבער דער סאַנאַטאָריום דאָך ניט. אַמאָל איז געווען שווינדזוכט דער שרעק פון אַרבייטער רינג מיטגלידער, איצט שרעקט מען זיך פאַר דער זיקנה, פאַר אַלטקייט. צו טראַנספערירען די אויסגאַבען פון סאַנאַטאָריום פאַר אַ היים פון אַלטע איז גאָר ניט אַזאַ קרומע זאַך.

די קאָמיטע רעקאָמענדירט בשום אופן ניט קיין עלטער פּענסיע, אָדער עלטער אינשורענס. דער אַרבייטער רינג איז ניט קיין שטאַט, זיינע מיטלען זיינען באַשריינקט. דאָס וואָס די קאָמיטע רעקאָמענדירט יע, איז צו באַזאָרגען אַלטע, היימלאָזע, וואָס מוזען אָנקומען צו אַ היים.

ניט קיין טשאַריטי אָבער רעקאָמענדירט די קאָמיטע, נאָר סאָציאַלע הילף אין ברייטען זין, צו באַנוצען זיך מיט די ווערטער פון דעם באַוואוסטען עקספּערט איבער סאָציאַלע פאַרזיכערונג, מר. אברהם עפּשטיין, מיט וועמען די קאָמיטע האָט געהאַט פילע באַראַטונגען: „דער גאַנצער זין פון סאָציאַלער הילף באַשטעהט אין דעם, אַז שטאַרקע זאָלען פאַרזאָרגען שוואַכערע; געזונטע — קראַנקע און יונגע — אַלטע . . . ווער ווייס, אפשר וועט אַזאַ סאָרט רוף פאַר סאָציאַלע הילף צוציהען אויך דעם אַמעריקאַנער אידישען יונגען דור.

די עקזעקוטיוו קאָמיטע פון אַרבייטער רינג האָט אָבער אָפּגעוואָרפען דעם פּלאַן פון דער קאָמיטע, דערווייל האָט נאָך די עקזעקוטיוו קאָמיטע קיין אַנדער פּלאַן ניט. זיכער איז אָבער, אַז דער פּלאַן פון דער קאָמיטע וועט אָבער אויף אַזוי פיל האָבען פּראַקטישע רעזולטאַטען, אַז די 37טע קאַנווענשאַן וועט מאַכען אויף דעם אופן, אָדער אויף אַן אַנדערען ממשות'דיגע הילף פאַר אַלטע מיטגלידער. דער אַרבייטער רינג וועט באַווייזען, אַז זיין נאָמען „דער רויטער קרייץ" פון דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג האָט ער כשר פאַרדינט.

ווי צוצוציהען די יוגענד איז אפשר אַזאַ וויכטיגע פּראַגע, ווי צו פאַרזאָרגען די אַלטע. עס איז אמת, אַז דער אַרבייטער רינג איז אַן אימיגראַנטען אָרגאַניזאַציע, אָבער גראָדע איז אַמעריקע די קלאַסישע לאַנד פון פאַרשידענע געזעלשאַפטען, וואָס זיינען דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון געגענזייטיגער סאָציאַלער הילף. דער פּרינציפּ אויף וועלכען דער אַרבייטער רינג איז געבויט געוואָרען איז שוין גאָר ניט קיין אויסלענדישער.

די פּראָבעס, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען ביז איצט די אַמעריקאַנער יוגענד צוצוציהען האָבען ניט איינגאַנצען געלונגען. אונזער יוגענד איז אַ גאַנץ שעהנע יוגענד מיט נייגונגען פאַר שעהנע אידעאַלען, זיי האָבען גאַנץ גוטע הערצער, מען דאַרף אָבער דעם ריכטיגען שליסעל וואָס זאָל צו זייערע הערצער צוקומען, ביז איצט האָט מען נאָך אָבער דעם שליסעל ניט געפונען. לאָמיר האָפען, אַז די 37טע קאַנווענשאַן פון אַרבייטער רינג וועט געפינען אַ וועג צו דערגרייכען אונזער יוגענד.

דער אַרבייטער רינג איז ניט נאָר אַן אָרגאַניזאַציע פון געגענזייטיגער הילף, נאָר אויך פון ברייטע קולטורעלע אויפגאַבען. די אידישע סאָציאַליסטישע שולען אין אַרבייטער רינג האָבען זיך ניט נאָר זיך איינגעבירגערט אין אַרבייטער רינג, נאָר אויך געלאָזען טיפע וואָרצלען. איידער עס וועט פאַרקומען די קאַנווענשאַן אין פילאַדעלפיע, וועט פאַרקומען אַ שוהל צוזאַמענפאָהר פון אַרבייטער רינג שוהלען אין אַטלאַנטיק סיטי.

מעג זיך זיין דער דורכשניט עלטער פון די מיטגלידער פון אַרבייטער רינג עלטער. דער אידישער אַרבייטער אָרדען פאַרטרעט אָבער די אייביג יונגע אידעאַלען פון קולטור און פריינדשאַפט.

מאַי

פון קלמן הייזלער

ס'איז ניט די לופט מיט פאַרפיומען,
ניט מיט גרינס, ניט מיט בלומען;
מיט הייזער־הויך — מיט עמפּייער טורם —
איז אָנגעקומען דער מאַיעקער שטורם.

דערפאַר, דער היינטיקער, גרינער מאַי,
איז פול מיט אָטעם שווער ווי בלאַי,
און די נויט אַריבער אַלע דעכער
רייסט דאָס געשריי ווייטער און העכער.

די אידיל פון גרינס און פון בלומען
איז לאַנג שוין גע'גזל'ט און פאַרנומען;
אָבער נישט: „די האַנט אַז וויל,
שטייען אַלע רעדער שטיל!"

דער נעשאנאל לייבאר רילײשאנס געזעץ און זיין באדייטונג פאר די ארבייטער

פון א. יאזעפסאן

די ענטשיידונג, וואס דער סופרים קאורט האט ארויסגעגעבן דעם 12טען אפריל, לטובת דעם וואגנער לייבאר רילײשאנס געזעץ, און דער־מיט איז דער געזעץ ערקלערט געווארן קאנסטיטוציאנעל, האט ארויס, גערופען גרויס פרייד אין די רייהען פון דער אמעריקאנער ארבעטער באוועגונג און אן איבערראשונג פאר די יעניגע, וואס פאלגען נאך די האנדלונגען און ענטשיידונגען פון דעם סופרים קאורט אין דער לעצטער צייט.

אין די לעצטע פאר יאר איז דער היגער עולם שוין אזוי צוגעוואוינט געווארען צו קוקען אויף דעם סופרים קאורט אלס א פעסטונג פון רעאקציע און קאנסערוואטיזם, וואס פסל'ט יעדען געזעץ, וואס דער קאנגרעס נעמט אן צו גונסטען די ארבעטער, אז אפילו די ליבעראלען און דער פרעזידענט רוזוועלט האבען פארלארען די האפענונג, אז דער סופרים קאורט וועט ווען עס איז האנדלען אנדערש. און דא פלוצלונג דערקלערט דער סופרים קאורט, אז דער וואגנער געזעץ, וואס איז, אהן צווייפעל, א הילף צו ארגאניזירען די ארבעטער, איז קאנסטיטוציאנעל. נו, איז דען א וואונדער וואס די דאזיגע ענטשיידונג פון דעם סופרים קאורט האט ממש ארויסגערופען דערשטיינונג און איבערראשונג?!

נאר איידער מיר וועלען פרובירען דערקלערען פארוואס דער סופרים קאורט האט איצט דעם וואגנער געזעץ נעמאכט פאר קאנסטיטוציאנעל, וועלען מיר דא, אין קורצען איבערגעבן וואס איז אזוינס דער נײשאנאל לייבאר רילײשאנס אקט, אדער ווי מען זאגט אין קורצען: דער וואגנער געזעץ.

פאר אונז ליגט דער נײשאנאל לייבאר רילײשאנס אקט, וואס איז אנגענומען געווארען אין קאנגרעס דעם 5טען יולי, 1935. דער אקט פארנעמט ניין זייטלאך געדרוקטען בוך־פארמאט.

אין דער איינלייטונג צו דעם אקט ווערט ערקלערט, אז דער צוועק פון דעם אקט איז צו רעדוצירען די סיבות פון ארבעטער קאנפליקטען, „וואס זיינען א שווערע לאסט און א שטערונג פאר'ן האנדעל צווישען די פארשידענע שטאטען, ווי אויך פאר'ן אויסלענדישען האנדעל".

דערנאך דערקלערט דער אקט: אזוי ווי צוליב דעם וואס די באלעבאטים דערלאזען נישט די ארבעטער צו ארגאניזירען זיך און צו האנדלען מיט זייערע פארשטייער, ווערען ארויסגערופען סטרייקס און אנדערע אינדוסטריעלע אומרוען, וואס שטערט דעם האנדעל צווישען די פארשידענע שטאטען, און אזוי ווי די קאנסטיטוציע גיט א רעכט דעם קאנגרעס צו רעגולירען דעם האנדעל צווישען די פארשידענע שטאטען, דעריבער דארפען די ארבעטער האבען דאס רעכט צו ארגאנירען זיך און די באלעבאטים זאלען אנערקענען דאס רעכט פון „קאלעקטיוו בארגענינג" מיט די פארשטייער פון די ארבעטער, כדי עס זאלען פארקלענערט ווערען די סטרייקס און אנדערע אינדוסטריעלע אומרוען, וואס שטערען די רעגולירונג פון האנדעל צווישען די פארשידענע שטאטען.

וועגען די רעכט פון די ארבייטער לייענען מיר אויף זייט 4, סעקשאן 7, פאלגענדעס:

„די ארבעטער זאלען האבען דאס רעכט זיך צו ארגאניזירען, צו פארמירען אדער זיך אנשליסען אין די ארבעטער ארגאניזאציעס, צו האנדלען קאלעקטיוו, דורך זייערע אייגענע אויסגעקליבענע פארשטייער, און צו זיין אקטיוו פאר דעם ציל פון „קאלעקטיוו בארגענינג", אדער אנדערע געגענזייטיגע הילף, אדער באשיצונג".

אין סעקשאן 8 לייענען מיר, אז די באלעבאטים טארען ניט אנווענדען קיין ניט יושר'דיגע האנדלונגען געגען זייערע ארבעטער. אין דעם אקט ווערען די דאזיגע ניט גערעכטע האנדלונגען באצייכענט אלס „אנפעיר לייבאר פרעקטיס", און טייטשט גלייך אויס וואס עס מיינט ניט יושר'דיגע האנדלונגען מצד די באלעבאטים געגען די ארבעטער, ווי פאלגט:

1) „די באלעבאטים זאלען נישט שטערען די ארבעטער צו באנוצען זיך מיט דעם רעכט וואס איז גאראנטירט אין דעם סעקשאן 7".

2) „די באלעבאטים האבען ניט קיין רעכט צו מישען זיך אין דער פארוואלטונג, אדער דאמינירען די ארבעטער ארגאניזאציעס. די באלעבאטים טארען אויך ניט געבען קיין פינאנציעלע אדער אנדערע אונטערשטיצונג צו די ארבעטער ארגאניזאציעס".

3) „די באלעבאטים האבען ניט קיין רעכט צו דיסקרימינירען, דערמוטיגען אדער אנטמוטיגען זייערע ארבעטער אדער זאגען זיי צו וואס פאר אן ארבעטער ארגאניזאציע זייערע ארבעטער זאלען זיך אנשליסען".

4) „די באלעבאטים האבען ניט קיין רעכט אוועקצושיקען, אדער דיסקרימינירען געגען אן ארבעטער ווייל ער האט געבראכט קלאגען אדער געמאכט א דערקלערונג", וועגען די פונקטען, וואס ווערען נישט אפגעהיט, לויט דעם לייבאר רילײשאנס געזעץ.

5) „די באלעבאטים האבען ניט קיין רעכט אפצוזאגען זיך פון „קאלעקטיוו בארגענינג" מיט די פארשטייער פון די ארבעטער".

כדי די מאשינעריי פון דעם נײשאנאל לייבאר רילײשאנס געזעץ זאל ארבעטען ווי געהעריג, איז צוליב דעם געשאפען געווארען א נײשאנאל לייבאר רילײשאנס באארד פון דריי פערזאן. זיי זיינען: דזשאזעף וו. מעדען, פארזיצער, עדווין ס. סמיט און דאנעלד וו. סמיט.

עס זיינען אויך פאראן לאקאלע דירעקטארען און בעאמטע פון דער נײשאנאל לייבאר רילײשאנס באארד אין איין־און־צוואנציג שטאטען.

די נײשאנאל לייבאר רילײשאנס באארד האט אויפזיכט איבער אלע סכסוכים און קריוודעס וואס קומען פאר צווישען די באלעבאטים און ארבעטער. ווען, למשל, א גרופע ארבעטער, אדער אן איינצעלנער ארבעטער שיקט אריין צום דירעקטאר פון דער נײשאנאל לייבאר רילײשאנס באארד, א קלאגע געגען א באלעבאס, שיקט די באארד אירען אן אגענט, אדער אן עקזאמענער, אויסצוגעפינען אלע פאקטען וועגען דער קלאגע. די פארשטייער פון דער נײשאנאל לייבאר רילײשאנס באארד האבען א רעכט צו פאדערען פון די באלעבאטים, אז זיי זאלען צושטעלען ביכער, דאקומענטען און אנדערע פאקטען וואס זיי, די פארשטייער, געפינען פאר נויטיג, ווי אויך ארויסצורופען עדות. אויב אבער די באלעבאטים, אדער די עדות וועלען מאכען שטערונגען די פארשטייער פון דער באארד, קענען זיי שטראפירט ווערען מיט א סומע פון פינף טויזענט דאלאר, מיט א יאר טורמע, אדער ביידע צוזאמען.

ווען די באלעבאטים וועלען נישט אויספאלגען די באשלוסען פון דער נײשאנאל לייבאר רילײשאנס באארד, דעמאלט ווערט די גאנצע קייס אריבערגעטראגען אין דעם פעדעראלען סוירקוט קאורט און אפילו און דער געריכט קען באשטראפען דעם שולדיגען אין „קאנטעמפט אוו קאורט".

אויב אן ארבעטער אדער א באלעבאס איז נישט צופרידען מיט דער אנטשיידונג פון די לאקאלע פארשטייער פון דער באארד, האט ער צו אפעלירען די קייס צו דער נײשאנאל לייבאר רילײשאנס באארד אין וואשינגטאן און ווי די באארד באשליסט אזוי ווערט עס ענטגילטיג.

אט דאס זיינען די הויפט פונקטען פון דעם נײשאנאל לייבאר רילײשאנס אקט.

פארוואס די מעהרהייט פון סופרים קאורט האבען זיך ערקלערט לטובת דעם וואגנער געזעץ?

פילע מענשען פרעגען: ווי קומט וואס די מערהייט פון סופרים קאורט האבען דערקלערט דעם וואגנער געזעץ קאנסטיטוציאנעל? — דער ענטפער איז, אז דערביי האבען געווירקט צוויי סיבות. ערשטענס, וואס דער פרעזידענט רוזוועלט און א היפשע צאל ליבעראלען פון לאנד שטיצען אים — האט לעצטענס אויפגעהויבען די פראגע צו פארגרעסערען די צאל מיטגלידער פון סופרים קאורט אויף פופצען מיטגלידער, כדי די גאר קאנסערוואטיווע ריכטער זאלען ניט האבען קיין מערהייט אין סופרים קאורט, ווארים רוזוועלט מיט אלע פראגרעסיווע עלעמענטען פון לאנד האבען אויפגעהויבען דעם לאזונג, אז צוליב דעם וואס דער סופרים קאורט פסל'ט יעדען פראגרעסיווען געזעץ וואס ווערט אנגענומען פון קאנגרעס און סענאט מיינט עס פשוט אז עס איז אוממעגליך און נוצלאז אנצונעמען געזעצען לטובת די ברייטע מאסען. אין אנדערע ווערטער: דער סופרים קאורט שטעלט זיך געגען דעם ווילען פון פאלק. און ווען דער סופרים קאורט האט איצט באשלאסען צו גונסטען דעם וואגנער געזעץ וועט עס ארייינברענגען א מישעניש אין די רייהען פון די ליבעראלען. אט אזוי זעהען מיר טאקע, אז גלייך אויף מארגען, נאכדעם ווי דער סופרים קאורט האט ארויסגעגעבן די אנטשיידונגען פאר דעם וואגנער געזעץ, האבען א סאך ליבעראלע צייטונגען פון לאנד, וואס האבען געשטיצט רוזוועלט'ן אין זיין לאזונג, אז מען זאל פארגרעסערען דעם סופרים קאורט, פלוצלונג געמאכט א השיבנו נאזאד און גענומען איינטענה'ן, אז מען דארף שוין ניט פארגרעסערען דעם סופרים קאורט, ווארים אט האט דאך דער סופרים קאורט אזא וויכטיגען געזעץ ווי דערקלערט קאנסטיטוציאנעל; צווייטענס, האט זעהר פיל מיטגעהאלפען, אז דער סופרים קאורט זאל זיך ארויסזאגען צו גונסטען דעם וואגנער געזעץ, צוליב דער כוואליע פון זיץ־סטרייקס און מיליטאנטישקייט, וואס די ארבעטער האבען ארויסגעוויזען פאר דער לעצטער צייט פאר דאס רעכט צו ארגאניזירען זיך און „קאלעקטיוו בארגענינג", דאס האט ארויסגערופען א גרויס צוטומלעניש אין לאנד. פילע זיינען געווען מיט דער מיינונג, אז ווען דער וואגנער געזעץ וועט ווערען קאנסטיטוציאנעל און די באלעבאטים וועלען מוזען אנערקענען דאס רעכט פון די ארבעטער צו ארגאניזירען זיך און „קאלעקטיוו בארגענען" וועט רעדוצירט ווערען די צאל סטרייקס און אפגעשטעמפט ווערען די מיליטאנטישקייט פון די ארבעטער. — אט־דאס זיינען געווען די סיבות וואס האבען געצוואונגען אפילו די פארהארטעוועטע סופרים קאורט ריכטער צו דערקלערען דעם וואגנער געזעץ קאנסטיטוציאנעל.

די אויפגאבע פון די ארבעטער צו מאכען דעם וואגנער געזעץ עפעקטיוו

דער וואגנער געזעץ וועט, אהן צווייפעל, עפענען ברייטע מעגליכקייטען פאר די ארבעטער צו ארגאניזירען זיך אין יוניאנס און אויסצוקעמפען בעסערע לעבענס באדינגונגען, אבער עס וואלט געווען א גרויסער טעות צו מיינען, אז דערמיט וואס דער וואגנער געזעץ איז קאנסטיטוציאנעל וועלען די ארבעטער במילא ווערען ארגאניזירט. גראד פארקערט. ערשט איצט איז נויטיג, אז די יוניאנס זאלען פארגרעסערען און אויסברייטערען זייערע ארגאניזאציאנס־טעטיגקייטען, פארשטארקען זייער מאכט און ארויסווייזען מער מיליטאנטישקייט, כדי צו מאכען דעם וואגנער געזעץ פאר א ווירקזאמען וואפען אין די הענט פון די יוניאנס.

די דערפארונג פון דער נאענטער פארגאנגענהייט, ווען עס איז געווען די נ. ר. א. האט אונז געלערענט, אז א געזעץ לטובת די ארבעטער קען נאר דעמאלט זיין ווירקזאם ווען די ארבעטער האבען זייערע אייגענע מעכטיגע און גרויסע יוניאנס.

אין די אינדוסטריעס וואו עס האט עקזיסטירט א גרויסע און שטארקע יוניאן האבען די ארבעטער, אויסנוצענדיג די נ. ר. א. אויסגעקעמפט און געוואונען א סאך בעסערע באדינגונגען ווי אין די אינדוסטריען, וואו עס איז נישט געווען קיין שטארקע יוניאנס, כאטשבי די נ. ר. א. איז געווען פאר אלעמען.

קאפיטאליזם, און וואס שטארקער עס בושעוועט די אנטיסעמעטישע כוואליע אין פוילען, אלץ עקשנות'דיגער ווערט דער גייסט פון פראטעסט און ווידערשטאנד ביים אידישען ארבייטער, אין דער ארבייט האט דער אידישער ארבייטער אין פוילען א ווירדיגען מיטהעלפער, דאס איז דער פוילישער ארבייטער קלאס, וועלכער האט ריכטיג פארשטאנען, אז קאמף געגען אנטיסעמיטיזם איז נישט עפעס אנדערש ווי קאמף געגען רעאקציע און פאשיזם.

אין דעם קאמפראמיסלאזען קאמף טראגען די ארגאניזירטע באקליידונגס ארבייטער אין פוילען, אידישע און פוילישע צו זייער חלק, און אין זייער נאמען טאקע וויל איך אויסדריקען מיין דאנק דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט װאירקערס יוניאן, און ספעציעל אונזער פריינד דעם פרעזידענט ה' דובינסקי, פאר געבען מיר די געלעגענהייט דעם גרוס פון די שניידער ארבייטער אין פוילען איבערצוגעבען מינדליך.

געטרונקען און געטרונקען, געזופט און געזופט אין זיך די רייד פון די רעדנער און ער האָט זיך געפילט גליקלאַך וואָס ער האָט אויך דאָס יאָר ניט פאַרשוועכט דעם ערשטען מאַי און וואָס ער האָט ווי אַלע יאָר, זינט ער האָט זיך נאָך אַלס יונגער בחור׳ל אָנגעשלאָסען אַהן „בונד", אויך היינטיגס יאָר געפייערט דעם ערשטען מאַי יום־טוב.

עס האָט אָנגעהויבען צופאַלען די נאַכט. די זון האָט זיך אָנגעהויבען זעצען, לאַנגע שוואַרצע שאָטענס האָבען זיך אָנגעהויבען ציהען פון די בוימער אין׳ם סקווער פּאַרק, פון די געביידעס ארום און פון די מענשען. די די רעדעס האָבען זיך געענדיגט. די קאָמיטע לייט האָבען אָנגעהויבען צונויפוויקלען די פאַנען, צונויפזאַמלען די פלאַקאַטען. דער עולם האָט זיך אָנגעהויבען צוגעהן און אַ דריקענדער אומעט האָט ארומגענומען בעני׳ס הארץ.

בעני׳ן האָט זיך ניט געוואָלט אַזוי שנעל אַוועקגעהן און געהן צוריק צו זיין סטאָרקע. ער איז נאָך לאַנג געשטאַנען אויפ׳ן סקווער. איז צוגעגאַנגען דאַ צו איין רעדעל מענשען, דאַ אַ צווייטען. צוגעלייגט צו יעדער גרופּע אַן אויער, געהערט וואָס זיי ריידען. געקוקט ווי עס רוקען זיך די גרויסע עלעקטרישע ווייזערס פונ׳ם גרויסען זייגער אויף דער הויכער געביידע וואָס איז געשטאַנען לעבען סקווער. געזעהן ווי טונקעלע שאָטענס הילען איין די לופט און ער האָט אָפּגעזיפצט.

דער גאַנצער יום־טוב׳דיגער עולם איז זיך צעגאַנגען, בלויז די סטריט קלינערס אין ווייסע כאַלאַטען און מיט גרויסע בארשטען זיינען פאַרבליבען און זיי האָבען טיכטיג און גרינטליך געקערט און גערייניגט דעם סקווער, אָפּגערייניגט דעם גרויסען בריטען סקווער פון די געדיכט אָנגעוואָרפענע ערשטע מאַי פּראָקלאַמאַציעס און שטיקלאַך צייטונגס פּאַפּיר וואָס האָבען זיך געוויסט אין דער טונקעלהייט פון דער אָנקומענדער נאַכט.

בעני האָט נאָך אַלץ ניט געוואָלט אַוועקגעהן. ער האָט זיך נאָך אַלץ ארומגעדרעהט איבער׳ן סקווער און אין דעם סקווער פּאַרק. האָט זיך צוגעקוקט צו די יונגע פאַרליבטע פּאָרלאַך וואָס זיינען געזעסען אויף די בענק פון סקווער פּאַרק צוגעטוליעט איינע צו די אַנדערע. פינגער איינגעפלאָכטען אין פינגער, מיט גליהענדע פאַרליבטע אויגען זיך איינע די אַנדערע אָנגעקוקט און שטיל געפּליסטערט איינער צום צווייטען און אַ ביינקעניש, האָט ווי מיט צוואַנגען, אַרומגענומען בעניס הארץ.

עס איז שוין געוואָרען גוט פינסטער, בעני האָט זיך נאָך אַ ווײַלע אַרומגעדרעהט און ער איז מיט אַ שווער הארץ אַרונטער אין סאָבוויי סטיישיאָן צו פאָרען אַהיים, צו זיין סטיישענערי סטאָרקע.

ווען ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין סאָבוויי האָט ער ערשט דערפילט אַ מידקייט אין אַלע גלידער. ער האָט מיט שטאַרע אויגען געקוקט אויף די אַנאָנסען־פּאָסטערס אין קאַר, וואָס האָבען אַנאָנסירט אַלערליי אַפּפיר־מיטלען, אַ געוויסען סאָרט בעבלאַך, פאַרשיידענע זייפען, נאָז־טיכלאַך, מיטלען צו אַ הוסט און צו אַ קאַטאַר, אַלערליי סאָרטען ראַזיר מעסערלאַך און אַנדערע אַזעלכע אַרטיקלען. ער האָט געקוקט אויף דעם מיט אויסגעגלאָצטע, פאַרגלעזערטע אויגען ניט וויסענדיג אויף וואָס ער קוקט און וואָס עס שטעהט אויף די פּאָסטערס אָנגעשריבען. זיין קאָפּ, זיין געדאַנק, זיין גאַנצער קערפּער איז געווען אָנגעפילט מיט די פּאַסירונגען און מיט די יום־טוב׳דיגע איבעלעבונגען פון גאַנצען טאָג. אין זיין געדאַנקען האָט זיך יום־טוב געמישט מיט וואָכעדיגס: דער ערשטער מאַי, די דעמאָנסטראַציע, די רויטע פאַנען, די יום־טוב׳דיגע באַגייסטערטע פּנים׳ער פון די צענדליגער טויזענטער מאַרשירער, אָפּגעריסענע שטיקלאַך ניגונים פון די אַרבייטער־מוזיק און די פלאַם־פייערדיגע ווערטער פון די רעדנער האָבען זיך אין זיין מוח איצט צונויפגעפלאָנטערט מיט סטיישאַנערי סטאָר, סיגאַרעטס, קענדי, סאָדאַ־וואָסער און די אַלערליי אַפּפיר־מיטלען, ראַזיר מעסערלאַך און די אַנדערע אַרטיקלען, וואָס זיינען אַנאָנסירט געוואָרען אויף די פּאָסטערס אין קאַר. די גרויסע, פעטע בוכשטאַבען אויף די אַנאָנסען־פּאָסטערס האָבען געטאַנצט פאַר זיינע אויגען, זיך צונויפגעמישט אין זיין מוח מיט די אַלע געהויבענע איבערלעבונגען זיינע פון גאַנצען טאָג, און אַליין ניט וויסענדיג ווי אַזוי און פאַר וואָס איז איהם פּלוצלינג אין די געדאַנקען איינגעפאַלען אַ פּסוק פון דעם, וואָס ער האָט אַלעמאָל אין זיין יוגענט געלערענט און זיינע ליפּען האָבען צו זיך אַליין אָנגעהויבען מורמלען:

„ישובו רשעים לשאולה" — צוריק אין גיהנם אריין...

„שטאָל"

(דראַמע פון דזשאָן וועקסלי, אויפגעפירט פון א. ל. ג. וו. י.„ אין לייבאָר סטיידזש טעאַטער. רעזשי — מאַרק שוויד.

פון ר. בן־אַרי.

דער קאַמף צווישען דעם ארבייטער און באָס, צווישען דעם עקספּלואַטירטען און דעם עקספּלואַטאָר, אַ קאַמף אויף לעבען און טויט, גייט אָן אין אַלע אינדוסטריעס, אַ קאַמף וואָס פירט זיך אייגענטליך איבער דער גאַנצער וועלט, אָבער ביי אונז אין אַמעריקע, בולט׳ער, שאַרפער, ווייל דער קאַפּיטאַליזם האָט דערגרייכט זיין העכסטע שטופע, און אַ שאַרפערען פונקט האָט דער קאַמף אָנגענומען אין דער שטאָל־אינדוסטרי וואו די אַרבייטער זיינען עקספּלאָטירט געוואָרען אויף דעם שוידערליכסטען אופן.

אין די פּיטסבורגער שטאָל־פאַבריקען אין די קוילען מאַינס, פאַרטרעטען די ארבייטער אַלע ראַסען און נאַציאָנאַליטעטען פון דער וועלט, מיט יאָרען צוריק זיינען אָט די אימיגראַנטען אָנגעקומען אין לאַנד פון האָפענונגען און אומבאַגרעניצטע מעגלעכקייטען צו זוכען גליק, וואָס האָבען זיי געקענט געבען אַמעריקע, אַ חוץ זייערע הענט, מוסקלען, זייער גאַנצען געזונט — דאָס איינציג — וואָס זיי האָבען פאַרמאָגט; און פּיטסבורג האָט זיי אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, קיין סך פאַר זיין ארבייט האָט ער נישט פאַרלאַנגט, און דער מאַגנאַט האָט שוין געזעהן אַז דער אַרבייטער זאָל אויסגענוצט ווערען אויפן בעסטען אופן, פאַר זיי זיינען אָט די טויזענטער און טויזענטער הענט געווען אַ קוואַל פון פּראָפיט, אין די ברענענדיגע קאַלך־אויוועגס פון די שטאָל־פאַבריקען אין די פינסטערע מאַינס האָבען אויפגעלעבט פון די נייע אָנגעקומענע כחות.

אין יענע צייטען ווער האָט עס דאַרטען געטראַכט פון אַ יוניאָן? אינסטינקטיוו האָט דער ארבייטער יאָ געפילט, אַז אים פעלט אַן אָרגאַניזאַציע וואָס זאָל אים באַשיצען פון דער שרעקליכער עקספּלואַטאַציע, אָבער ער איז געווען פאַרפּלאָנטערט אין אַ נעץ פון פאַלשע אילוזיעס — מען פלעגט אים איינריידען אַז ער דאַרף גאָר ניט זיין קיין שטאָל־אַרבייטער אויב ער וויל ניט, אין לאַנד פון אומגעהויערע מעגליכקייטען קען ער ווערען אליין אַ מאַגנאַט, אַ באַנקיר, אַ מיליאָנער. — ער קען ווערען אַ שותף צום געשעפט, זאָל ער נאָר קויפען סטאָקס, וועלען זיך די סטאָקס, מיט דער צייט הויבען אין פּרייז און ווער ווייסט ווי הויך זיי קענען שטייגען, דער אַרבייטער פלעגט ברייגען זיינע אָפּגעשפּאָרטע מיט שווייס פאַרהאָרעוועטע געלדער, פלעגט איינקויפען עטליכע שערס, און־וואַרטען אויף גליקען, און דער טראָסט פלעגט לאַכען אין די הויפענס פון זייערע נייע צוגעקומענע שותפים...

אָט אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען פאַר יאָרען און יאָרען, די מלחמה יאָרען האָבען נאָך מעהר פאַרשפּרייט דעם נעץ פאַר די אַרבייטער, אויף די שלאַכטס־פעלדער האָט מען געאַרבייט אָווערטאַים... און שטאָל פאַר קוילען און ביקסען האָט מען געריסען אונטער די הענט, מען האָט געאַרבייט מיט שווייס און בלוט צו דערפילען די גרויסע באַשטעלונגען. דער קאַמף האָט זיך פאַרשאַרפט, דער אַרבייטער האָט געפאָדערט די עלעמענטאַרסטע רעכט אויף מאַכען אַ לעבען, די מאַגנאַטען האָבען מיט דער הילף פון געזעץ אַלעמאָל איינגעשטילט, אָבער אָט קומט דער קראַך, וואָס האָט ניט נאָר געמאַכט אַ סוף צו די אילוזיעס פון דעם ארבייטערס פאַר־סטאָקס, נאָר צוליב דעם קריזיס האָט מען אָנגעהויבען ארויסוואַרפען אים אויפן גאַס, צוליב דעם וואָס קיין ארבייט איז ניט געווען געגוג, קיין נייע מלחמה האָבען די מאַגנאַטען ניט דערוואַרטעט אַזוי שנעל האָט מען דאָך געדאַרפט מאַכען עקאָנאָמיע... אָבער כדי צו באַרוהיגען די געמיטער און אַריינמישען זיך אויך אין דעם קאַמף פאַר אָרגאַניזירען זיך אין אַ יוניאָן האָט דער טראָסט געגנער מען אַ האַנט, איר ווילט אַ יוניאָן, האָבען זיי געזאָגט גוט, מיר וועלען אייך געבען אַ יוניאָן, מיר וועלען אייך באַזאָרגען מיט אַ יוניאָן, וואָס וועט אייך באַשיצען פון אונז, אָבער די ארבייטער האָבען שוין געוואוסט פון די טובות וואָס ווערען געטאָן פון דעם טראָסט, האָט זיך אָנגעהויבען אַ קאַמף מיט סטרייקס, מיט פּאָליציי און מיט מיליטער, מיט גאַז פלעגט מען פאַרטרייבען דעם ארבייטער וואָס פלעגט פּיקעטען די פאַבריקען, און זיי האָבען זיך בשום אופן ניט געוואָלט אונטערגעבען דער „יוניאָן" וואָס די בעלי־בתים האָבען פאַר זיי צוגעגרייט, די קאָמפּאַני יוניאָנס, ווי מען האָט זיי אָנגערופען האָבען געקעמפט געגען די אמת׳ע ארבייטער יוניאָן, אָט דער קאַמף אייגענטליך איז נאָך ניט פאַריבער, די ארבייטער האָבען טאַקע געוואונען דעם קאַמף און רעכט צו אָרגאַניזירען זיך אין זייער אייגענער יניאָן, אָבער עס איז גענוג בלוט פאַרגאָסען געוואָרען ביז זיי זיינען געקומען צו דעם נצחון, און דער קאַמף האָט זיך נאָך ניט געענדיגט, די מאַגנאַטען האָבען נאָך אים ניט אויפגעגעבען.

אָט אויף דער טעמע האָט דער באַקאַנטער יונגער דראַמאַטורג זשאָן וועקסלי אָנגעשריבען די דראַמע „שטאָל", וועקסלי איז ניט קיין פנים חדשות אויף בראָדוויי, ער האָט שוין געהאַט אַ דערפאָלג מיט זיינע דראַמעס „די לאַסט מאַיל" און „דהעי שעל נאָט דאַי", געבויט אויף דער סאַקאָ־וואַנזעטי אפערע. אויך אָט די צוויי דראַמעס זיינען געבויט געוואָרען מיט אַ סאָציאַלען הינטערגרונט, אָבער „סטיל", איז אַן אויסגעשפּראָכענע פּראָלעטאַרישע פּיעסע, אַ מעהר קאָנקרעטע און דערפאַר מעהר אַ צוגענגליכע דראַמע, וואָס קען אַפּעלירען צו יעדען ארבייטער וועמען עס איז באַקאַנט דער קאַמף פאַר אַ מענשליכען לעבען און יעדען אינטעליגענטען מענשען וועמענס חוש איז אַנטוויקעלט פאַר סאָציאַלער גערעכטיגקייט.

פאַר די לעצטע צעהן יאָר, איז אויפגעשוואומען אין טעאַטער די פּראָבלעם פון פּראָלעטאַרישע קונסט בכלל אין פּראָלעטאַרישען טעאַטער בפרט. אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואו דער טעאַטער איז מעהר אַנטוויקעלט ווי ערגעץ אַנדערש אין דער וועלט, האָט אָט די פראַגע פון פּראָלעטאַרישען טעאַטער פאַרנומען דעם אויבען אָן אין אַלע דיסקוסיעס וועגען טעאַטער. עס איז דיסקוטירט געוואָרען אין די צייטונגען, זשורנאַלען, אויף מיטינגען, וואָס דאָס איז פּראָלעטאַרישער טעאַטער, צו דאַרף מען אַזאַ טעאַטער, און אויב מען דאַרף ווי זאָל ער אויסזעהן. נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבען אַ סדרה, וועלכע פּיעסען זיינען פּראָלעטאַריש, און וועלכע זיינען ניט.

זיינען די דראַמען וואָס ריידען ניט דירעקט וועגען פּראָלעטאַריאַט, נאָר מיט אַ רמז, די וואָס אַגיטירען ניט דירעקט פאַר סאָציאַלער גערעכטיגקייט זיינען זיי סאָציאַל. און פּראָלעטאַריש צו זיינען נאָר פּראָלעטאַריש די דראַמען וואָס ווייזען קאָנקרעט דעם פּראָלעטאַרישען לעבען, ווי צום ביישפּיל דעם ארבייטער אין פאַבריק, אין פעלד, ארבייטענדיג אָדער אויף די באַריקאַדען קעמפענדיג. און אויב מען ווייזט דעם ארבייטער אין פאַבריק צו דאַרף מען ווייזען אים טאַקע ארבייטענדיג (כדי צו ווייזען די פּראָצעסען פון ארבייט פאַר די יעניגע וואָס זיינען ניט באַקאַנט) אָדער נאָר ווייזען דעם אידייאישען קאַמף, דערגרייכונגען א. אַז. וו. בערג מיט פּאַפּיר זיינען וועגען דעם אָנגעשריבען געוואָרען, אויף מיטינגען פון די שטריינג לינקע ביז די רעכטע, פלעגט דער שרייבער פון אָט די שורות זיך אַליין היצען פאַרטיידיגענדיג אַ געוויסען שטאַנדפּונקט וואָס איז מיר דאַן געווען צום הארצען. טויזענטער עקספּערימענטען זיינען געמאַכט געוואָרען אין סאָוועטען־פאַרבאַנד און איין צייט האָט זיך עס פאַרשפּרייט אויך אין אַנדערע לענדער, און ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס ס׳איז אַ טאָן אומזיסטע רייד און ווערטער ארויסגעוואָרפען געוואָרען, איז מען פאַרט דורך זיי געקומען צו אַ געוויסער קאָנקרעטער פאָרמע פון פּראָלעטאַרישע דראַמע, און פון פּראָלעטאַרישען טעאַטער. איין זאַך איז קלאָר געוואָרען אַז ווען מען ווייזט אַ פאַבריק אויף דער בינע, דאַרף אויסגענוצט ווערען אַלע עפעקטען כדי אונטערצושטרייכען דעם קאַמף, אָדער די דערגרייכונגען פון מענשליכען פּראָגרעס מיט אַלע מיטלען, און די פאַבריק מיט אַזאַ מעגליכקייט, סאַי ריטמיש, סאַי מוזיקאַליש. איך זאָג ניט אַז עס דאַרף אויסגעבויט ווערען אַ גאַנצע פאַבריק אויף דער בינע און ווייזען די ארבייט, די אויסערגעוויינליכע אָנשטריינגונג פון שטאָל. ארבייטער וואָס שטעהט אין אַ גיהנום און גיסט זיך אָפּ מיט שוויס, דאָס קען מען ניט טאָן. אָבער ווייזען אַ ווינקעל, דאָס וואָלט מען געקענט טאָהן און אפשר באַדאַרפט טאָהן און דאָס פעלט לײַדער אין דער אויפיהרונג פון „שטאָל". מאַרק שוויד אונטער וועמענס טאַלאַנטפולע רעזשי „סטיל" ווערט אויפגעפירט, האָט זייער ריכטיג געמאָלען די הויז בילדער פון די „שטאָל־ארבייטער". ער ווייזט דאָס

צוריק אין גיהנום

(ערצעהלונג)

פון ז. שער

ערב ערשטען מאַי איז בעני פרידמאַן ארומגעגאַנגען איבער זיין סטיישאַנערי סטאָרקע אַן אומרוהיגער, אַן אומצו־פרידענער און אַ צוטראָגענער, און זיך קיין פלאַץ ניט געקאָנט געפינען. ניט נאָר איז אים דער שמאָלער, ענגער דורכגאַנג צווישען סיגאַר קאַונ־טער, אָדער סאָדא סטענד און דער וואַנט איצט איינג געווען. נאָר די גאַנצע סטאָר איז אים איצט געווען קליין, שמאָל און ענג, ווי אַ תפיסה. ער האָט ווי אַ פאַרשפאַרטער אין אַ קליינטשיק תפיסה־קאַמערעל, זיך אומרוהיג ארומגעדרעהט איבערן סטאָר און אַלץ, די סטאָר, די פעקלאַך סיגאַרעטס, די שאַכטלאַך סיגאַרען, די סיגאַר און קענדי קעיסעס, דער סאָדא פאַנטען און די קאַסטימער זיינען אים איצט געווען דערווידער און עקעלדיג, אַז ער האָט אויף דעם אַלעמען פשוט ניט געקאָנט קוקען און צו דער פרוי זיינער, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ קליינעם פינסטערען צימערעל הינטער'ן סטאָר און זיך געפּאַרקעט ביי דער ספירט־אויוועלע אויף וועלכען עס האָט זיך געקאָכט זייער מיטאָג, האָט ער זיך אָפּגערופען:

— הער נאָר פרידע. דו ווייסט ניט, מאָרגען ערוואַרטסטע אַ ביזי טאָג. וועסט זיך קענען אליין ספּראַווען מיט דער סטאָר? ווייל איך וואָלט מאָרגען וועלען אַביסעל צופאַרען אין שטאָט.

דערהערט וועגען צופאַרען אין שטאָט האָט עס פרידען אַ ברען געטאָן און זי האָט זיך מיט כעס צו שריהען:

— וואָס עפּעס פּלוצים אין שאָט, האָסט זיך שוין פאַרביינקט נאָך די יוניאָן ברידערלאַך דיינע? אָבער זעה נאָר ווי ער קען עס ניט פאַרגעסען דעם שאַפּ. אוי בעני, בעני — האָט זי נאָך העכער זיך צושריהען — ווי קענען מיר מאַכען ערפאָלג אין די ביזנעס, אַז דער שאַפּ געהט דיר ניט ארויס פון זינען.

— וואָס שאַפּ, ווער שאַפּ, וואָס האָסטו זיך צוגראַגערט וועגען שאַפּ, ווער האָט דאָ דיר דערמאָנט דעם שאַפּ — האָט שוין בעני מיט בייזקייט אריינגע־שריהען דער וויב זיינער גלייך אין פנים. — דאָס האָט אַ מויל און דאָס גראַגערט... דו ווייסט דען וואָס פאַר אַ טאָג מאָרגען איז?

— וואָס פאַר אַ טאָג איז מאָרגען? — האָט פרידע געפרעגט מיט נייגעריגקייט און מיט שפּאַנונג אים אָנגעקוקט.

— וואָס? דו ווייסט גאָר ניט וואָס פאַר אַ טאָג מאָרגען איז? — האָט זיך בעני געוואונדערט, — עס זעהט אויס אַז די סטאָר האָט דיר שוין אין גאַנצען פאַרגרעבט, מאָרגען איז דאָך דער ערשטער מאַי!

— נו, האָט מיר טאַקע אַ גליק געטראָפען — האָט פרידע מיט ביטול עס אָוועקגעמאַכט מיט'ן האַנט און אָנקוקענדיג שאַרף בעניין האָט זי מיט מעהר כעס זיך צורעדט.

— דיר ליגט אין זינען דער ערשטער מאַי און מיר דאַרט די קאָפּ וואָס מאָרגען איז שוין דער ערשטער און ס'איז קיין סענט ניטאָ מיט וואָס גוט צו מאַכען די בילס.

פרידעס ווערטער האָבען בעניין ווי מיט אַ קאַלטען שעפּעל וואַסער אָפּגעגאָסען און ער האָט שוין מעהר קיין חשק ניט געהאַט מיט איר צו ריידען. אַ נער־וועזער, אַ צורייצטער האָט ער אַרומגעשפּאַנט איבער'ן סטאָר און קיין אַנדער זאַך איז אים שוין אין גע־דאַנקען ניט געלעגען ווי נאָר דאָס וואָס מאָרגען איז דער ערשטער מאַי, דער טאָג וועלכער איז ביי אים אַ גרויסע היילינגקייט — און אים — האָט דאָס האַרץ אים געשראָקען — וועט נאָך אפשר אויסקומען אָט דער היילינגקייט צו פאַרשוועכען... און צוליב דעם טאַקע איז ער געווען אַזוי אומצופרידען און צוערגערט, ווייל זינט ער געדיינקט זיך אַלס שטיקעל מענש האָט ער נאָך קיינמאָל דעם ערשטען מאַי ניט געאַרבייט, און האָט שטענדיג מיט אַלע היילינע ציטערען פון זיין נשמה אָט דעם יום־טוב געפייערט. אין דער אַלטער היים, איז אפילו ביי אים רעכט געווען פאַר אָט דעם ערשטען מאַי יום־טוב זיין לעבען איינצושטעלען. האָט, ניט געקוקט אויף דער מאַמעס בעטען אין טרערען, זיך באַטייליגט אין דעמאָנסטראַציעס, וועלכע קאָזאַקען פלעגען באַפאַלען מיט זייערע נאַגאַיקעס און איינ־מאָל טאַקע איז ער פאַר באַטייליגען זיך אין אַן ערשטע מאַי דעמאָנסטראַציע אַרעסטירט געוואָרען און איז אַ יאָר אין טורמע אָפּגעזעסען... און דאָ, אין אמעריקע, האָט ער אונטער די ערגסטע אומ־שטענדען, ווען אין זיין פאַך איז נאָך קיין יוניאָן ניט געווען און אים האָט אפילו געדראָהט דעם דזשאָב צו פאַרלירען, אַלע מאָל דעם ערשטען מאַי הייליג אָפּ־געהיט און איז דעם טאָג ניט אריינגעקומען אין שאָפּ און זינט אין זיין פאַך איז געוואָרען אַ יוניאָן איז דאָך אָפּגערעדט, איז ער געווען פון די ערשטע צו מאַר־שירען מיט זיין יוניאָן אין ערשטען מאַי פאַראַד. נאָר דאָס יאָר, זינט ער האָט די סטאָרקע געקויפט, וועט זיין דאָס ערשטע מאָל ווען ער וועט דעם ערשטען מאַי ניט קענען פייערען און אים וועט אויסקומען צו פאַר־שוועכען זיין היילינגען יום־טוב.

ער איז אַ פאַראומערטער, אַ פאַרטראַכטער, ארומ־געגאַנגען איבערן סטאָר און זיך געבראָכען דעם מוח וואָס זאָל ער טאָן. ער האָט ביי זיך ניט געקענט רעכט מאַכען, אַז ער וועט שטעהן אין סטאָרקע אין די וואָכעדיגע קליידער און זיך באַשעפטיגען מיט אַזוינע וואָכעדיגע און נודנע קלייניגקייטען ווי פאַר־קויפען דעם אַ פּעקעל סיגאַרעטען פאַר צעהן סענט, אַ צווייטען אַ גלאָז סאָדא וואַסער פאַר צוויי סענט, אָדער פאַר אַ פעני קענדי, ווען דאָרט, אין ניו־יאָרק, וועלען צענדליגע טויזענטער אַרבייטער, יום־טוב'דיג־אויסגעפוצטע, מאַרשירען. אַרבייטער מוזיק וועט שאַ־לען, די רויטע פאָנען וועלען פלאַטערען און די זיסע געשמאַקע מאַי לופט וועט זיין אָנגעפילט מיט אַר־בייטער יום־טוב און אַרבייטער פרייד און אַז ער האָט זיך עס אָן דעם דערמאָנט האָט ער זיך אַ טרייסעל געטאָן ווי ער וואָלט עפּעס ביטערעס און עקעלדיגעס אַראָפּגעשלונגען.

ער האָט זיך אַלע מינוט אַ כאַפּ געטאָן צו לייענען אַ צייטונג, געלייענט דאָרט אַלע איינצעלהייטען פון מאָרגענדיגען ערשטען מאַי פאַראַד. ווער עס וועלען זיין די הויפּט אָנפירער פון פאַראַד. ווי אַזוי די מאַר־שירער וועלען זיך אויסשטעלען, דורך וועלכע גאַסען דער פאַראַד וועט דורכגעהן און וועלכע רעדנער עס וועלען ריידען און וואָס מעהר ער האָט וועגען דעם אַלעם געלייענט אַלץ שטאַרקער איז אין אים געוואַק־סען די אומרוהיגקייט און די אומצופרידענקייט. און ער האָט מיט אַזאַ עקעל פיינט געקראָגען די סאָדא וואַסער, מיט די קענדי, מיט די פּעקלאַך סיגאַרעטס און דער גאַנצער סטאָרקע זיינער, עס האָט אים פון דעם אַלץ אַזוי שטאַרק אָנגעהויבען שטיקען און ווערגען אין האַלז, אַז ער האָט זיך ראַפּטאָם געגעבען אַ שטעל אָפּ אין מיטען סטאָר און ווי אַ באַנומענער, מיט אָנ־געצונדענע אויגען אריינגעשריהען צו דער וויב זיינער אין פינסטערען צימערעל הינטערען סטאָר:

— פרידע, הערסט פרידע! מיך אַרט ניט וואָס דו וועסט מאָרגען טאָן; ווי אַזוי דו וועסט אויסקומען. איי דאַנט גיוו עי דעם! איך פאַר מאָרגען אין שטאָט!...

און בעת מעשה האָבען זיינע אויגען אַזוי גע־ברענט, אַז פונקען פייער האָבען פון זיי געשפּריצט.

פרידא האָט זיך אַזוי צושראָקען אי פאַר זיין באַנומענעם קול, אי פאַר זיינע בייזע ברענענדע אויגען, אַז זי האָט אים שוין גאָר ניט גע־זאָגט דאָגעגען. זי האָט געמישט דעם טעפּעל געקעכטס און געשוויגען.

* * *

אויף מאָרגען, דעם ערשטען מאַי איז דער טאָג געווען אַ שעהנער, אַ זוניגער און אַ וואַרימער. די זון האָט געוואָרפען סנאָפּעס ליכט און וואַרימע שטראַ־לען און דער הימעל איז געווען קלאָר און בלוי. צומאָל האָבען קליינע ווייסע וואָלקענדלאַך, ווי צופליקטע שטיקלאַך וואַטע, שטיפעריש, ווי אַ מחנה קליינע קונדסים, זיך אַ לאָז געטאָן איבערן הימעל. ווי זיי וואָלטען זיך געוואָלט אַ רייך טאָן מיט דער זון און איר פאַרשטעלען. זיי זיינען אָבער, ווי צושראָקענע קליינע קינדער פאַר אַ בייזען אַלטען, מיט אַ שטעקען, זיך צולאָפען אין אַלע ווייטען. זיך באַהאַלטען אין אַלע ווינקעלאַך און דער הימעל איז ווידער געווען טיף בלוי און קלאָהר, אַהן אַ שפרינקעלע און די לופט אין אָנגעפילט געווען מיט זיסע ריחות פון צובליהטען בעז און יונגען צוויט פון די פריש־צובליהטע בוימער.

בעני האָט זיך אויסגעפוצט אין זיינע בעסטע יום־טוב'דיגע קליידער, אין זיין בלויען סוירדזש סוט, געלע שיך און אין אַ פלאַמענד־רויטען קראַוואַט, האָט אין דער אויבערשטער קעשענע פון זיין רעקעל אריינגעשטעקט אַ פריש אויסגעפרעסטע נאָז־טיכעל וואָס האָט געהאַט רויטע ברעגען און גלייך ווי ער האָט אָפּגעגעסען ברעק־פעסט איז ער אָוועקגעפאָרען צום ערשטען מאַי פאַראַד אין שטאָט.

פאַרענדיג אין סאָבוויי האָט ער אויף שנעל מיט די אויגען דורכגעוואָרפען די ערשטע מאַי נייעס אין צייטונג אום אויסצוגעפינען דעם פלאַץ וואו די אַר־בייטער פון זיין פאַך שטעלען זיך אויס און אָן אומ־געדולדיגער האָט ער געציילט די רגע'ס, אַז די באַהן זאָל שוין אָנקומען צום סטיישאָן וואו ער האָט באַ־דאַרפט ארויסגעהן.

ארויסגעהענדיג פון דעם 14־טער סטריט און יוניאָן סקווער סטיישאָן און אריינפלאָנטערנדיג זיך אין געדיכטען שטראָם מענשען האָט אַ גרויסע און שטאַרקע פרייד ארומגענומען דאָס האַרץ זיינע. אַ פאַרגאַפטער, ווי אַ קליין קינד וואָס זעהט צום ערשטען מאָל אָן אַלע זיבען וואונדער פון דער וועלט, און אַ שטראַהלענדער, האָט ער מיט די עלענבויגענס גע־שניטען אין דעם געדיכטען מענשען שטראָם און מיט צושפּריטע נאָז לעכער פריידיג אין זיך געצויגען די פרישע, וואַרימע מאַי לופט.

אַז ער איז אָנגעקומען צום פלאַץ וואו די אַרבייטער פון זיין פאַך זיינען געווען אויסגעשטעלט האָבען צענדליגע פאַר הענט אים געדריקט שלום־עליכם'ס און פון צענדליגע העלזער האָט זיך מיט אַ פרייד ארויס־געריסען:

— העלאָו בעני! זעה נאָר ווער עס איז דאָ! — טאַקע אַ גאַסט! און אַלע ווילע האָט אָן אַנדערער פון זיינע באַקאַנטע באַגייסטערט אים געדריקט די הענט און אים געקלאַפּט אין פּלייצע.

בעני האָט זיך מיט אַלעמען שטאַרק ארומגעכאַפּט, האָט זיך מיט זיי געפרעהט און האָט יעדען איינעם געדריקט די האַנט.

אַ קאַמיטע מאַן מיט אַ רויטע לענטע איבערן ברוסט איז איילענד דורכגעלאָפען, און האָט אויסגערופען אַז אַלע זאָלען זיך אויסשטעלען אין ריי.

בעני האָט שטאָלץ, מיט אַ פאַריסען קאָפּ און גלייך ווי אַ סטרונע, ווי אַ גוט־מושטירטער סאָלדאַט, זיך געשטעלט אין ריי. האָט אויסגעגליכען דעם רויטען שלייפעל אין זיין לאַץ, האָט די קליינע רויטע פאָנעלע וואָס איז געווען ארויפגעצויגען אויף אַ קורצען דינעם שטעקעלע, פאַרוואָרפען אויף זיין אַקסעל, די מוזיק האָט אַ קלאַפּ געטאָן אַ אַרבייטער מאַרש. דער עולם האָט, ווי זאַנגען אין פעלד, איבער וועלכע אַ ווינט איז דורכגעגאַנגען, זיך געגעבען אַ וויג, אַ באַוועג און האָט אָוועקגעמאַשירט.

בעני האָט אַ גליקליכער, אַ פריידיגער און אַ שיינענדיגער געשטעלט טריט, געמאַשירט מיט'ן גרויסען עולם צום טאַקט פון די מוזיק און אין זיין האַרצען האָט עפּעס ווי געזונגען.

אַ גאַנצען טאָג האָט בעני מאַשירט און ער האָט גאָר קיין מידקייט ניט געפילט. ער האָט זיך אויך ניט געפילט מיד ווען דער גרויסער עולם איז צוגע־קומען צום ברייטען מיט זון־באַגאָסענעם פקוער. זיך צונויפגעדריקט און צונויפגעשטיקט אין איין, ווי פון קלעי צונויפגעגאָסענע מאַסע און אויסגעשטעלט צו די הייסע זון שטראַלען, געשטאַנען כמעט באַוועגלאָז און מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם זיך צוגעהערט צו די רעדנער, וועלכע האָבען פון אַ פּלאַטפאָרמע גערעדט צום עולם. אים האָט ניט געאַרט די היץ, די שטיקעניש, די צוואַרימטע, צעשוויצטע לייבער פון דער גרויסער מאַסע מענשען אין וועלכע ער איז געווען ווי איינגעקנאַטען און וועלכע האָבען אויף אים געאָטעמט מיט הייסע אָטעמס און צעשוויצטע ריחות. אים האָט גאָר ניט געאַרט, ווי אַ שטאַרק דורשטיגער האָט ער

אינטערנעשאַנאַל משפחה וואָס איז געקומען דורך די לעצטע 3 יאָהר. דאָס איז ניט קיין ניי אַריינגעשוואומענער אַרבייטער עלעמענט אין דער אינדוסטריע. דאָס זיינען אַרבייטער וואָס זיינען אַריינגעקומען אין טרייד אויף אַ לאַנגזאַמען, נאַטירליכען אופן, דורך דעם וואוקס פון דער אינדוסטריע און דורך איהר פאַרשפרייטען זיך איבער'ן לאַנד. דורך דעם אויפקומען פון אַלץ נייע און נייע מאַרקעטס.

אָן איבערבליק איבער דער לאַגע פון דער אינדוסטרי אין די צוויי פעריאָדען, אין די יאָהרען צווישען 1929 און 1933 ווען דער ערשטער גרויסער צואוואוקס אין דער צאָהל מיטגלידער פון דער אינטערנעשאַנאַל איז פאָרגעקומען אין די יאָהרען פון 1934 ביז 1937 ווען די איצטיגע פאַרגרעסערונג אין דער צאָהל מיטגלידער איז פאָרגעקומען, ווערט דעם אונטערשייד באַדייטענד קלענער מאַכען.

אין דער ערשטער פעריאָדע, צווישען 1929 און 1933 איז די אינדוסטריע געזונקען אין אַלע הינזיכטען. כמעט אַלע סאָרטען קליידער, מיט דער אויסנאַמע פון סקוירטס און בלאָוזעס זיינען געפאַלען סיי אין דער צאָל קליידער וואָס איז פּראָדוצירט געוואָרען, סיי אין דער סומע געלט וואָס די געשאַפענע קליידער האָבען באַטראָפען, און סיי אין דעם פּרייז וואָס די איינציגע קליידער זיינען פאַרקויפט געוואָרען.

אַזוי איז די צאָהל דרעסעס וואָס זיינען אויפגעמאַכט געוואָרען יעהרליך פאַרקלענערט געוואָרען אין 1933 אין פאַרגלייך מיט 1929 מיט קאַרגע עלף פּראָצענט; די סומע געלט וואָס אַלע אויפגעמאַכטע דרעסעס יענעם יאָר האָבען אַנגעטראָפען איז געווען קלענער מיט איבער 53 פּראָצענט; דאָס דורכשניטליכע פּרייז פון אַ דרעס, איז אין 1933 געווען קלענער מיט 47 און אַ האַלב פּראָצענט. דאָס מיינט, אַז אין 1933 זיינען ניט נאָר געמאַכט געוואָרען ווייניגער דרעסעס ווי אין 1929, נאָר אויך פיל ביליגערע דרעסעס.

דאָס זעלבע איז געווען דער פאַל ביי קלאָוקס און סוטס, ביי טשילדרען דרעסעס, רעינקאָוטס, קימאָנאָס און בעטהראָובס און פאַרשיידענע אַנדערע פרויען קליידער. די אַלע סאָרטען קליידער זיינען אין 1933 ווייניגער פּראָדוצירט געוואָרען און אין ביליגערע ליינס. פאַרשטעהט זיך, אַז פאַר ווייניגער אַרבייט און פון ביליגערען סאָרט האָט זיך געפאָדערט ווייניגער אַרבייטער. טאָ ווי קומט עס וואָס נאָכ'ן דרעס סטרייק, אין 1933 איז די צאָל מיטגלידער אין די דרעס לאָקאַלס פאַרגרעסערט געוואָרען אויף 7-8 מאָל אַזויפיל?

אמת, עס זיינען פריהער געווען אַ סך ניט אָרגאַניזירטע שעפּער אין טרייד, אָבער אַזוי פיל אַרבייטער ווי עס זיינען דעמאָלט אַריינגעקומען אין דער יוניאָן זיינען פריהערע יאָהרען ניט געווען אין גאַנצען טרייד, אין די יוניאָן און ניט-יוניאָן שעפּער צוזאַמענגענומען. דאָס באַווייזט, אַז דורך די יאָהרען וואָס די אינדוסטרי האָט געהאַלטען אין איין זינקען איז די צאָהל אַרבייטער כסדר פאַרגרעסערט געוואָרען צוליב דעם גייעג פון די בעלי-בתים פאַר ביליגע הענט און די אַרבייטסלאָזיגקייט פון די מאַסען וואָס האָט זיי געמאַכט זיך אַנצוכאַפּען אָן יעדער באַשעפטיגונג וואָס זיי האָבען געקענט קריגען צו פאַרדינען אויף אַ שטיקעל ברויט.

דאָס איז אַלזאָ געווען אַן אומנאַטירליכער, אומגעזונטער צואוואוקס וואָס האָט סיי דעם טרייד אַלס גאַנצען און סיי די אַרבייטער און דער יוניאָן בלויז געשעדיגט. גאַנץ אַנדערש איז אָבער די לאַגע אין דער אינדוסטריע געווען דורך די לעצטע 3 יאָהר פון 1934 ביז 1937. דורך די יאָהרען איז די פּראָדוקציע פון פרויען קליידער כסדר געוואַקסען און געגאַנגען באַרג אַרויף. לויט דער סטאַטיסטיק פון דער רעגירונג איז די פּראָדוקציע פון פרויען-קליידער דורך די דריי יאָהר פאַרגרעסערט געוואָרען אויף גאַנצע 38 פּראָצענט. אַ געוויסער צואוואוקס אין דער צאָל אַרבייטער אין דער אינדוסטריע, און פאָלגליך אויך אין דער מיטגלידערשאַפט פון דער יוניאָן אין די אָרגאַניזירטע צענטערס — איז אונטער די אומשטענדען דעריבער געווען נאַטירליך. ווען מיר אַנאַליזירען אָבער דעם צואוואוקס אין מיטגלידער געפינען מיר, אַז דער ווייט גרעסטער טייל זייערער איז געקומען ניט פון די פון פריהער אָרגאַניזירטע צענטערס און אָפּטיילונגען, ניט דורך אַ פאַרגרעסערונג אין דער צאָהל מיטגלידער אין די אָרגאַניזירטע טריידס און געגענדען, נאָר דוקא פון די ניט אָרגאַניזירטע געגענדען און אין די פאַכען וואָס זיינען פריהער כמעט אין גאַנצען געשטאַנען אויסער דעם יוניאָן קאָנטראָל. דורך אָרגאַניזירען די אַרבייטער אין נייע שטעדט און אין ניט אָרגאַניזירטע צווייגען פון דער אינדוסטריע.

אַזוי, למשל, האָט אונזער אינטערנעשאַנאַל דורך די פאַרגאַנגענע 3 יאָהר צוגעקראָגען 103 נייע לאָקאַלס און פיר נייע דזשאָינט באָארדס. אין צייט פון דער שיקאַגאָ קאָנווענשאָן אין 1934 האָבען מיר געהאַט 131 לאָקאַלס און 13 דזשאָינט באָארדס. איצט האָט די אינטערנעשאַנאַל 234 לאָקאַלס און 17 דזשאָינט באָארדס.

אין וועלכע שטעדט און פון וועלכע טריידס זיינען אָט די נייע לאָקאַלס און דזשאָינט באָארדס אָרגאַניזירט געוואָרען?

90 פּראָצענט פון די לאָקאַלס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען אין דעם קאָטען גאַרמענט טרייד, אין די קליינע שטעטלאַך אין דער איסט, אין דער מיטעל-וועסט אין שיקאַגאָער דיסטריקט, אין דער סאָוטה-וועסט, אַרום סאָוטערען אילינאָי, מיזורי, טעקסעס און טענעסי, און אין דער סאָוטה. אין די אַלע פלעצער האָט די אינטערנעשאַנאַל מיט 3 יאָהר צוריק נאָך ניט געהאַט קיין אָנהאַלט. ביי דער שיקאַגאָער קאָנווענשאָן האָט פּרעזידענט דובינסקי אָנגעוויזען, אַז דער איינציגער פלאַץ וואו מיר האָבען אַ שטיקעל אָנהאַלט אויף די קאָטען גאַרמענט שעפּער איז אין פילאַדעלפיע. די קאָנווענשאָן האָט דעמאָלט אָנגעצייכענט, אַז די וויכטיגסטע אויפגאַבע פון דער אַריינקומענדער אַדמיניסטראַציע וועט זיין צו אָרגאַניזירען אָט דעם גרויסען און אָם מערסטען עקספּלואַטירטען טייל פון דער פרויען-קליידער אינדוסטרי. אָט דעם מאַנדאַט האָט די גענעראַל עקזעקוטיווע דורכגעפירט

די גענעראַל עקזעקוטיוו

ערשטע רייהע פון רעכטס צו לינקס: — מאָריס ביאַליס, טשאַרלס קרייינדלער, דזשאָרדזש רובין, הערי גרינבערג, באַסילא דעסטי, י. העללער און נ. קוירצמאַן.

מיטעלסטע רייהע: — פיליפּ קריימער, לואיס ליוווי, טשאַרלס זימערמאַן, עלייעס רייזבערג, ראָוז פעסאָטאָ סאַמועל פּערלמוטער, אַב. קאַטאָווסקי, ישראל פיינבערג און יוסף ברעסלאָו.

זיצענדיג: — הערי וואַנדער, איזידאָר נאַגלער, פרעדעריק אַמהעי, פּרעזידענט דוד דובינסקי, לואידזשי אַנטאָניני, דזשוליוס האָכמאַן און סאַלוואַטאָרע נינפאָ.

פון שיקאגא ביז אטלאנטיק סיטי

(3 יאהר וואוקס און דערגרייכונגען פון אונזער אינטערנעשאנאל).

עס איז אן אלגעמיין אנגענומענער מנהג, אז אין א קאנווענשאן נומער פון אן אפיציעלער יוניאן צייטונג זאל געגעבען ווערען אן איבערזיכט איבער די קאמפען און דערגרייכונגען פון דער יוניאן אין דער צווישען־צייט פון קאנווענשאן ביז קאנווענשאן. נישט אלע מאל קען אבער אזא איבערזיכט אננעמען דעם יובעל־טאן, דעם פריידיגען טריאומף אויסגעשריי וואס אזא יום־טוב׳דיגע געלעגענהייט וואלט געדארפט ארויסרופען. אין דעם לעבען פון אן ארגאניזאציע ווי אין דעם לעבען פון א יחיד, זיינען פאראן אלערליי פעריאדען. צייטען פון אויפשטייג און צייטען פון ירידה. דאס לעבען אליין און מיט דעם צוזאמען — אלץ וואס לעבט און אנטוויקעלט זיך, געהט קיינמאל ניט אין א גראדער ליניע פאראויס. פראגרעס באשטעהט פון א רייהע זיג־זאגען. ארויף און אראפ, פאראויס און צוריק. אין לעבען פון אן ארגאניזאציע זיינען דעריבער פאראן פעריאדען ווען אן איבערזיכט איבער די געשעהענישען מוז טראגען דעם כאראקטער פון א דערקלערונג פארוואס עס איז נישט דערגרייכט געווארען די צילען וועלכע די ארגאניזאציע האט זיך געשטעלט.

אויך אזא איבערזיכט איז א נויטיגקייט און דינט א וויכטיגען צוועק. — נאך אפשר נויטיגער און וויכטיגער ווי דער טריאומף־מארש פון א דורכאויס דערפאלגרייכער פעריאדע. עס איז אבער זיכער ניט קיין אנגענעמע אויפגאבע פאר א מענשען צו אפאליגירען זיך אנטשולדיגען און דערקלערען פאר וואס די ארבייט איז ניט געווען קיין דערפאלג. א סך אנגענעמער איז צו שרייבען אן איבערזיכט איבער א דערפאלגרייכער פעריאדע ווען אלץ וואס מען דארף טאן איז אויסרעכענען און אנווייזען אויף די דערגרייכונגען. פאר דעם דארף מען ניט אנגעבען קיין בארעכטיגונגען, דערפאלג טראגט זיין אייגענע בארעכטיגונג מיט זיך.

עס איז דערפאר א באזונדערס גרויסער פארגעניגען צו שרייבען דעם איבערזיכט וועגען די אויפטואונגען פון דער אינטערנעשאנאל דורך די לעצטע 3 יאהר, זינט די 22טע קאנווענשאן אין שיקאגא האט אנגעצייכענט אין ברייטע שטריכען די ליניעס אויף וועלכער אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן זאל געהן.

א פארגעניגען דערפאר, ווייל ניט נאר איז די אנגעצייכענטע פראגראם פאלשטענדיג דורכגעפירט געווארען, נאר די דערגרייכונגען שטייגען ווייט אריבער אלעס וואס אונזערע גרעסטע אפטימיסטען — אונזער פרעזידענט דובינסקי און מיט איהם צוזאמען די גענעראל עקזעקוטיוו באארד האבען זיך דעמאלט פארגעשטעלט, אז מיר וועלען קענען אויפטאן אין אזא פארהעלטניסמעסיג קורצער צייט.

אונזער וואוקס אין מיטגלידער.

די ערשטע פראבע פון דעם פארטשריט פון א יוניאן, איז איהר וואוקס, די צאהל מיטגלידער וואס זיינען צוגעקומען דורך דער צייט. וואקסען און גרעסער ווערען, איז דער בעסטער סימן פון לעבען און וואוילזיין. א יוניאן, אין אן אינדוסטרי וואס איז ניט בוכשטעבליך הונדערט פראצענט ארגאניזירט, (און קיין יוניאן אין אמעריקע האט נאך פארלויפיג נישט דערגרייכט אט דעם אידעאלען צושטאנד), מוז — אויב זי לעבט און איז אין א געזונטען צושטאנד — וואקסען און זיך פארגרעסערען. די וויכטיגסטע אויפגאבע פון א יוניאן איז ארייננעמען אין איהרע רייהען אלע ארבייטער וואס זיינען באשעפטיגט אין דער אינדוסטריע.

אונזער אינטערנעשאנאל האט אין דער הינזיכט דורך די לעצטע 3 יאהר באוויזען אמת׳ען וואונדער. די צאהל מיטגלידער איז דורך דער צייט געוואקסען מיט איבער פינף און פערציג טויזענט, מיט קארגע 20 פראצענט. צו דער קאנווענשאן אין שיקאגא אין 1934, האט אונזער אינטערנעשאנאל געהאט קארגע 200 טויזענד מיטגלידער. צו דער היינטיגער קאנווענשאן קומען מיר מיט איבער 245,000 מיטגלידער. דאס איז א גוואלדיג גרויסער צווואוקס אין אזא פארהעלטניסמעסיג קורצער צייט. איבערהויפט ווען מען נעמט אין אנבאטראכט, אז די אינטערנעשאנאל איז ניט קיין ניי־ארגאניזירטע יוניאן וועלכע האט נאך גרויסע רעזערוווען פון ניט ארגאניזירטע ארבייטער אין די הויפט צענטערען פון דער אינדוסטרי וועלכע קענען ארגאניזירט ווערען דורך פלוצלונגדיגע גענעראל סטרייקס. דעם סארט וואקסען האט אונזער אינטערנעשאנאל דורכגעמאכט מיט 25־30 יאהר צוריק, אין דער צייט פון די גרויסע סטרייקס אין ניו יארק, שיקאגא, פילאדעלפיע און א פאר אנדערע צענטערס. דער איצטיגער צוואוקס מוז כמעט אינגאנצען רעקרוטירט ווערען פון די ארבייטער אין קליינע שטעדטלאך, פארווארפענע געגענדען וואו די יוניאן האט נאך ביז איצט ניט געקענט ארייננדרינגען, און אין אזעלכע צווייגען פון דער אינדוסטריע וואס זיינען ניט בארירט געווארען אין די ערשטע דראנג פעריאדען פון דער יוניאן. דאס איז דער נארמאלער סארט וואקסען, וואס ווערט דערגרייכט בלויז דורך שווערער זארגפעלטיגער ארבייט טאג איין, טאג אויס, דורך כסדר׳דיגען קאמף, דורך עקשנות׳דיגער אגיטאציע און אויסבילדונג פון די ארבייטער. דער וועג איז א לאנגזאמער, און דערפאר איז דער צוואוקס פון איבער 45 טויזענד מיטגלידער אין משך פון 3 יאהר צייט — באלד אזויפיל מיטגלידער ווי מאנכע אנגעזעהענע אינטערנעשאנאל יוניאנס פארמאגען אינגאנצען — א גרויסער אויפטוה.

ווען מיר רעדען וועגען דעם צוואוקס אין מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל דורך די לעצטע 3 יאהר, מוזען מיר אויך האבען אין זינען, אז אט די פארגרעסערונג איז געקומען אין א צייט וועלכע איז ניט געווען באזונדערס גינסטיג, פאר׳ן וויטערען וואקסען און אויסשפרייטען זיך. אמת, עס איז געווען א צייט פון אויפשוואונג אין דעם אינדוסטריעלען לעבען פון לאנד, וואס איז געקומען נאכ׳ן קריזיס; אמת, אז צוזאמען מיט דעם אויפבליהען פון די אינדוסטריען איז אויך פארגעקומען א דערוואכונג פון די ארבייטער מאסען וועלכע האבען זיך גענומען פאדערען אויך זייער חלק אין די פארבעסערונגען. עס איז אבער אויך אמת, אז אונזער אינטערנעשאנאל האט ניט געווארט מיט איהר קאמפיין ביז 1934, ווען די ניט ארגאניזירטע ארבייטער האבען זיך אנגעהויבען אויסטשוכען פון דעם הינער־פלעט אין וועלכען דער קריזיס האט זיי אריינגעווארפען און האבען זיך גענומען ארגאניזירען. אונזער אינטערנעשאנאל האט אנגעהויבען איהר ענערגישען קאמף פאר צוריקגעווינען איהרע פארלארענע פאזיציעס און איננעמען נייע, אזוי שנעל ווי די ערשטע סמנים פון אויפלעבונג האבען זיך אנגעהויבען באוויזען אין 1933 מיט דעם אננעמען פון דעם ריקאווערי געזעץ.

אין דעם ערשטען יאהר פון דער נ. ר. א. האט אונזער אינטערנעשאנאל מעהר ווי פארדרייפאכט די צאהל פון איהרע מיטגלידער, און האט אויסגעשפרייט איהר קאנטראל אין פילע נייע געגענדען. נאך אזוינע געווינסען, איז נויטיג א היבשע צייט און א סך שווערע ארבייט צו קאנסאלידירען און באפעסטיגען די נייע פאזיציעס. דערצו נאך איז די נ. ר. א. וועלכע האט געגעבען דעם ערשטען שטויס צו דער אויפלעבונג אין די אינדוסטריען שנעל דערשטיקט געווארען דורך דער אנטשיידונג פון סופרים קאורט, אז דער געזעץ איז ניט קאנסטיטוציאנאל. ווען טראץ אט דער שווערער ארבייט פון אנהאלטען די געווינסען און זיי באפעסטיגען אונטער די אומגינסטיגע באדינגונגען האט זיך נאך אין דער אינטערנעשאנאל געפונען גענוג כוחות אונטערצונעמען נייע קאמפען, פארנעמען נייע געביטען און אויסשפרייטען דעם יוניאן קאנטראל אויף צענדליגער טויזענדער נייע ארבייטער, איז עס זיכער א גרויסער אויפטו מיט וועלכען מען מעג שטאלצירען.

די פארגרעסערונג פון דער צאל לאקאלס

א פיל קלאהרערע בילד פון דעם כאראקטער און באשטאנד פון די נייע צענדליגע טויזענדער מיטגלידער וואס אונזער אינטערנעשאנאל האט צוגעקראגען דורך די לעצטע 3 יאהר קען מען באקומען, ווען מען קוקט זיך צו צו דער גרויסער צאהל נייע לאקאלס, וואס זיינען געטשארטערט געווארען דורך דער צייט, די שטעדט וואו די לאקאלס געפינען זיך און די פאכען אין וועלכע זיי אפערירען.

עס זיינען פאראן צייטען און אומשטענדען ווען א גרויסער צוואוקס פון מיטגלידער אין א יוניאן זאל דוקא זיין א חסרון אנשטאט א מעלה. עס איז פאראן אזא זאך ווי א ניט געזונטער צוואוקס, וועלכע קומט געגען דעם ווילען פון דער יוניאן און געגען וועלכע מען מוז זיך ווערען. אזא מין ניט געזונטער צוואוקס האבען מיר בייגעוואוינט אין די קלאוק און דרעסמאכער יוניאנס אין ניו יארק באלד נאך דעם געבורט פון דער נ. ר. א. דורך די יאהרען ווען דער יוניאן קאנטראל איז אפגעשוואכט געווארען דורך דעם אינערליכען קריג און דעם קריזיס, האבען די בעלי בתים אריינגעצויגען מאסען נייע ארביטער אין דער אינדוסטריע, ווייל יענע ניט־ארגאניזירטע מאסען זיינען גרייט געווען צו ארבייטען אונטער אבי וועלכע באדינגונגען אום צו פארדינען אויף א שטיקעל ברויט. די בעלי בתים האבען זיך באנוצט מיט אט די נייע ארבייטער ארונטערצודריקען די לעבענס סטאנדארדס פון די יוניאן־ארבייטער וועלכע האבען זיך געווערט געגען זייערע פארזוכען צו שניידען ווידזשעס און פארלייגערען די ארבייטס שטונדען. ווען די יוניאנס האבען אנגעהויבען זייער קאמף אין 1933, און צוריקגעקראגען דעם קאנטראל אין טרייד זיינען די נייע ארבייטער געוועסען אין די שעפער און האבען געמוזט אריינגענומען ווערען אין דער יוניאן. די דרעסמאכער יוניאנס אין ניו יארק האבען אזוי ארום מיט איין מאל צוגעקראגען טויזענדער נייע מיטגלידער וועלכע די אינדוסטריע האט אלעמען ניט געקענט באשעפטיגען אפילו מיט דער קירצונג פון דער ארבייטס וואך צו 35 שטונדען. דער רעזולטאט איז געווען אז זיי האבען געמוזט פאר א שטיק צייט שליסען די ביכער פון דער יוניאן און ניט דערלאזען קיין נייע ארבייטער אריינקומען אין טרייד.

עהנליכעס האט פאסירט אין די קלאוק יוניאנס אין ניו יארק, וואו א גרויסע צאהל מענשען וואס האבען אמאל געארבייט אין טרייד און זיינען אוועק אין אנדערע ביזנעס אדער באשעפטיגונגען, זיינען צוריקגעקומען און האבען מיט איין מאל פארגרעסערט די צאהל ארבייטער, ביז עס איז פאר אלע ניט געווען גענוג פלעצער אין טרייד. אזא מין וואקסען פון א יוניאן איז ניט קיין געזונטער צושטאנד.

גאנץ אנדערש איז אבער די פארגרעסערונג פון דער

לעבען פון א ארבייטער אין הויז, אין זיין פאמיליע, אבער ער האט ניט געוויזען דאס לעבען פון שטאלארבייטער אין פאבריק. די געמאלענע דעקאראציע פון א פאבריק מיט אירע קוימענס זיינען גוט, אבער בלויז פון ערשטען בליק. שפעטער ווערען די טויטע קוימענס צוגעגעסען. אין טויטע זאך זיינען אפילו סימוואליש ניט גוט, ספעציעל ווען עס האנדעלט זיך ניט וועגען א צוגעמאכטער פאבריק, נאר וועגען א ברויזענדער מיט פייער און מענשליכען פיין אנגעפילטע פאבריק.

אבער אויסער אט דעם פאל איז אין אלגעמיין די פארשטעלונג אויסגעפיקט געווארען מיט גרויס טאלאנט און פארשטענדניש. עס שאפט זיך א אינטימע אטמאספערע, שוידען האט זיך איינגעגעבען ארויסבריינגען א סך פיינע פסיכאלאגישע מאמענטען.

מעהרערע פון די אקטיארען וואס שפילען אין דער פיעסע ווייזען ארויס טאלאנט, אבער ארויסברייגען די פעאיגקייטען פון שוישפילער איז אויך אין א גרויסער מאס פארדינסט פון דער רעזשי. די גאנצע שוישפילער גרופע איז אן אמת׳ע דערפרישונג. וואס פאר א פיינע צוזאמענשפיל און וואס פאר אן הערליכע באציהונג! די שוישפילער אליין באציהען זיך מיט ליבשאפט צו דער אידייע פון דער פיעסע, דאס גיט צו דער פארשטעלונג א ספעציעלען חן אין איבערצייגונגס קראפט. פון די אינדיווידועלע שוישפילער דארף מען ספעציעל אונטערשטרייכען דעם פראכטפולען שפיל פון סטיוו—קאדיסאן, טאני — שרייער, מאזיא אביסעל איבערטריבען בעטיפראוונצייל ביל — באבשין ביגעפיס — לעווין. אויסגעצייכענט זיינען אויך געווען ווינמאן, קריסטינא פראווינזייל און סעמועלס. בכלל איז דאס שאפען פון אן אייגענעם טעאטער פון דער אינטערנעשאנאל אן אויסגעצייכענטע אידייע. ניטא קיין בעסערער מיטעל צו פראפאגאנטירען אידייען ווי דורכ׳ן טעאטער, ס׳איז א גוטער אנהויב הלואי אויף אונזערע גוי׳אישע ארבייטער ארגאניזאציעס געזאגט געווארען.

און מיט דער הילף פון דעם עדיוקיישאַנעל דעפּאַרטמענט פון דער אינטערנעשאַנעל האָבען זיך אָרגאַניזירט אַ גאַנצע רייהע לאָקאַלע בילדונגס קאָמיטעטען אין ניו יאָרק און אין אַנדערע שטעט, וועלכע טוען אויסגעצייכענט גוטע אַרבייט פאַר זייערע מיטגלידער.

אויסרעכענען אַלעס וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרען אויף דעם געביט דורך די דריי יאָר איז נאַטירליך ניט מעג־ליך. איין זאַך קען מען אָבער זאָגען מיט זיכערקייט, — די אינטערנעשאַנעל קומט צו דער היינטיגער קאָנווענ־שאָן מיט אַ ברייט פאַרצווייגטען אַפּאַראַט פאַר בילדונגס טעטיגקייטען, וועלכע האָט צו זיך ניט קיין גלייכען אין קיין אנדער יוניאָן אין אמעריקע.

אַנזעהן און איינפלוס פון דער אינטער־נעשאַנאַל אין דער געזעלשאַפט שטאַרק געשטיגען

מיט דעם וואוקס און דערגרייכונגען פון אונזער אינטערנעשאַנעל אין דער אינדוסטרי, האָט זיך אויך פיל פאַרגרעסערט איר פּרעסטיזש און אַנזעהן אין דער אַלגע־מיינער אַרבייטער באַוועגונג און אין דער געזעלשאַפט.

אין דער טרייד יוניאָן באַוועגונג אין אמעריקע האָט זיך די אינטערנעשאַנעל דורך די פאַרלאָפענע דריי יאָר דערוואָרבען דעם אויבען־אָן אין דעם פּראַצענט אָרגאַני־זירטע אַרבייטער אין איר אינדוסטריע און מיט דעם פּראַ־צענט פון טרייד וואָס זי קאָנטראָלירט. אמת, עס זיינען פאַראַן אין לאַנד אַ פּאָר אינטערנעשאַנעלס וואָס האָבען מער מיטגלידער ווי אונזער אינטערנעשאַנעל. די אינ־דוסטריען אָבער וועלכע יענע אינטערנעשאַנעלס קאָנ־טראָלירען, זיינען פיל גרעסער און באַשעפטיגען אַ סך אַ גרעסערע צאָל אַרבייטער. אונזער אינטערנעשאַנעל אָבער מעג שטאָלצירען מיט דעם פּאַקט, וואָס איר איז געלונגען צו אָרגאַניזירען איבער אַכציג פּראָצענט פון אַלע אַרבייטער וואָס זיינען באַשעפטיגט אין דער פרויען קליי־דער אינדוסטריע איבערין גאַנצען לאַנד. אזא הויכען פּראָצענט האָט דורכט זיך קיין אנדער יוניאָן ניט דער־גרייכט. און די אַרבייט איז נאָך ניט אָפּגעשטעלט. גראַד די לעצטע עטליכע מאָנאַטען גייט די אָרגאַניזאַציאָנס אַרבייט פון דער אינטערנעשאַנעל אָן מיט אַלץ אַ שטאַר־קערען אימפּעט. מען פילט שוין איצט אַז די צייט איז ניט ווייט, ווען זי וועט דערגרייכען דעם אידעאַלען צו־שטאַנד צו וועלכען יעדע יוניאָן שטרעבט. יעדער אַרביי־טער אין דער אינדוסטרי וועט זיין אנגעשלאָסען אַן אירע רייען.

דאָס האָט דער אינטערנעשאַנעל געגעבען אַ פּרעס־טיזש ווייט אַריבער די גרעניצען פון אמעריקע. די ברי־דערליכע הילף ווידער וואָס די אינטערנעשאַנעל האָט געגעבען מיט אזא ברייטער האַנד סיי צו יוניאָנס און אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבען זיך אין דעם גע־נויטיגט אין לאַנד און אויף יענער זייט ים, און סיי פאַר אַנדערע געזעלשאַפטליכע אונטערנעמונגען, האָט דעם אַנ־זען אירען נאָך פאַרשטאַרקט. איבער דער שטאַרקייט פון דער אינטערנעשאַנעל האָט זי געהאַט גרעסערע מעגליכ־קייטען צו העלפען און די פירערשאַפט, אזוי גוט ווי די מיטגלידער פון דער יוניאָן, האָבען צו יעדער הילפס־אַקציע בייגעשטייערט לויט דער נויטיגקייט און לויט די מעגליכקייטען. מיר קענען דאָ ניט אויסרעכענען אַלעס וואָס די אינטערנעשאַנעל האָט געטאָן אויף דעם געביט אין משך פון די לעצטע 3 יאָר. מיר ווילען בלויז דער־מאָנען די גרעסערע הילפס אַקציעס, ווי די 60 טויזענד דאָלער וואָס די אינטערנעשאַנעל האָט געשאַפען פאַר די אַנטלאָפענע פון נאַצי דייטשלאַנד: די 120 טויזענד דאָ־לער וואָס איז דורך פּרעזידענט דובינסקי'ס איניציאַטיווע געשאַפען געוואָרען פאַר'ן אַרבייטער רויטען קרייץ פאַר שפּאַניען; די 61 טויזענד פינף הונדערט דאָלער וואָס איז געשאַפען געוואָרען אין איין יאָר פאַר פאַרשידענע וואוילטעטיגע אנשטאַלטען און סאַנאַטאָריומס; די 95 טויזענד דאָ־לער וואָס דער אַסעסמענט האָט שוין ביז איצט אַריינגע־בראַכט פאַר דער אָרגאַניזאַציאָנס אַרבייט אין דער שטאָל און אַנדערע מאַסען־פּראָדוקציע אינדוסטריען; די 10 טוי־זענד דאָלער וואָס די אינטערנעשאַנעל האָט בייגעשטייערט פאַר'ן אמעריקאַנער רויטען קרייץ צו העלפען די קרבנות פון די פאַרפלייצונגען. דאָס איז חוץ די געלדער וואָס אונזערע מיטגלידער האָבען בייגעשטייערט פאַר'ן גע־ווערקשאַפטען קאַמפּיין פאַר פּאַלעסטינע און פאַר'ן אידי־שען אַרבייטער קאָמיטעט פאַר די ליידענדע אין פוילען. אַרום און אַרום האָט אונזער אינטערנעשאַנעל בייגע־שטייערט און געשאַפען פאַר יוניאָנס, אַרבייטער אָרגאַני־זאַציעס און געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס נאָהענט פון אַ האַלבען מיליאָן דאָלער. די אינטערנעשאַנעל האָט זיך אויך ניט באַנוגענט בלויז מיט געבען געלט. זי האָט אויך בייגעשטייערט קרעפטען און איז געווען טעטיג אין יעדער וויכטיגער אונטערנעמונג. צי דאָס איז געווען אַן אַקציע צו שאַפען מאַטעריעלע הילף אדער אין אַזוי־נע אונטערנעמונגען ווי די אמעריקען לייבאָר פּאַרטיי און דעם קאַמפּיין; די אָרגאַניזאַציאָנס אַרבייט פון דער סי. אַי. אָ. אין די מאַסען פּראָדוקציע אינדוסטריען אדער אַנדערע באַוועגונגען וואו עס האָט זיך געפאָדערט אַר־בייט און מאָראַלע שטיצע.

און אַזוי קומט די אינטערנעשאַנעל צו דער היי־יאָ־ריגער קאָנווענשאָן מיט אַ רעקאָרד פון גרויסע דערפאָלגען אויף יעדען געביט. גרעסער אין צאָל, פעסטער אין איר פּאָזיציע, מעכטיגער אין איר איינפלוס ווי ווען עס איז פריער אין דער געשיכטע פון איר זיבען און דרייסיג יאָ־ריגער עקזיסטענץ. אונזערע פירער, פּרעזידענט דובינסקי און די גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד, מעגען מיט שטאָלץ זאָגען, אַז ניט נאָר האָבען זיי דערפילט די פּראָגראַם וואָס איז אַנגעצייכענט געוואָרען ביי דער קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ, ניט נאָר האָבען זיי דורכגעפירט יעדע אויפ־גאַבע וואָס איז אויף זיי אַרויפגעלייגט געוואָרען, נאָר זיי האָבען אויפגעטאָן און דערגרייכט פיל מער. זיי האָ־בען באמת געשאַפען אַ רעקאָרד אין דער געשיכטע פון דער אַרבייטער באַוועגונג.

די טויטע האַנט

(סקיצע)

פון מ. צינקין



ענע לאַין דרעסעס, ביי וועלכער איך האָב דעמאָלט געאַרבייט, איז געווען, וואָס מען רופט, ספּאָרטסווער. דאָס איז אַ דרעס אין וועלכער עס זיינען פאַראַן אַ סך קנאָפּלעכער, קעשענעס, פאַלדען און נאָך אַנדערע פאַרדריי־נישען, וואָס מוזען אַלע זיין געצייכענט מיט זייף־קרייד. איך האָב שוין געהאַט אָפּגעאַרבייט אין יענעם שאַפּ אַ פּאָר יאָר, אין דורך דער גאַנצער צייט האָט דער באָס, איינער פון די שותפים, אימער געטאָן דאָס צייכענען. אָבער פּלוצלונג האָבען מיר אַריינגע־קראָגען אַ גאַנץ היפּשען אָרדער פון אַ סטייל וואָס האָט געהאַט זייער אַ סך צו צייכענען, און די פירמע האָט אַרויפגענומען אַן עלטערן מענשען צו טאָן די אַרבייט.

איך זאָג אַן עלטערער מענש, אין דער אמת'ן אָבער איז ער געווען אַ פאַרעלטערטער, פאַר דער צייט אַלט געוואָרען. עס איז אַ גאַנץ היפּשער אונטערשייד צווישען אַן אַלטען און אַ פאַרעלטעטען מענשען. אַן אַלטער מענש איז דורכאויס אַלטער, אַלעס אין אים איז אַלט, די פּלייצע איינגעבויגען, די אויגען אָן אַ גלאַנץ, קנייטשען איבערן פּנים און שטערן, די הויט פון די הענט איז בלאַס און צוקאַרטשעט, און דער גאַנג אַ שוואַכער, אַ ניט זיכערער. אַ פאַרעלטערטער אָבער, קען זיין מיט נאָך גאָר אַ יונגער פּלייצע, אָבער מיט אַ זייער צוקנייטש־טען פּנים, אָדער מיט עפּעס אַ פּאָר דער צייט ווייס גע־וואָרענע קאָפּ האָר, אָדער מיט אַ מויל צופאַלענע און ציקאַליעטשעטע ציינער און מיט מאָדנע גריבער ביי ביידע זייטען מויל, אָדער בלויז זיין גאַנג איז עפּעס אַן אַבגעבראַכענער, אַ יאוש'דיגער און דער בליק אַ האָפענונגסלאָזער, אַ פאַרלוירענער.

באַלד פון אָנפאַנג האָט דער צייכענער (מאַרקער) געצויגען מיין אויפמערקזאַמקייט אויף זיך. ערשטענס, אַ נייע „האַנט"; צווייטענס, ווייל דער שאַפּ האָט ביז דאַן קיין צייכענער ניט געהאַט; דריטענס, בין איך געווען טשיקאַווע צו זעהן, ווי דער קאַפּריזנער באָס וועט אויסקומען מיט אַ „האַנט", וואָס ביז אים האָט ער אַליין געטאָן זיין אַרבייט. נאָכהער האָב איך באַמערקט אַז ער איז עפּעס זייער שטיל, צוריקגעהאַלטען, אַ געצוואונגענע צוריקגעהאַלטענקייט און איך האָב אָנגעהויבען טראַכטען פון אים.

און גראָדע האָב איך דורכאויס געאַרבייט אויף דעם סטייל, וואָס ער האָט געצייכענט, און איך האָב באַמערקט דעם אונטערשייד צווישען זיין צייכענען און דעם באָס. זיינע איז געווען מער קענטיג, בעסער אויס־געאַרבייט, אין די צייכענס האָבען זיך לייכטער געהאַלטען, זיינען ניט אָפּגעקראַכען איבער נאַכט ווי פון דעם באָס. יעדעס מאָל ווען כ'האָב גענומען מאַכען די קנאָפּלעכער אָדער אַרויפשטעפּען די קעשענעס און קוקען אויף די קרייד צייכענס, האָב איך געטראַכט פון אים, פון דעם פאַר דער צייט פאַרעלטערטען, פאַרשטעלטען צייכענער. ער איז מיר געשטאַנען פאַר די אויגען.

ער האָט איינגאַנצען געאַרבייט אַ צוויי וואָכען צייט, און ווען איך בין יענעם מאָנטאָג אינדערפרי אַריינגעקר־מען אין שאַפּ אַ פאַרשפּעטיגטער, האָב איך דעם צייכענער ניט געטראָפען. מיטאָג צייט האָב איך זיך דערוואוסט אַז ער איז שבת באַנאַכט געשטאָרבען פון אַ שוואַכער האַרץ און זונטאָג איז געווען די לוויה. אויסער דעם באָס מיט אַ פּאָר אַרבייטער, האָט אים אין שאַפּ קיינער ניט געקענט, און ווען מ'האָט גערעדט פון זיין פּלוצלונ־גען טויט, האָבען די פּאָר באַקאַנטע זיינע אָפּגעפּאַטערט די זאַך מיט דעם געוויינליכען סקאַרבאַווען זיפץ, און די איבעריגע האָבען זיך באַנוגענט מיט אַ טרויעריגע לוויה מינע און אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ, און דער אינצידענט איז געווען געענדיגט.

מיר אָבער איז די זאַך פון זינען ניט אַרויס. אַט האָט אַ מענש ערשט מיט צוויי טעג פריער געאַרבייט געווען מיט מיר אין איין שאַפּ, געשטאַנען און געאַרבייט בלויז אַ צוויי שפּאַן פאַר מיר, מיר צוגעטראָגען אַ באַנ־דעל פריש געצייכענטע דרעסעס און מיר געגעבען עס אין האַנט אריין, און אַט ליגט ער שוין אין דער ערד. אַ זיפץ, אַ טרער, אַ טרויעריגע מינע און ער איז אָפּגעווישט, פאַרגעסען, אַזוי ווי קיינמאָל גאָר דאָ ניט געווען. מאָרגען וועט דאָס פּאַסירען מיט משה'ן, מיט לייזער'ן, מיט מיר, און מיט די איבעריגע. און דער גאַנצער שאַפּ אַרום מיר זיינען דאָך בלויז לעבעדיגע מתים... אַ שוידער, אַ סקרוך איז מיר אַריבער איבערן לייב פון אזא טראַכטען.

איך האָב זיך גענומען אַרבייטען נאָך דינער, אָבער דער מת שטייט מיר פאַר די אויגען. איך פּרוביר טראַכ־טען פון עפּעס אַנדערש, אָבער איך קען ניט, איך טראַכט נאָר פון אים, איך פּרוביר פאַרפירען אַ שמועס מיט מיינע שכנים אָבער עס גייט ניט, מיין צונג איז ווי געליימט, און איך טראַכט ווידער פון אים. און אַט נעם איך זיך צו אַ נייעם באַנדעל. איך הויב אָן מאַכען די קנאָפּלעכער און הויב אָן קוקען אויף די קרייד־צייכענס און עס דוכט זיך מיר אַז איך זעה דעם טויטענס האַנט איבער די צייכענס און אַז איך שטעפּ דאָס איבער זיינע הענט. איך נעם איינהאַקען די קנאָפּלעכער, אָבער עס גיט מיר אַ שוידער, מיר דוכט זיך אַז איך שנייד דאָס דעם טויטענס האַנט, און עס גיסט מיר אָן אַ קאַלטער שווייס...

איך האָב זיך אויפגעהויבען און בין אַוועק אין גאַס. גענומען אַ זייער לאַנגער שפּאַציר, געגאַנגען באַנאַכט אין אַ מואווי, און אויף מאָרגען דורך עפּעס אַ גלאַטען תירוץ איז מיר געלונגען פּטור צו ווערען פון יענעם לאָט אַרבייט און קריגען אַן אַנדער סטייל, וואָס האָט ניט קיין קרייד צייכענס. און אַזוי האָב איך זיך באַפרייט פון דעם טויטענס האַנט, הגם זיין געשטאַלט איז מיר געווען פאַר די אויגען אַ לאַנגע צייט.

אין דייטשלאַנד און פוילען

(צו זינגען מיט דער מעלאָדיע פון אברהם רייזען'ס „תוליעם, תוליעם, בייזע ווירמען").

פון דזש. העלער

לאַכט אַפּ, לאַכט אַפּ, כת־לצנים —
דער בנין איז צושטערט...
רייסט די טירען, ברעכט די שויבען,
ס'איז אזוי באַשערט...

טרערען פליסען, גאַנצע שטראָמען —
עס ווערען טייכען באַלד...
שניידט אויף בייכער, רייסט אויס הערצער,
גזלנים פון דעם וואַלד...

יונגענד צאַרטע, טרוימען שעהנע —
קלאַג־לידער טראָגט דער ווינד...
ברעכט דעם קערפּער, שענדט די זעעלע,
ס'איז אזא צייט אַצינד...

יונגע מחנות, קומען אָן באַלד —
צום משפט רופען זיי...
עשאַפאָטען פאַר די הענקער!
פאַראורטיילט איינס און צוויי...

לאַכט אַפּ, לאַכט אַפּ, כת־לצנים —
דער בנין איז צושטערט...
רייסט די טירען, ברעכט די שויבען...
ס'איז קיין זאַך איצט פאַרווערט...

אין די פאַרגאַנגענע 3 יאָהר און פון דעם קוואַל הויפּטזעכליך איז געקומען דער צוואוואוקס פון די מיטגלידער. אָט דאָס איז וואָס מיר רופען אַ געזונטער צוואוואוקס. אַ נאָרמאַלער, נאַטירליכער וואַקסען און אויסשפּרייטען זיך וועלכעס איז אַ צייכען פון אינערליכער קראַפט.

די עקאָנאָמישע דערגרייכונגען פון דער אינטערנעשאָנאַל

עס איז אפשר איבעריג צו זאָגען, ווייל עס איז דאָך זעלבסט־פאַרשטענדליך, אַז צוזאַמען מיט דער פאַרשטאַרקונג און פאַרגרעסערונג פון אונזער אינטערנעשאַנאַל אין דער צאָהל מיטגלידער און לאָקאַלס, איז אויך די עקאָנאָמישע לאַגע פון די פרויען־קליידער אַרבייטער דורך דער צייט היבש פאַרבעסערט געוואָרען. פון דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די ניי אָרגאַניזירטע אַרבייטער אין די שטעט און צווייגען פון דער אינדוסטרי וואו זיי זיינען ביז איצט געווען ניט אָרגאַניזירט און דערפאַר אַנגעוויזען אויפ'ן חסד פון די באַלעבאַטים, איז דאָך אָפּגערעדט. אין יעדען פאַל וואו אַ שאַפּ איז אָרגאַניזירט געוואָרען, איז די אַרבייטס צייט פאַרקלענערט געוואָרען מיט פון 4 ביז 12 שטונדען אויפ'ן וואָך. די שכירות איז אין יעדען פאַל געהעכערט געוואָרען מיט ווייניגסטענס 10 פּראָצענט און אין מאַנכע פאַלען, וואו די שכירות זיינען געווען באַזונדערס נידעריג, זיינען געקראָגען געוואָרען העכערונגען אויף 30־40 און נאָך העכערע פּראָצענטען. וואָס מיר ווילען דאָ אָבער איבערהויפּט אָנווייזען, איז, אַז דורך דער טעטיגקייט איז אויך די עקאָנאָמישע לאַגע פון די פרויען־קליידער אַרבייטער אין די אָרגאַניזירטע טריידס און געגענדען אויך היבש פאַרבעסערט געוואָרען.

מיר ווילען זיך דאָ ניט פאַרברייטען איבער די עקאָנאָמישע פאַרבעסערונגען וואָס עס האָבען זיך דערשלאָגען דורך די דריי יאָהר די קלאָוק און דרעסמאַכער אין ניו יאָרק דורך ענדערונגען אין דעם סיסטעם פון סעטלען פּרייזען און פאַרשטאַרקטען קאָנטראָל. די אַרטיקלען אין דעם היינטיגען נומער „גערעכטיגקייט" פון די ברידער לאַנגער און אַשביז פון דעם קלאָוק דזשאָינט, י. ברעסלאַו פון די קלאָוק פּרעסערס און מינקאָף פון די דרעסמאַכער באַריהרען די פראַגען. מיר וועלען דאָ דעריבער בלויז אָנריהרען די פאַרדינסטען און אַרבייטס מעגליכקייטען פון די פרויען קליידער אַרבייטער אין די אַזוי גערופענע מיסעלייניאוס טריידס. די אַרבייטער ביי קאָטען דרעסעס, טשילדרען דרעסעס, בעטהראָובס, אונטערוועש, קאָרסעטס, בראַזירס, ניט־גודס און ענליכע צווייגען פון דער אינדוסטרי.

ס'פאַרשטעהט זיך, אַז אין אַן אַרטיקעל קען מען זיך ניט אָפּשטעלען אויף איינצעלהייטען און אויסרעכענען די אַלע עקאָנאָמישע פאַרבעסערונגען וואָס די אַרבייטער האָבען זיך דערשלאָגען אין די פאַרשיידענע צווייגען פון דער אינדוסטרי אין־די פאַרשיידענע מאַרקעטס. דאָס איז אויך ניט נויטיג. ס'איז גענוג אָנצואווייזען אויף דעם סך־הכל און אויף די מעהר אָנזיכטיגע דער־גרייכונגען.

אַזוי למשל, זעהען מיר, אַז די טשילדרען דרעסמאַכער פון ניו יאָרק איז דורך די דריי יאָהר געלונגען בייצוקומען איינעם פון די ערגסטע איבלען אין זייער טרייד — דאָס אויסוואַנדערען פון די שעפּער פון ניו יאָרק נאָך די אַרומיגע שטעדט און שטעדטלאַך. וואָס דאָס האָט געמיינט עקאָנאָמיש פאַר די אַרבייטער, קען מען זעהן דערפון, וואָס אין 1935 באַלד נאָכדעם ווי עס איז אונטערגעשריבען געוואָרען דער נייער אַגרימענט אין טרייד, האָט די יוניאָן געהאַט אויף איהרע הענט אַרום 25 הונדערט אַרבייטסלאָזע מיטגלידער וועלכע זיינען אַרויסגעוואָרפען געוואָרען פון די שעפּער ווען די בעלי־בתים האָבען זיי אַריבערגעפירט אוט־אָור־טאַון. אין דעם משך פון 1936 האָט די יוניאָן ניט נאָר באַזעצט די אַלע אַרבייטסלאָזע אויף פּלעצער, נאָר האָט צוגעקראָגען נאָך 14 הונדערט נייע מיטגלידער וועלכע האָבען געקראָגען אַרבייט אין טרייד. ווי אַזוי איז דאָס דערגרייכט געוואָרען? דורך דער אָרגאַניזאַציאָנס טעטיגקייט פון דער אינטערנעשאָנאַל און פון דעם מיסעלייניאוס טרייד קאָונסיל אין די אַרומיגע שטעדט און שטעדטלאַך וואו די בעלי בתים האָבען אַריבערגעפירט די טשילדרען דרעס שעפּער. עס האָט אָוועקגענומען דעם פּראָפיט פון אָנהאַלטען שעפּער אוט־אָור־טאַון, ווייל אויך דאָרטען האָט מען געמוזט געבען די אַרבייטער יוניאָן־שטונדען און שכירות. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז ניט נאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָס אַרויסמופען פון שעפּער, נאָר פילע שעפּער זיינען צוריקגעקומען נאָך ניו יאָרק.

דאָס זעלביגע איז אויך פאָרגעקומען אין דער אונטערוועש אינדוסטרי, אין קאָרסעט און בראַזיר טרייד, אין בלאָוז און וויסט טרייד און אין די איבעריגע אָפּטיילונגען פון די מיסעלייניאוס טריידס. די אָרגאַניזאַציאָנס אַרבייט דורך די דריי יאָהר האָט ניט נאָר פאַרגרעסערט די מיטגלידער צאָהל אין די לאָקאַלס, אַזוי אַז מיר האָבען שוין איצטער אין ניו יאָרק אַרום 30 טויזענד מיטגלידער פון די צווייגען פון דער אינדוסטריע, נאָר עס איז באַדייטענד פאַרגרעסערט געוואָרען די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון די אַרבייטער דורך דער העכערונגען אויף די שכירות וואָס די לאָקאַלס האָבען געקראָגען פאַר זייערע מיגלידער ביים באַנייען די אַגרימענטס, און אויך דורך דעם וואָס זיי האָבען איצטער מעהר אַרבייט און מעהר זיכערקייט מיט'ן דזשאָב, ווייל עס לוינט זיך מעהר ניט פאַר די בעלי בתים אַרויסצומופען די שעפּער.

און דאָס וואָס עס איז דערגרייכט געוואָרען דורך די דריי יאָר אין די אָפּטיילונגען פון דער אינדוסטרי אין און אַרום ניו יאָרק, איז אויך דערגרייכט געוואָרען אין און אַרום שיקאַגאָ און אין די אַנדערע געגענדען. דאָס אויסשפּרייטען פון דעם יוניאָן קאָנטראָל איבער די שעפּער אין קליינע שטעדטלאַך און נייע געגענדען האָט געבראַכט וויכטיגע מאַטעריעלע פאַרבעסערונגען פאַר די אַרבייטער סאַי אין די ניי־אָרגאַניזירטע פאַבריקען וואו די אַרבייטער האָבען צום ערשטען מאָל געקראָגען אַ דעה איבער די אַרבייטס־באַדינגונגען אונטער וועלכע זיי דאַרפען אַרבייטען, און סיי אין די פון פריהער אָרגאַניזירטע שעפּער וועלכע האָבען פריהער געליטען פון זייער קאָנקורענץ.

אָט די פאַרבעסערונג אין דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די אַרבייטער האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין דעם אַלגעמיינעם יעהרליכען איינקונפט פון די אַרבייטער אין דער פרויען קליידער אינדוסטריע איבערן לאַנד, ווי דאָס ווערט סטאַטיסטיש באַוויזען אין די סומען געלט וואָס איז אויסגעצאָהלט געוואָרען די אַרבייטער אין שכירות. קיין גענויע סטאַטיסטיק וועגען די אַלע 3 יאָהר איז ניטאָ, אָבער די ציפערען וואָס מיר האָבען באַוויזען, אַז אין די צוויי יאָהר 1934־1935, איז באַשעפטיגונג פאַרגרעסערט געוואָרען דורכשניטליך מיט זיבען פּראָצענט און די אויסגעצאָלטע סומע אין שכירות איז פאַרגרעסערט געוואָרען דורכשניטליך מיט 24 פּראָצענט. דאָס מיינט, אַ דורכשניטליכע העכערונג אויף די פאַרדינסטען מיט אומגעפעהר זיבעצעהן פּראָצענט. אין 1936 איז ווידער פאָרגעקומען אַ פאַרגרעסערונג פון די פּעי־ראָלס אויף צוויי און אַ האַלב פּראָצענט.

נאָך באַדייטונגספולער איז דאָס וואָס די גרעסטע העכערונג אין די אויסגעצאָהלטע שכירות איז פאָרגעקומען אין די צווייגען פון דער אינדוסטרי וואָס זיינען דורך דער אינטערנעשאָנאַל אָרגאַניזירט געוואָרען אין דער צייט. אַזוי איז דער ריינער צואוואוקס פון די פּעי ראָלס אין קלאָוק טרייד געווען 6 פּראָצענט; ביי דרעסעס 15 פּראָצענט; ביי די קאָטען גאַרמענטס איז שוין די פאַרגרעסערונג געווען אויף גאַנצע 27 פּראָצענט און ביי טשילדרען דרעסעס 28 פּראָצענט. קאָרסעט און בראַזירס האָט געהאַט אַ פאַרגרעסערונג פון 16 פּראָצענט.

די ציפערען באַווייזען קלאָר די עקאָנאָמישע פאַרבעסערונגען פון די פרויען־קליידער אַרבייטער וואָס איז דערגרייכט געוואָרען דורך דער אָנגעשטרענגטער אַרבייט פון דער אינטערנעשאָנאַל דורך די לעצטע 3 יאָהר.

דער אַרבייטער עלעמענט וואָס מיר האָבען אַריינגעקראָגען און זיין האַלטונג

געווען מיט יאָרען צוריק אַ גלויבען ביי אונז, וועלכער האָט זיך מיט דער צייט פאַרוואַנדעלט כמעט אין אַ לעגענדע, אַז די איינציגע גוטע קעמפער, די מוטיגסטע, די אַנטשלאָסענסטע, די וועלכע שרעקען זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּ, זיינען די אידישע אַרבייטער. אויף די אַמעריקאַנער אַרבייטער, איבערהויפּט אויף די אַמעריקאַנער פרויען אַרבייטער, אויף די „שיקסעס", ווי מאַנכע פון אונזערע בעל־מלאכות האָבען זיי גערופען, האָט מען ביי אונז געקוקט מיט ביטול. זיי, האָט מען אָנגענומען, זיינען אַ ניט־אָרגאַניזירבאַרער עלעמענט.

דורך די לעצטע עטליכע יאָר האָט דער גלויבען זיך אַרויסגעוויזען פאַר אַן איינריידעניש, ווי פילע אַנדערע גלויבענס. די דערפאָלגרייכע אָרגאַניזאַציאָנס קאַמפּיינס פון אונזער אינטערנעשאָנאַל, די הונדערטע סטרייקס וואָס זיינען דורכגעפיה־ט געוואָרען אין משך פון די פאַר יאָר אין די פאַרוואָרפענסטע ווינקלען פון לאַנד וואו די אַרבייטער זיינען כמעט אויסשליסליך פרויען און אין זייער גרויסער מאַיאָריטעט אַמעריקאַנער פרויען, האָט באַוויזען אַז די „שיקסעס" זיינען ניט בלויז גוטער אָרגאַניזירבאַרער מענשען מאַטעריאַל, נאָר אַז זיי האָבען זיך ניט וואָס צו שעמען מיט זייער קוראַזש, מיט זייער אַנטשלאָסענקייט און קאַמפּסלוסט געגען זייערע אידישע שוועסטער אין דער איסט, וועלכע האָבען די ערשטע אויפגעבויט, געלייגט דעם פונדאַמענט פון אונזער יוניאָן.

ווען מיר לייענען פון די פאַרביטערטע סטרייקס וואָס די נייע רעקרוטען אונזערע האָבען דורכגעמאַכט און מאַכען טעגליך דורך אין די פאַרוואָרפענע שטעט און שטעטלאַך אין דער וועסט און סאַוטה־וועסט, ווען די צייטונגען ברייגנען אונז די בילדער פון די אַמעריקאַנער מיידלאַך אויפ'ן פּיקעט ליין אין דעם ווייטען טעקסעס אָדער טענעסי, אין די שטעט און שטעטלאַך פון אילינאָי און וויסקאָנסין, מיזורי און דזשאָרדזשיא, אָדער דעם מאַרש פון די פראַנצויזישע מיידלאַך אַרום די דרעס שעפּער אין מאָנטרעאַל, וואו זיי שטעהען איצטער ווי אַן אייזערנע וואַנט געגען דער קאָמבינאַציע פון די אידישע באַסעס און קאַטוילישע גלחים, די פאַשיסטישע רעגירער פון שטאַט און פראָווינץ; ווען מיר לייענען די באַריכטען פון די בלוטיגע קאַמפען וואָס עס קומט זיי אויס אָנצופירען געגען סקעבס און גענגסטערס, געגען דער פּאָליציי און אינדזשאַנקשאָנס, ווען מיר לייענען ווי די „שיקסעס" גייען אין טורמע פאַר זייער רעכט צו זיין אָרגאַניזירט און האָבען אַ יוניאָן, וויקעלט עס פאַנאַנדער אין אונזער זכרון אַמאָליגע בילדער פון 1909־1910 און 1912, ווען אונזערע אידישע קלאָוקמאַכער, דרעסמאַכער און אַרבייטער פון די אַנדערע פרויען קליידער טריידס זיינען אַרויסגעטראָטען אויף דער קאַמפּס־ארענאַ פאַר די זעלביגע רעכט פאַר וועלכע יענע קעמפען איצטער. עס זיינען די זעלביגע מענשען, די זעלבע אַרבייטער, די זעלביגע גרייטקייט צום קאַמף, די זעלבע אַנטשלאָסענקייט, ניט אַכטענדיג אויף קרבנות. דאָס זיינען פּאַסיגע יורשים פון אונזער אינטערנעשאָנאַל טראַדיציע.

אויב אונזער אינטערנעשאָנאַל האָט בלויז געקענט אויפוועקען אָט דעם אידעאַליזם אין די הערצער פון די צענדליגע טויזענדער אַרבייטערינס, וועלכע האָבען פריער קיין מאָל פון קיין יוניאָן ניט געהערט און זיי פאַרוואַנדלען אין אַזוינע מוטיגע קעמפער, איז דאָס אַליין שוין אַ גוואַלדיגער אויפטו.

ווען מיר האַלטען דערביי, איז שוין אויך נייטיג אָנצוּווייזען אויף דער ענדערונג אין דעם צוזאַמענשטעל פון אונזער מיטגלידערשאַפט אין דער אינטערנעשאָנאַל וואָס איז פאָרגעקומען דורך דער פאַרשפּרייטונג איהרער אין די נייע געגענדען און אין די פאַרשידענע צווייגען פון טרייד. דער פּראָצענט פון פרויען אַרבייטער אין פאַרגלייך מיט מענער אַרבייטער אין טרייד איז נאָך מער פאַרגרעסערט געוואָרען, אַזוי, אַז איצט זיינען פרויען אַרום 70 פּראָצענט פון דער מיטגלידערשאַפט. די צאָל נאַציאָנאַליטעטען פון וועלכע אונזערע מיטגלידער קומען, האָט זיך דורך די לעצטע דריי יאָר ניט געקענט פאַרגרעסערן, ווייל מיר האָבען שוין פריהער געהאַט פּאַקטיש אַלע נאַציאָנאַליטעטען פאַרטראָטען אין דער אינטערנעשאָנאַל. אין דער הינזיכט איז אונזער יוניאָן אַן אמת'ער אינטערנאַציאָנאַל, מיר האָבען אַרבייטער פון 32 נאַציאָנאַליטעטען אין אונזערע רייען. דערפאַר איז אָבער דער פּראָצענט פון אַמעריקאַנער מעמבערס שטאַרק פאַרגרעסערט געוואָרען, ווייל די ווייט־גרעסטע צאָל נייאַריינגעקומענע מיטגלידער זיינען אַמעריקאַנער.

די בילדונגס טעטיגקייט פון דער אינטערנעשאָנאַל

אונזער אינטערנעשאָנאַל איז געווען דער פּיאָנער אויפ'ן געביט פון אַרבייטער בילדונג אין אַמעריקע. אונזער יוניאָן איז געווען די ערשטע אין לאַנד וואָס האָט די בילדונג און פאַרוויילונג פון אירע מיטגלידער געמאַכט פאַר אַ וויכטיגען טייל פון איר אַרבייט. דורך די לעצטע דריי יאָר איז די אַרבייט אָבער פיל אויסגעברייטערט און פאַרגרעסערט געוואָרען, אַזוי אַז עס איז באמת געוואָרען אַ ריזיגע אַרבייט אָן און פאַר זיך.

צעטיילט אין דריי באַזונדערע אָפּטיילונגען פאַר קלאַסען, לעקציעס און פאַרוויילונגען, האָט דער בילדונג און פאַרוויילונג דעפּאַרטמענט דורכגעפירט הונדערטע קלאַסען און לעקציעס, דורכגעפירט קאָנצערטען און פאַרוויילונגען, פאַרעפענטליכט אַ גאַנצע רייהע פּאַמפלעטען, צווישען זיי אַ סעריע איין־אַקטערס פון דער געשיכטע פון דער אינטערנעשאָנאַל. דער פאַרוויילונג דעפּאַרטמענט האָט אָרגאַניזירט אַ צאָל כאָרען און אָרקעסטערס, דראַמאַטישע קרייזען און פאַרשידענע אַטלעטישע קורסען און טימס. די אינטערנעשאָנאַל האָט דורך די דריי יאָר אויפגעבויט אַן אייגענעם אַרבייטער טעאַטער וועלכער האָט מיט דער מייסטערהאַפטער אויפפיהרונג פון דזשאָן וועקסלי'ס דראַמע „שטאָל" זיך געשאַפען אַן אָנגעזעהענעם פּלאַץ אין די טעאַטער קרייזען. אונטער דעם איינפלוס

דוקא די אנערקענונג פון דער יוניאָן און פון דער סי. אַי. אָ. פון וועלכער זיי זיינען אַ טייל. ווען די שורות ווערן געשריבען, איז נאָך ניט באַוואוסט מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיגען.

**

אין דעם טעקסטיל אָרגאַניזאַציאָנס קאַמפּיין איז דעם מאָנאַט געמאַכט געוואָרען באַדייטענדער פּאָרט־שריט. עס האָט א׳נטערגעשריבען אַ יוניאָן אַגרימענט די „ווייסקאָוז קאַמפּאַני אָוו אַמעריקאַ", דאָס איז די גרעסטע פּראָדוצירער פון רעיאָן אָדער קינסטליכע זייד. זיי באַשעפטיגען אַרום 20 טויזענט אַרבייטער. אַ שטאַר־קער קאַמפּיין ווערט אויך אָנגעפירט געגען דער „דיו פּאָנט קאַמפּאַני" אין ניו דזשוירזי. אַ צאָל פאַבריקען אין די ניו ענגלאַנד שטאַטען האָבען אונטערגעשריבען אַגרימענטס, אנערקענענדיג די יוניאָן און העכערענדיג שכירות.

**

די סי. אַי. אָ. האָט דעם מאָנאַט אונטערגענומען גרויסע אָרגאַניזאַציאָנס קאַמפּיינס אין די אויל און גאַז אינדוסטריען און צווישען די טעלעפאָן און ראַדיאָ אַר־בייטער. אין ניו יאָרק אַרבייט איצטער אַ טיכטיגער סטעף צו אָרגאַניזירען די 270 טויזענט אַרבייטער ביי דער אַמעריקאַן טעלעפאָן און טעלעגראַף קאָרפּאָריישאָן. ווי דזשיימס ב. קערי, פּרעזידענט פון דער יונייטעד ראַדיאָ און עלעקטרישע אַרבייטער יוניאָן דערקלערט, וועלען באַלד געטשאַרטעט ווערען 8 לאָקאַל יוניאָנס פון די אַרבייטער פון דער קאַמפּאַני, וואָס באַלאַנגען צו דער יוניאָן.

די זעלביגע יוניאָן האָלט אויך ביים שליסען אַן אַגרימענט מיט דער וועסטינגהאַוז עלעקטריק ענד מאַ־נופעקטשורינג קאַמפּאַני פון פּיטסבורג, פּענסילווייניע, די גרעסטע פירמע אין אַמעריקע אין דער פּראָדוקציע פון עלעקטרישע מאַשינען און אַפּאַראַטען.

**

דער אימפּעט פון דער סי. אַי. אָ. האָט אַ ביסעל אויפגעטשוכעט אויך מאַנכע פאַך יוניאָנס און האָט זיי צום לעבען געבראַכט. די בראָדערהוד אָוו קאַרפּענטערס האָט זיך דערמאָנט, אַז עס זיינען דאָ צענדליגער טויזענ־טער האָלץ אַרבייטער אין די לאַמבער קעמפּס אין דער וועסט און האָט זיך גענומען זיי אָרגאַניזירען. עס רעדט זיך אַזוי, אָרגאַניזירען. אייגענטליך האָבען 75 טויזענט פון די לאַמבער דזשעקס זיך שוין לאַנג אַנגעשלאָסען אַן דער קאַרפּענטערס יוניאָן. די בראָדערהוד האָט אָבער פון זיי געשאַפען אַ מין צווייטע קלאַס מיטגלידער, וועלכע האָבען בלויז די פּריווילעגיע צו צאָלען דיוס, אָבער קענען ניט זאָגען קיין דעה אין יוניאָן אַנגעלעגענהייטען. זייערע פאַרטרעטער צו די קאָנווענשאָנס לאָזט מען ניט צו, מען לאָזט זיי אויך ניט זיך באַטייליגען אין קיינע אָפּשטימונגען, וואָס האָבען צו טאָן מיט דער נאַציאָנאַ־לער אָרגאַניזאַציע. אונטער די אומשטענדען מעג האַ־טשענסאָן זיי וועלען אַריינעמען, אָבער יענע וועלען זי־כער אַהין ניט גיין. זיי זוכען זיך אין גאַנצען אָפּרייסען פון דער בראָדערהוד און זיך אַנשליסען אַן דער סי. אַי. אָ.

**

לעבעדיג געוואָרען זיינען אויך די מאַשיניסטען און עלעקטרישענס. די לעצטע סטראַשען זיך צו פאַרוואַנד־לען אין אַן אינדוסטריעלער יוניאָן און קאָנקורירען מיט דער „יונייטעד". אָנגעהויבען האָבען זיי מיט דער וועסטינגהאַוז קאַמפּאַני, וועלכע די „יונייטעד" האָט אָר־גאַניזירט. אַהין האָבען זיי אַריינגעשיקט אָרגאַנייזערס צו פּרובירען אויסכאַפּען אַ ביסעל מיטגלידער. קיין איבעריגען דערפאָלג אין דער אַרבייט קענען זיי אָבער ניט האָבען. זיי האָבען זיך צו שפּעט אַרומגעזען.

אויב אָבער קיין סך מיטגלידער קען די בראָדערהוד אָוו עלעקטריקאַל וואָרקערס אין דער וועסטינגהאַוז ניט קריגען, האָבען זיי זיך אָבער פאַרטשעפּעט מיט צוויי אַנדערע פאַך יוניאָנס, וועלכע שרייען, אַז זיי פאַרכאַפּען אַרבייטער, וועלכע דאַרפען לויט זייער פאַך באַלאַנגען אונטער זייער יוריסדיקציע. איין אינטערנײשאָנאַל אַזאַ איז די מאַשיניסטען יוניאָן, וועלכע טענה׳ט, אַז אויב האָבען אַן אינדוסטריעלע יוניאָן, טאָ פאַר וואָס זאָלען די מאַשיניסטען אַריינגיין אין דער עלעקטרישענס יו־ניאָן? אַ מער, קענען דאָך די עלעקטרישענס וואָס אַרבייטען אין די פאַבריקען זיך אַנשליסען אַן דער מאַ־שיניסטען יוניאָן. אַ האַנט אין דער נייער רייסעריי האָט אויך גענומען די טימסטערס אינטערנײשאָנאַל. די וועסטינגהאַוז באַשעפטיגט אַ היבש ביסעל טראָק דריי־ווערס, וועלכע לויט׳ן פאַך דאַרפען באַלאַנגען צו דער טימסטערס יוניאָן און טאָבין זאָגט, אַז ער וועט באַאין אופן ניט לאָזען די עלעקטרישענס יוניאָן אַריינעמען טימסטערס אַלס מיטגלידער.

**

די אַלע זאַכען זיינען אָבער בלויז מינדערוויכטיגע רייסערייען. דער הויפּט קאַמף פלאַקערט זיך פאַנאַנדער צווישען דער אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר און דער סי. אַי. אָ. אַט דער קאַמף דערנעהענטערט זיך שנעל צו אַ קריזיס.

אַ חוץ די יוריסדיקציע סכסוכים צווישען די פאַך און אינדוסטריעלע יוניאָנס, וועלכע האָבען זיך דעם מאָנאַט פאַרשטאַרקט און פאַרגרעסערט ווי דער קאַמף אַרום די אַרבייטער אין די וועסטינגהאַוז, אין דער שיף בוי אינדוסטריע און די שיף אַרבייטער קאַמפּען און אַנדערע פלעצער, איז דער קאַמף פון איין זייט אַריין אין די קאָורטס און פון דער צווייטער זייט האָט עס שוין געפירט צו דער ערשטער שפּאַלטונג פון אַ סטייט פעדעריישאָן אָוו לייבאָר. אָבער לאָמיר איבערגעבען די פאַקטען בקיצור.

דער ניו קענזינגטאָן לאָקאַל פון אַלומינום אַר־בייטער, דער גרעסטער לאָקאַל אין דעם פאַך, האָט באַ־שלאָסען זיך אָפּצורייסען פון דער אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, וועלכע האָט אַנטזאָגט זייער פאַרלאַנג פאַר אַן אינטערנײשאָנאַל טשאַרטער און באַשטאַנען, אַז די אַלומינום אַרבייטער זאָלען ווייטער פאַרבלייבען אַלס באַזונדערע לאָקאַלס דירעקט אַנגעשלאָסען אַן דער פעדעריישאָן. דער לאָקאַל האָט פאַרהאַלטען די פּער קעפּיטאַ צאָלונגען און גערופען אַ צוזאַמענפאָר פון פאַר־טרעטער פון די אַנדערע לאָקאַלס מיט׳ן צוועק צו גרינ־דען אַן אינטערנײשאָנאַל יוניאָן און זיך אַנשליסען אַן דער סי. אַי. אָ.

די אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר האָט גע־וואָלט צווינגען דעם לאָקאַל דורכ׳ן געריכט זיי איבער־צוגעבען דאָס געלט, אייגענטום און ביכער פון לאָקאַל. דער ריכטער האָט זיך אָבער אַנטזאָגט צו מישען אין אַן אינערליכען יוניאָן סכסוך.

פּרעזידענט גרין איז פּערזענליך דערשינען ביים צוזאַמענפאָר פון די אַלומינום אַרבייטער און האָט אויס־געגאָסען די תוכחה אויף דער סי. אַי. אָ., סטראַשענדיג אַז לואיס זוכט איינצופירען אַ דיקטאַטור אין די אַמערי־קאַנער יוניאָנס. געהאָלפען האָט עס אָבער זעהר ווייניג. די אַלומינום אַרבייטער ווילען דוקא אַרונטער אויף איי־גענע קעסט און ניט זיין אַנגעוויזען אויפ׳ן חסד פון צענ־טראַלען אָפיס פון דער פעדעריישאָן אין וואַשינגטאָן.

אַ ווייטערער ריס איז פאָרגעקומען ביי דער קאָנ־ווענשאָן פון דער סטייט פעדעריישאָן אָוו לייבאָר אין דזשאָרדזשיאַ. דער פּרעזידענט פון דער סטייט פעדע־ריישאָן, סטיוו נאַנס, איז אַ הייסער אַנהענגער און אָר־גאַנייזער פון דער סי. אַי. אָ. און פּרעזידענט גרין האָט דעריבער אַהין ספּעציעל געשיקט זיינע מענשען צו זען אַרויסוואַרפען נאַנס׳ען פון אַמט. ווען אין דער אָפּשטי־מונג איז אָבער קלאָר געוואָרען אַז דער פּרעזידענט נאַנס האָט אַ מאַיאָריטעט צווישען די דעלעגאַטען, האָט דילאָן, אַן אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר אָרגאַ־נייזער, אויפגעפאָדערט זיינע אַנהענגער צו פאַרלאָזען די קאָנווענשאָן, און האָט אַזוי אַרום געשפּאָלטען די סטייט פעדעריישאָן אָוו לייבאָר.

נאָך אַן ערגערער און שענדליכערער פאַל איז פאָר־געקומען אין אָקלאַהאָמאַ. צווישען די מעטאַל גרעבער. אין יענעם געגענד האָט געבושעוועט אַ קאָמפּאַני יוניאָן, וועלכע האָט ניט דערלאָזען די אַרבייטער זיך אָרגאַ־ניזירען. לעצטענס האָט די „מיל, מיין און סמעלטער וואָרקערס יוניאָן" אָנגעהויבען אַן אָרגאַניזאַציאָנס קאַמ־פּיין צווישען די מיינערס. שבת, דעם 10טען אַפּריל, האָבען די קאָמפּאַני גענגסטערס דורכגעפירט אַ רעגע־לען פּאָגראָם אויף די יוניאָן אָפיסעס און מיטגלידער אין פּיטשער, אָקלאַהאָמאַ, טריס, קענזעס און גאַלענאַ. אין דער לעצטער שטעטעל האָבען זיך די אַרבייטער פאַרבאַריקאַדירט. אין די יוניאָן העדקוואָרטערס און באַ־געגענט די בויאַנעס מיט אַ האָגעל פון בליי. 9 חברה זייערע זיינען פאַרוואונדעט געוואָרען און די איבעריגע זיינען זיך צולאָפען.

איז דאָך אָבער היינט פאַראַן אַ וואַגנער געזעץ און קאָמפּאַני יוניאָנס זיינען פאַרבאָטען, האָט די חברה זיך געווענדעט צו דער אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו ליי־באָר נאָך אַ טשאַרטער. דאָס איז זיי באַוויליגט גע־וואָרען איינס און צוויי, און דאָנערשטאָג, נאָכ׳ן פּאָגראָם, זיינען די קאָמפּאַני שלעגער און פּאָגראָמשטשיקעס שוין געווען ברידער אַרבייטער מיטגלידער פון דער אַמערי־קאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר.

דער עקזעקוטיוו קאָונסיל פון דער פעדעריישאָן האָט אויך אָפּגעהאַלטען אַ ספּעציעלע זיצונג וועגען דער סי. אַי. אָ. די זיצונג איז געווען אַ געשלאָסענע און קיין איינצעלהייטען וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען ווייס מען ניט. ווי ווייט מען האָט זיך געקענט דערוויסען, האָט מען דאָרט פאַרהאַנדעלט די פראַגע פון רופען אַ ספּעציעלע קאָנווענשאָן און אויסשליסען די אינטערנע־שאָנאַל יוניאָנס וואָס זיינען אַנגעשלאָסען אַן דער סי. אַי. אָ. דער קאָונסיל האָט זיך אָבער איבער דער פראַ־גע ניט געקענט אייניגען און עס איז באַשלאָסען גע־וואָרען צו רופען אַ קאָנפערענץ פון די פירער פון אַלע „לאָיאַלע" אינטערנײשאָנאַל יוניאָנס און לאָזען זיי באַ־שליסען וועגען דעם.

וואָס דערפון וועט אַרויסקומען, איז נאַטירליך ניט מעגליך צו זאָגען. איין זאַך איז אָבער זיכער, עס דער־נעהענטערט זיך דער קריזיס אין דער אַמעריקאַנער אַר־בייטער באַוועגונג.

אויף וואָס מאָנטרעאָלער אידישע באָסעס זיינען פעהיג

(אַ בריף פון מאָנטרעאָל)

שוין זעקס מאָנאַטען ווי די אינטערנעשאָנאַל האָט אָנ־געפאַנגען צו אָרגאַניזירען ביי אונז די דרעסמאַכער. די באַוואוסטזיניגע אַרבייטער האָבען גלייך געענטפערט דעם רוף פון דער יוניאָן. מיר האָבען פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז שוין גענוג אַנגעגאַנגען דער קאָנקורענץ פון די באָסעס אויף אונזער חשבון.

שטעלט אייך פאָר: אין אונזער פּראָווינץ איז די מי־נימום שכירות פאַר אַרבייטער (אַד־און־וועה צו אַזאַ מי־נימום) איז זעהר קליין. אָבער פאַר די באָסעס איז דאָס נאָך צו גרויס... ווענדט מען אָן פאַרשיידענע אומלעגאַ־לע טריקס נאָך צו פאַרקלענערן. צום ביישפּיל, צוויי מידלעך אַרבייטען אויף אַ קאָוט. מען פאַרשרייבט זיי ווינציגער שטונדען, אַבי צו קענען אַראָפּקוועטשען נאָך אַ פּאָר סענט פון די אַרבייטער... ביז דער קלימאַקס ווערט איבערפילט און ביים אַרבייטער פּלאַצט די געדולד. און דער אַרבייטער נעמט דעם באַלעבאָס אין געריכט. מיר פלעגען לייענען יעדען טאָג אין דער פּרעסע, אַז דער־און־דער־באַלעבאָס איז באַשטראָפט געוואָרען מיט אַזוי פיל "פאַין". ביי אונז אידישע אַרבייטער פלעגט פּלאַ־מען אונזערע פּנים׳ער פון אויפרעגונג און שאַנדע... מ׳קען זיך שוין משער זיין ווי אַזוי די פּראַנצויזישע אַר־בייטער האָבען געפילט. איך בין זיכער, אַז זייער אויס־דרוק איז געווען מיט האַס און נקמה, ווייל צום באַדוי־ערען זיינען אַלע באַשטראָפטע באַלעבאַטים געווען אידען. דאָס אַליין איז שוין גענוג, אַז דער אַנטיסעמיטיזם זאָל זיך פאַרשפּרייטען ביי אונז אין פּראָווינץ.

אָבער פאַר אונזערע באַלעבאַטים איז דאָס נאָך ווייניג. מען דאַרף אָרגאַניזירען דעם אַנטיסעמיטיזם אויף אַ גרע־סערען מאַסשטאַב. הערט און שטוינט, וואָס באַליבאַטים, צוליב אַ סענט זיינען זיי גרייט צו פאַרקויפען זייער נשמה און שפּעטער אויך מפקיר זיין זייערע קערפּערס... מען האָט אונטערגעשריבען אַן אַגרימענט מיט אַ קאַטוילישען סינדיקאַט, וואָס זייערע פיהרער זיינען גלחים און מאַ־נאַשקעס. און דער פינסטערער עלעמענט קומט אַרויף אין די שעפּער און מען האַלט פאַר די פּראַנצויזישע מידלעך דרשות, אַז זיי זאָלען נישט געהן צו דער אינטערנעשאָנאַל יוניאָן, ווייל די זיינען קאָמוניסטען און פרעמדע... און די באַלעבאַטים אַליין האָבען אַרויסגעלאָזען אַ סטייטמענט, אַז זיי וועלען נישט האַנדלען מיט קיין פרעמדע אַגיטאַטאָרס. זיי ווילען האָבען אַ יוניאָן, וואָס זאָל ווערען געפיהרט פון קאַנאַדער פאַר קאַנאַדער. דאָס הייסט, פון פּראַנצויזען און פאַר פּראַנצויזען.

אָבער אַ דאַנק די אונערמידליכע אַרבייט פון אונזערע אָרגאַנייזערס, און די פּובליסיטי און טאַקטישע האַלטונג, איז אונז דאָך געלונגען צו געבען צו פאַרשטעהן די פּראַנ־צויזישע אַרבייטער, אַז זייער פּלאַץ איז ביי אונז, און ניט דאָרטען וואו די באָסעס ווילען, אַז די אַרבייטער זאָלען געהן. ווייל דאָרטען וועלען נאָר געניסען די באַלעבאַטים, נישט די אַרבייטער. און רעזולטאַטען האָבען מיר גאָר פרעהליכע. די פּראַנצויזישע אַרבייטער אַליין הויבען אָן צו דענקען און פאַרשטעהן, אַז ביי אונז איז זייער פּלאַץ, — און עס קומען צו אונז אין די מאַסען פּראַנצויזען זיך צו פאַרשרייבען. אין די נעקסטע טעג וועלען מיר האָ־בען אַ געלעגענהייט אַרויסצונעמען אונזערע אַרבייטער פון די שעפּער, און מיר זיינען מעהר ווי זיכער, אַז מיר וועלען האָבען אַ קורצען און דערפאָלגרייכען סטרייק.

אַ „רינק און פיילי פּרעסער."

אין דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג

(איבערזיכט)

פון ש. פ.

דער סופרים קאורט פון די פאראייניגטע שטאטען האט זיך היינטיגען מאנאט איבערגעקוליעט. אייגענט־ליך ניט דער גאנצער סופרים קאורט, נאר איין נײנט־חלק פון קאורט האט זיך איבערגעקוליעט. דער ריכטער אוען ד. ראבערטס, וועלכער האט אין אלע פריהערדיגע אנטשיידונגען איבער ליבעראלע און ארבייטער געזעצען געשטימט מיט די פיר קאנסערוואטיווע ריכטער, אז אלץ וואס שמעקט מיט פארטשריט, מיט ליבעראליזם, איז פארבאטען פון דער קאנסטיטוציע, האט היינטיגען מאנאט געשטימט מיט די פיר ליבעראלע ריכטער, וועל־כע טענה'ן, אז דער אלטער קאנסטיטוציע מעג מען אנטאן א נייעם בגד לויט דעם לעצטען פאסאן און עס וועט איר גאר ניט שאטען. מען מוז ניט דוקא לייגען אמענדמענטס לאטעס אויף איר אלטער זשופיצע, פון וועלכער דאס לאנד איז שוין לאנג ארויסגעוואקסען און וועלכע איז שוין היבש אפגעטראגען...

נו, נו! פרעגט שוין ניט וואס עס איז געשען. אט דאס איבערקערען זיך פון איין ריכטער אין סופרים קאורט האט פאראורזאכט א גאנצע איבערקערעניש, וועלכע האט שוין איר ווירקונג אויף די באציהונגען צווישען ארבייטער און ארבייטסגעבער אין לאנד. יושאסטיס ראבערטס מיט זיין איבערקערען זיך האט געבראכט דערצו, אז דער „וואגנער לייבאר רעליישאנס אקט", וועלכער גיט די ארבייטער דאס רעכט צו ארגא־ניזירען זיך אין יוניאנס און פארפליכטעט די באלע־באטים צו פארהאנדלען מיט די יוניאנס וועגען אר־בייטס באדינגונגען און זיי אנערקענען אלס די פאר־טרעטער פון זייערע אנגעשטעלטע, זאל דערקלערט ווע־רען קאנסטיטוציאנעל און בינדענד. אנערקענען א יוניאן און לאזען די ארבייטער האבען א דעה דורך זייערע פארטרעטער איבער די באדינגונגען אונטער וועלכע זיי דארפען ארבייטען, איז אנשטאט צו זיין א פארברעכען, ווי דאס איז באטראכט געווארען אלע מאל פון די טשיימבערס אוו קאמערס און די קארפארישאן לאיערס אין געריכט און אויסערן געריכט, איז עס גאר לוצלונג געווארען דאס געזעץ פון לאנד.

די ערשטע נייס וועגען דער גינסטיגער אנטשיי־דונג פון סופרים קאורט פאר'ן „לייבאר רעליישאנס אקט" און דעם מינימום ווידזש געזעץ פון וואשינגטאן סטייט, האט די פארביסענע יוניאן פרעסער ווי פריטש־מעליעט. איניגע פירמעס, וועלכע האבען אנגעפירט א בלוטיגען קאמף געגען אנערקענען די יוניאנס פון זייערע ארבייטער, האבען פארביסען מיט די ליפען און זיינען נעבאך געגאנגען צום גרינעם טיש מיט יוניאן פארטרעטער.

לאנג אבער האט די פארווירונג זייערע ניט אנגע־האלטען. ניט אומזיסט האבען זיי די טייערסטע אדוואַ־קאטען, וועמען זיי צאלען הויכע שכירות. זייער געגען־טאקע האט אנגענומען צוויי פארמען. איינע — אויס־צונוצען דעם ארבייטער געזעץ געגען די יוניאנס. די צווייטע — אויסצוגעפינען די אלע לעכער אין דעם נייעם געזעץ, דורך וועלכען באלעבאטים קענען זיך ארויסדרעהען פון אויספאלגען זיינע פארשריפטען.

אין דער ערשטער פארמע זוכען די באלעבאטים צו שאפען שטימונג און דורכשמוגלען א געזעץ, וואס זאל צווינגען די יוניאנס זיך צו אינקארפארירען און גע־שטעלט ווערען אונטער'ן אויפזיכט פון דער רעגירונג. אזא געזעץ שמעקט מיט גאר גרויסע געפאהרען פאר דער טרייד יוניאן באוועגונג. אינקארפארירטע יוניאנס קע־נען געהאלטען ווערען פאראנטווארטליך פאר יעדען שא־דען, אמת'ן אדער אויסגעטראכטען, וואס באלעבאטים לײדען דורך א סטרייק. זייער קאסע קען צו יעדער צייט פארהאלטען ווערען דורכ'ן געריכט און ביז וואס־ווען זאלען זיי פארבלייבען אן מיטלען אנצוגעהן מיט א סטרייק. נאך מער, אן אינקארפארירטע קערפערשאפט קען צו יעדער צייט אויפגעלייזט ווערען דורכ'ן געריכט, אויב עס ווערט באוויזען, אז ניט אלץ איז אזוי כשר ווי דאס געזעץ פאדערט. א פאר פראוואקאטארען, ארייגעשיקט פון די באסעס אין א יוניאן, קענען לייכט מאכען אזא דזשאב, אז די יוניאן זאל אויפגעלייזט און פארבאטען ווערען.

א געזעץ פראיעקט פון דעם סארט איז שוין טאקע גלייך אריינגעבראכט געווארען אין קאנגרעס פון דעם רעפובליקאנער קאנגרעסמאן קלעיר ע. האפמאן פון מי־שיגען. אין זיין געזעץ שלאגט ער פאר ניט נאר אז יוניאנס זאלען זיך מוזען אינקארפארירען, נאר אז זיי זאלען אויך מוזען ארויסנעמען לייסענס פון דער רעגי־רונג צו מעגען אנגעהן מיט זייער ארבייט; זיי זאלען מוזען קריגען אן ערלויבעניש פון סעקרעטאר אוו לייבאר איידער זיי בעמען אריין מיטגלידער, און די ערלויבעניש זאל קענען צוריקגעצויגען ווערען אויב די יוניאן טרעט איבער דעם געזעץ, ווי, למשל, אויב די ארבייטער פירען אן א זיץ־סטרייק אין א פאבריק, אדער שטעלען ניט צו די פינאנץ ביכער אדער אנדערע דאקומענטען ווען דער פארטרעטער פון דער רעגירונג פארלאנגט.

פון אזא קאנטראל ביז א געזעץ וועגען געצוואונ־גענע ארביטריישאן איז שוין ניט ווייט. און דאס איז טאקע וואס די באלעבאטים וואלט זיך איצט זעהר וועלען. איצט, ווען זיי פילען, אז די ארבייטער כוחות ווערען אלץ שטארקער און אז אליין מיט אייגענע כוחות וועלען זיי מער ניט קענען זיין זיכער צו באזיגען די ארבייטער אין א קאמף, וואלטען זיי שוין בעסער געוואלט גע־צוואונגענע רעגירונגס פארמיטלער, מיט וועלכע זיי האַ־פען צו קענען בעסער אויסקומען.

איצטער, ווען עס ווייהען די ליבעראלע ווינטען אין לאנד, וועלען זיי אזא געזעץ ניט קענען דורכפירען. די ארבייטער און די יוניאנס מוזען אבער זיין שטארק אויף דער וואך, אז עטוואס ענליכעס זאל ניט דורכגע־שמוגעלט ווערען אין וואשינגטאן אומבאמערקט.

* * *

פאראן אבער „פעהיגע" ריכטער, וועלכע נויטיגען זיך גאר ניט אין נייע געזעצען כדי צו קענען אויסנוצען דעם וואגנער אקט אלס געווער געגען די ארבייטער. אט האט א ריכטער פון סופרים קאורט פון מעין סטייט ארויסגעגעבען אן אינדזשאנקשאן געגען די שיך־סטריי־קער אין לואיסטאן אויפ'ן גרונט טאקע פון דעם וואגנער געזעץ און דערקלערט דעם סטרייק פאר אומגעזעצליך. אויסגעטייטשט האט עס דער קלוגער דזשאדזש אויף דעם גרונט, וואס דער וואגנער געזעץ שרייבט פאר, אז די ארבייטער דארפען אפשטימען וועלכע יוניאן זיי ווי־לען אלס פארטרעטער, און היות אזוי ווי אין לואיסטאן איז אזא אפשטימונג פון די שיך ארבייטער ניט פאר־געקומען, האט די יוניאן דעריבער ניט געטארט רופען דעם סטרייק, און דער סטרייק איז דעריבער אונגע־זעצליך. אי וואס דער געזעץ זאגט אויסדריקליך, אז דאס זאל ניט אויסגעטייטשט ווערען, אז ארבייטער טארען ניט סטרייקען? — איז בלייבט א קשיא.

פאר די באסעס פון די שיך פעקטאריס איז די קשיא אדער די פראטעסטען און אפילו די פראצעסען וואס די לאיערס פון דער יוניאן פארפירען, ניט וויכטיג. וויכטיג איז די מיליטער אפטיילונגען, וואס דער גאווער־נאר האט אריינגעשיקט אונטערצודריקען דעם „אונגע־זעצליכען" סטרייק. דערווײלע זיינען שוין די פירער פון סטרייק, די פארטרעטער פון דער סי. איי. א., ארעס־טירט. די סטרייקער זיינען צושלאגען. און אויב טראץ דעם אלעמען קענען די באסעס דעם סטרייק ניט ברע־כען, איז עס בלויז א דאנק דעם העלדישען מוט און די גרייטקייט אויף קרבנות פון די 65 הונדערט סטרייקער.

די ארבייט פון אויסגעפינען אלע לעכער אין דעם וואגנער געזעץ, דורך וועלכע די באסעס קענען זיך ארויסדרעהען, האט עס פאר זיי באזארגט די יונייטעד סטייטס טשיימבער אוו קאמערס. אין דער „וואשינגטאן ריוויו", דער אפיציעלער ארגאן פון דער יוניאן־פרע־סערישער ארגאניזאציע, איז גלייך אין א פאר טעג ארום נאך דעם ווי דער סופרים קאורט האט דערקלערט דעם געזעץ קאנסטיטוציאנעל, דערשינען אן ארטיקעל, אין וועלכען עס ווערט אנגעוויזען די באלעבאטים אלע וועגען און מיטלען ווי אזוי ניט נאכצוקומען דעם געזעץ און דאך זיין אין זיינע ראמען.

ניט נויטיג אויסצורעכענען אלע פונקטען וואס די לאיערס פון די באסעס ווייזען אן. גענוג צו דערמאנען בלויז עטליכע. ערשטענס, זאגען זיי, האט די רעגי־רונג ניט קיין רעכט אונטערצוזוכען די ביכער פון א פירמע, וועלכע באהויפטעט, אז זי פאלט ניט ארונטער אונטער'ן געזעץ, ווייל איר געשעפט גייט ניט אריין אין דער קאטעגאריע פון אינטערסטייט האנדעל. און אהן די ביכער פון דער פירמע, וועלכעס ווייזט וואו זי קויפט די סחורה, איז שווער אויסצוגעפינען אויב דער געשעפט איז א צווישען־שטאטליכער אדער עס באַ־לאנגט בלויז צו איין שטאט, און די פעדעראלע רעגירונג האט איבער אים קיין דעה ניט.

צווייטענס, נעמט דאס געזעץ ניט אוועק פון א באס דאס רעכט אנצוהאלטען אן אפען שאפ.

דריטענס, נעמט עס ניט אוועק פון באס דאס רעכט צו אנטזאגען ארבייטער, אדער צו פארמאכען די פאבריק, אדער א געוויסע אפטיילונג פון דער פאבריק, ווען ער געפינט פאר נויטיג. ער דארף בלויז ניט זאגען, אז ער אנטזאגט דעם ארבייטער צוליב יוניאן טעטיגקייט, אדער אז ער שליסט די פאבריק אנצושרעקען די ארבייטער און צוברעכען זייער יוניאן. דאס אלץ.

* * *

איין זאך האבען די באסעס פארגעסען, אבער די ארבייטער טארען עס ניט פארגעסען. דאס איז, אז דער אייגענער כוח, וואס האט געמאכט דעם לייבאר אקט פאר'ן געזעץ, קען אויך מאכען די באלעבאטים אים אפצוהיטען. דאס איז דער כוח פון ארגאניזירטע אר־בייטער. דער כוח פון א יוניאן. פון אלץ וואס עס האט פאסירט דעם מאנאט איז קענטיג, אז די ארבייטער ווייסען עס און האבען עס אין זינען.

ווייל דורך דעם פארגאנגענעם מאנאט האבען די ארבייטער אנגעהאלטען זייער אנגריף אויף די אפען שאפ פעסטונגען אויף דער גאנצער ליניע. צענדליגע סטרייקס זיינען דורכגעפירט געווארען איבער'ן גאנצען לאנד. מאנכע פון זיי גאנץ בלוטיגע ווי דער סטרייק אין די „הוירשי" שאקאלאד פאבריק אין הוירשי, פענסילווייניע, וואו גדודונגענע גענגסטערס און אויפגעהעצטע פארמער, וועלכע שטעלען צו די מילך אין דער פעקטארי, האבען געמאכט א בלוט־באד אויף די סטרייקער און זיי ארויס־געווארפען פון פאבריק, און דער סטרייק פון די מעטאל מיינער אין פיטשער, אקלאהאמא, וואו די בויאנעס האַ־בען געמאכט אמת'ע פאגראמען געגען דער יוניאן און די ארבייטער. דאך האבען אין די אלע פאלען די יוניאנס זיך ניט פארלאזען אויף די געזעצען אליין, נאר זיי האבען זייערע פאדערונגען אונטערגעשטיצט מיט דער מאכט פון זייער איניגקייט, מיט'ן כוח פון סטרייק. די רעזולטאטען זיינען אויסגעצייכענטע.

* * *

דורך דעם פארגאנגענעם מאנאט זיינען די פאר־האנדלונגען פון דער מיינערס יוניאן מיט די באלע־באטים אין דער ווייכער קוילען אינדוסטריע פארענדיגט געווארען מיט א העכערונג אויף די ארבייטערס ווייר־דזשעס אויף 6 דאלער א טאג. די באלעבאטים האבען זיך געבערעקעלט און גדודונגען ביז דער אלטער אגרי־מענט איז אויסגעגאנגען דעם 31טען מערץ. ווען זיי האבען אבער דערזען דעם 1טען אפריל, אז די קוילען גריבער שטייען פוסט און קיין מיינער ארבייט ניט, זיי־נען זיי ווייכער געווארען און געסעטעלט.

* * *

אין דער שטאל אינדוסטריע האט דורך דעם לעצ־טען מאנאט די יוניאן פארטגעזעצט איר ארבייט צו צווינגען די קלענערע באלעבאטים אונטערצושרייבען אגרימענטס. ביז איצט האט שוין די יוניאן אגרימענטס מיט איבער 60 פירמעס, וועלכע באשעפטיגען צוזאמען נאהענט פון א פערטעל מיליאן ארבייטער. ערשט לעצ־טע וואך איז איר געלונגען, נאך א סטרייק פון א פאר שטונדען, צו סעטלען די קרוסיבעל סטיל קא, פון נוארק, ניו דזשוירזי. די ארבייט גייט נאך אן.

* * *

אין דער אויטאמאביל אינדוסטריע איז דער סטרייק געגען דער קרייזלער קאמפאניע געסעטעלט געווארען און דער הויפט קאמף האט זיך אריבערגעטראגען אין קענעדע. די ארבייטער פון דער דזשענעראל מאטארס אין אשוא, אנטעריא, זיינען ארונטער אין סטרייק פאר אנערקענונג פון דער יוניאן און בעסערע באדינגונגען. דער פרעמיער פון אנטאריא האט זיך מתקנא געווען אין גאווערנאר האפמאן פון ניו דזשוירזי און האט מאבי־ליזירט א גאנצע ארמיי געגען די סטרייקער. דער פרעמ־יער האט ציניש דערקלערט, אז ער איז פאראינטערע־סירט ניט צו דערלאזען דער סי. איי. א. קריגען איינ־פלוס אין קענעדע, אום עס זאל זיך לוינען אמעריקאנער קארפארײשאנס אריבערפיהרען אהין די פאבריקען. די ארבייטער זיינען אבער מיט אים ניט מסכים. זיי ווילען

כערט ווערען מיט 20 פראצענט און די וועידזש-סקעילס, וואס ווערען אויסגערעכנט אין ארטיקעל 10 פון דעם איצטיגען אגרימענט זאלען געענדערט ווערען אין אנקלאנג מיט דער פאדערונג.

כאטש די אויבענאויסגערעכנטע זיינען דער יוניאן'ס וויכטיגסטע פאדערונגען פאר דעם נייעם אגרימענט, באהאלט אבער די יוניאן דאס רעכט פאר זיך פארצולעגען פאר דער קאנפערענץ קאמיטע פון דער אסאסיאיישאן אין דער צייט פון די פארהאנדלונגען פאר א נייעם אגרימענט נאך אנדערע פארשלאגען פאר ענדערונגען מיט'ן צוועק צו קענען בעסער דורכפיהרען די פארשריפטען פון דעם נייעם אגרימענט.

דאנערשטאג אווענט, דעם 22טען אפריל, האט די יוניאן געהאט אן עהנליכען קאנפערענץ מיט דער דזשאבערס אסאסיאיישאן. אויך די דזשאבערס האבען זיך באקלאגט, אז די באדינגונגען אונטער דעם אלטען אגרימענט מאכט זיי איינפאך אומגליקליך. זיי האבען פארלאנגט, אז די יוניאן זאל זיי „פארגרינגערען" די באגרענצונג פון קאנטראקטארס און אפשאפען דעם אונטערשייד אין די באדינגונגען צווישען ניו יארק און אוט-אור-טאון. פון זייערע טענות איז קלאר, אז וואס עס דריקט זיי איז דאס אפשאפען פון דעם „אוקשען בלאק סיסטעם" וואס האט אמאל געהערשט, ווען זיי האבען געקענט אויפהעצען א קאנקורענץ צווישען קאנטראקטארס אויפ'ן חשבון פון דעם ארבייטערס וויידזשעס. זיי וואלטען גערען וועלען זעהן די סיסטעם צוריק איינגעפיהרט.

דאס איז נאטירליך געווען בלויז דער אנהויב פון די קאנפערענצען, די פארהאנדלונגען וועלען פארטגעזעצט ווערען נאך דער קאנווענשאן. די יוניאן איז אנטשלאסען דאס מאל אויסקעמפען איהרע פאדערונגען וואס זי האט נאך געשטעלט ביי די פארהאנדלונגען אין 1935 — א 30 שטונדיגע ארבייטסוואך און העכערע סקיילס.

דער גענעראל סטרייק פון די דרעסמאכער אין מאנטרעאל

דער סטרייק פון די דרעסמאכער אין מאנטרעאל צו וועלכען אונזער אינטערנעשאנעל האט צוגעגרייט דעם באדען דורך א טיכטיגען ארגאניזאציאנס קאמפיין מאנאטען לאנג, איז ענדליך גערופען געווארען, דאנערשטאג, דעם 15טען אפריל. דער סטרייק איז גערופען געווארען נאכדעם ווי די דרעס באסעס ארגאניזירט אין דער „מאנופעקטשורערס גילד" האט געזוכט ארויפצוצווינגען אויף די ארבייטער די גלח'ישע קאמפאני יוניאן פון דעם קאטאלישען סינדיקאט, דורך אונטערשרייבען אן אגרימענט מיט זיי אויף סוועט שאפ באדינגונגען און ניט פרעגענדיג ביי די ארבייטער.

אט די האנדלונג פון די אידישע דרעס באסעס האט אזוי דערצארענט די ארבייטער און דער עפענטליכער מיינונג אז אפילו די קאטוילישע מיידלאך וועלכע זיינען א מאיאריטעט פון די ארבייטער אין דרעס טרייד אין מאנטרעאל האבען ניט געוואלט הערען פון דער גלח'שער יוניאן און האבען זיך אפגעקערט מיט עקעל פון דעם סוועט שאפ אגרימענט וואס די בעלי בתים האבען, זיי אונטערגעטראגען. ביים מאסען פארזאמלונג וואס די אינטערנעשאנעל האט גערופען צו שטימען וועגען סטרייק, זיינען געקומען די דרעסמאכער אין די טויזענטער און האבען געשטימט פאר'ן סטרייק. די ארבייטער האבען געקראגען די פולע שטיצע פון טרייד און לייבאר קאונסיל פון מאנטרעאל, וועמעס פרעזידענט, ראול טרעפאניער איז געווארען דער טשערמאן פון דער סטרייק קאמיטע.

אזוי שנעל ווי דער סטרייק רוף פון דעם דרעסמאכער לאקאל פון דער אינטערנעשאנעל איז פארנאנדערגעטיילט געווארען צו די ארבייטער ארום די שפעטער דאנערשטאג אין דער פרי, איז כמעט די גאנצע דרעס אינדוסטרי אפגעשטעלט געווארען. די ארבייטער האבען זיך ארויסגעלאזען אויף די פיקעט ליינס מיט סיינס און אויפשריפטען און האבען די שפעטער אזוי שטריינג באוואכט, אז אפילו די עטליכע שוואך מוטיגע וועלכע וואלטען אפשר געגאנגען ארבייטען האבען אויך ניט געוואגט דורכצוגעהן די פיקעט ליינס.

פיל געהאלפען צו פאראליזירען דעם גאנצען טרייד האט אויך דאס וואס די קאטערס וועלכע האבען געהאט פון פריהער אן אגרימענט מיט די דרעס באסעס וועלכער האט נאך ערשט געדארפט אויסגעהן אין יאנואר, האבען אויך געווארפען די ארבייט צוזאמען מיט די דרעס מאכער. די קאטערס יוניאן האט דערקלערט די באסעס, אז זייער פארלוימדונג און בלבולים געגען דער אינטערנעשאנעל צו וועלכער זיי באלאנגען אלס לאקאל, די אנטיסעמעטישע אגיטאציע וואס די באסעס האבען אנגעפירט אין זייער פראפאגאנדע געגען דער יוניאן, אזוי גוט ווי זייער אונטערשרייבען אן אגרימענט מיט דער פאשיסטישער קאמפאני יוניאן, באטראכטען זיי אלס ברוך פון דעם אגרימענט וואס זיי האבען אונטערגעשריבען מיט די קאטערס. די יוניאן פילט זיך דעריבער פריי אנצונעמען אזוינע מיטלען געגען די באסעס ווי זיי וועלען געפינען פאר נויטיג. די קאטערס יוניאן האט ארויסגעגעבען דעם פאלגענען סטייטמענט:

„אונזער יוניאן באטראכט מיט ענטריסטונג אייער האנדלונג אין באצוג צו דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן אן וועלכער מיר זיינען אנגעשלאסען.

„ערשטענס האט איהר ארגאניזירט א קאמפאני יוניאן כדי צו שליסען מיט איר כלומר'שט אן אגרימענט און ארונטערדריקען די סטאנדארדס פון די ארבייטער אין דער אינדוסטרי.

„צווייטענס, האט איהר פאר דעם צוועק זיך באנוצט מיט אומגעזעצליכע מיטלען אפצושרעקען די ארבייטער פון אנשליסען זיך אן דער יוניאן.

„דריטענס, באנוצט איהר זיך מיט פארלוימדונגען און בלבולים געגען דער אינטערנעשאנעל, באהויפטענדיג אין דער פרעסע און אין סטייטמענטס, אז די יוניאן באשטעהט פון „פרעמדע אגיטאטארען" וועלכע זוכען בלויז אויפצורייצען די ארבייטער צו צעברעכען די קענעדער אינדוסטרי.

„און, פערטענס, וואס מיר באטראכטען פאר דאס שענדליכסטע, איז אייער פארזוך צו שטערען אונזערע קאנטראקטליכע פארבינדונגען דורך אויפהויבען די ראסען-פראגע אין דער פראווינץ.

„די אינטערנעשאנעל אן וועלכער מיר זיינען אנגעשלאסען אלס לאקאל, האט געוויסענהאפט געארבייט צו פארבעסערען די לאגע פון די ארבייטער אין דער פראווינץ איבער 30 יאהר. אייער איצטיגער קאמפיין פון פארלוימדונג, בלבולים און באליידיגונגען געגען דער אינטערנעשאנעל מיט'ן צוועק צו שטערען די אויפגאבען פון אן אמת'ער יוניאן אין דער פראווינץ, קענען מיר ניט באטראכטען אנדערש ווי אן אפענער ברוך פון דעם אגרימענט וואס איהר האט מיט אונז אונטערגעשריבען.

„מיר קענען אונטער די אומשטענדען ניט צוקוקען גלייכגילטיג אט די האנדלונג אייערע. אזוי ווי איהר האט ביזווויליג געבראכען דעם אגרימענט מיט אונז, לאזען מיר אייך וויסען, אז מיר פילען זיך מעהר ניט געבונדען דורך דעם אגרימענט און מיר זיינען פריי אנצונעמען די נויטיגע מיטלען צו באשיצען זיך און אונזער יוניאן ווי מיר וועלען געפינען פאר נויטיג".

דער פאראייניגטער פראנט פון די דרעס באסעס מיט די קאטוילישע גלחים און פאשיסטען אין מאנטרעאל אנצוהאלטען די סוועט-שאפ באדינגונגען אין דרעס טרייד, האט אבער לאנג ניט געקענט אנהאלטען און האט צוזאמענגעבראכען. ארום א העלפט פון די דרעס מאנופעקטשורערס האבען זיך אפגעשפאלטען פון דער דרעס מאנופעקטשורערס גילד, פארווארפען דעם פעיק-אגרימענט וואס זי האט אונטערגעשריבען מיט'ן קאטוילישען סינדיקאט און אונטערגעשריבען אן אגרימענט מיט דער אינטערנעשאנעל יוניאן.

ווי בערנארד שיין, מענעדזשער פון דער קלאוק דזשאינט באארד אין מאנטרעאל און וויס פרעזידענט ראוז פעסאטא וועלכע פירען דעם סטרייק, גיבען איבער, האבען די 1,500 דרעסמאכער וואס ארבייטען אין די שפעטער דורך דעם אגרימענט געוואונען פאלגענדע באדינגונגען:

עס ווערט איינגעפירט א סטריקטלי יוניאן שאפ. יעדער ארבייטער מוז ברייגנען א ווארקינג קארד פון דער יוניאן. קיין ארבייטער קען ניט אפגעזאגט ווערען פון פלאץ נאך צוויי וואכען טרייעל פעריאדע אהן א גענוגענדער אורזאך. גלייכע צעטיילונג פון ארבייט. פרייזען דארפען געסעטעלט ווערען מיט'ן טשערמאן און פרייז קאמיטע פון די ארבייטער. די ארבייטס שטונדען ווערען געשניטען פון 50 אויף 40 שטונדען א וואך. שבת טאר מען ניט ארבייטען. אווערטיים איז דערלויבט בלויז 8 שטונדען א וואך און פאר די לעצטע 4 שטונדען אווערטיים דארפען די ארבייטער קריגען באצאלט אנדערטהאלבען מאל פון דעם רעגולערען פרייז. די ארבייטער קריגען גלייך א העכערונג אויף די וויידזשעס און פרייזען פון 10 פראצענט. א קאמיסיע ווערט באשטימט פון דריי פארטרעטער פון דער יוניאן און דריי פון די בעלי-בתים מיט אן אומפארטייאישען טשערמאן אויף וועלכען ביידע צדדים וועלען זיך איינגען צו אנטשיידען וועגען מינימום וויידזשעס און א ווייטערע העכערונג.

דער אגרימענט איז געשלאסען געווארען מיט דער דרעס מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן פון מאנטרעאל, וועלכע די בעלי בתים וואס האבען זיך אפגעשפאלטען פון דער גילד האבען ארגאניזירט.

דער סטרייק געגען די איבערגעבליבענע פארביסענע דרעס באסעס וועלכע ווילען דוקא ארויפצווינגען אויף די ארבייטער די גלח'ישע יוניאן מיט די סוועט-שאפ באדינגונגען וואס יענע האט אנגענומען אין דעם אונטערגעשריבענעם אגרימענט, וועט איצט פארטגעזעצט ווערען נאך מיט מעהר ענערגי ווי ביז איצט. דער קאטוילישער סינדיקאט האט סיי ווי ניט געהאט קיין מיטגלידער. איצט וועלען די פאר איבערגעבליבענע אויך איהר פארלאזען.

אין קאטען גארמענט טרייד דעפארטמענט

עלייעס רייזבערג, מענעדזשער פון קאטאן גארמענט טרייד דעפארטמענט פון דער אינטערנעשאנאל, מעלדעט וועגען א גאנצע רייהע באדייטענדע דערפאלגען פון דעם דעפארטמענט דורך היינטיגען מאנאט.

א שאפ פון 200 לייטע אין באסוויל, פענסילווייניע, נעבען פיטסבורג, וואו עס ווערען געמאכט נוירסעס יוניפארמס און קינדערשע דרעסעס, איז דעם מאנאט ארגאניזירט געווארען. די ארבייטער האבען דארט דערקלערט א זיץ-סטרייק. זיי האבען געווארפען די ארבייט און זיך אנטזאגט צו פארלאזען די פעקטארי. נאך פיר שטונדען סטרייקען האט די פירמע געסעטעלט מיט דער יוניאן פארקירצענדיג די ארבייט-שטונדען פון 49 שטונדען צו 40 שטונדען א וואך און איינפירענדיג יוניאן וויידזשעס און א קלאוזד יוניאן שאפ. די אינטערנעשאנאל פארטרעטער פון פיטסבורג אפיס, שרה לימבאך און מערי מיקער האבען געפירט די פארהאנדלונגען.

אינטערעסאנט איז דער פאל מיט דער „קעפיטאל סיטי דרעס קא." פון העריסבורג, פענסילווייניע.

געגען דער פירמע האט די אינטערנעשאנאל לעצטעס יאר אנגעפירט א סטרייק וועלכער האט געדויערט 28 וואכען. דער באס איז אבער געבליבען איינגעשפארט און די יוניאן האט פאר א ווילע דעם סטרייק אויפגעגעבען. דאס מאל, ווען די יוניאן האט ווידער אנגעהויבען דעם קעמפיין, האט די פירמע געסעטעלט אהן א סטרייק. דער פאראיאריגער סטרייק איז ווייזט אויס געווען גענוג פאר איר. די פירמע באשעפטיגט 110 ארבייטער אויף קאטאן דרעסעס. עס איז איינגעפירט געווארען א קלאוזד יוניאן שאפ, א פערציג שטונדיגע ארבייטס וואך און דער 13-דאלאר מינימום סקייל. ארגאנייזערס דייוו גינגאלד און עד טאבין האבען אונטערגעשריבען דעם אגרימענט מיט דער פירמע.

עס האט אויך אונטערגעשריבען אן אגרימענט די „בריסטאל דרעס קא." פון בריסטאל, ראוד איילאנד. די פירמע וועלכע פראדוצירט קאטאן דרעסעס, באשעפטיגט 140 בעל מלאכות. דער שאפ איז געסעטעלט געווארען אהן א סטרייק. די ארבייטער האבען געוואונען א 40-שטונדיגע ארבייטס וואך, א העכערונג פון 10 פראצענט אויף די שכירות מיט א פונקט אין אגרימענט, אז צום פאל סעזאן וועלען זיי קריגען נאך א העכערונג און א קלאוזד יוניאן שאפ.

דער דעפארטמענט האט אויך אונטערגעשריבען אן אגרימענט מיט דער „דזשיי פאקס דעפארטמענט סטאר" פון באסטאן פאר די ארבייטער אין זייער אלטערישאן דעפארטמענט און געקראגען פאר די ארבייטער א העכערונג אויף די שכירות פון פינף דאלאר א וואך.

דער דעפארטמענט האט אויך דערקלערט א סטרייק געגען דער „אל-פענגא אנדערוועאר קאמפאני" פון אלטונא, פענסילווייניע. די פירמע האט פריהער געהאט איר שאפ אין ניו יארק אונטער'ן נאמען „דזשאביילא און לאנגשיין". זיי האבען געהאט אן אגרימענט מיט דער ווייט גודס ווארקערס יוניאן לאקאל 62 פון דער אינטערנעשאנאל. מיט א קורצע צייט צוריק האבען זיי ארויסגעמופט דעם שאפ נאך אלטונא אום צו אנטלויפען פון דער יוניאן. די יוניאן האט זיי אבער דארטען אויך געפונען און האט זיך גענומען ארגאניזירען די ארבייטער.

וואָס עס הערט זיך אין דער אינטערנעשאָנאַל

מיר גייען צו דער קאַנווענשאַן

די פאַרבערייטונגען צו דער קאַנווענשאַן זיינען שוין אַלע געמאַכט. דעם 3טען מאַי ווען אונזערע דעלעגאַטען פון גאַנצען לאַנד וועלען זיך צוזאַמענפאַרען אין אַטלאַנטיק סיטי וועלען זיי שוין געפינען אַלעס גרייט פאַר זייער באַקוועמליכקייט אַנצופירען די אַרבייט.

לעצטער מיטינג פון דער גענעראַל עקזעקוטיווע

די גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד פון דער אינטערנעשאַנעל האָט אָפּגעהאַלטען דעם לעצטען פערטעל-יערליכען מיטינג פון דעם טערמין אין ניו יאָרק, אין דער וואָך פון 5טען ביז'ן 12טען אפּריל. דער מיטינג איז געווען דער לעצטער פאַר דער קאַנווענשאַן פון דער אינטערנעשאַנאַל, און האָט זיך מערסטענס אָפּגעגעבען מיט דעם באַריכט פון דער גענעראַל עקזעקוטיווע צו דער קאַנווענשאַן און אַנדערע פראַגען וואָס וועלען דאַרט דאַרפען אויפגענומען ווערען.

די באָארד האָט באַשטימט די פאָלגענדע אויף דער קרעדענשעל קאָמיטע, וועלכע דאַרף אויפנעמען די רעזולטאַטען פון די וואַלען פאַר דעלעגאַטען צו דער קאַנווענשאַן אין אַלע לאָקאַלס און דזשאָינט באָארדס און אַרויסגעבען די קרעדענשעלס צו די געזעצליך דערוויילטע דעלעגאַטען: וויס פרעזידענט איזידאָר נאַגלער, דזשענעראַל מענעדזשער פון דער קלאָוק דזשאָינט באָארד פון ניו יאָרק איז טשערמאַן פון דער קאָמיטע; דזשאָהן דזשעלאַ, פון לאָקאַל 89 ניו יאָרק, איז סעקרעטער; די אַנדערע מיטגלידער זיינען: נייטען מאַרגאָליס פון לאָקאַל 22, ניו יאָרק; עדוארדאָ מאָליסאַני, פון לאָקאַל 48 ניו יאָרק; מערי גאָף, פון לאָקאַל 62 ניו יאָרק; ראובן צוקערמאַן פון לאָקאַל 117 ניו יאָרק; דזשיק א. מארא פון לאָקאַל 46 באָסטאָן; דזש. מענקאָף פון לאָקאַל 8 סאַן פראַנציסקאָ; און רות מיללער פון לאָקאַל 104 סיינט לואיס.

ווען די שורות ווערען געשריבען האַלט די קרעדענשעל קאָמיטע אָפּ אירע זיצונגען אין ניו יאָרק.

סטייטמענט פון דער ג. ע. ב. וועגען דער אַנטשיידונג איבער'ן וואַגנער-אַקט

ווען דער מיטינג פון דער גענעראַל עקזעקוטיווע האָט זיך געהאַלטען ביים שליסען איז אָנגעקומען די נייעס, אַז דער סופרים קאָורט האָט דערקלערט דעם וואַגנער געזעץ אַלס קאָנסטיטוציאָנעל. די גענעראַל עקזעקוטיוו האָט דורך פּרעזידענט דובינסקי פאַרעפענטליכט דעם פאָלגענדען סטייטמענט וועגען דעם ענין:

„די אַנטשיידונג פון סופרים קאָורט, וואָס ערקלערט דעם וואַגנער רילייששאַנס געזעץ אַלס קאָנסטיטוציאָנעל, באַרעכטיגט די שטעלונג פון די אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס אַז דאָס רעכט פאַר קאָלעקטיווע פאַרהאַנדלונגען מיט די אַרבייטס-געבער, איז די אַרבייטער רעכט וועלכע סאַר פון זיי ניט אָוועקגענומען ווערען און אַז דאָס איז קאָנסטיטוציאָנעל.

„די אַנטשיידונג צושטערט די פאַרזוכען פון די פאַרביסענע אָפּען-שאָפּ באַסע סצו פאַראייביגען די סוועט-שאָפּ באַדינגונגען, עקאָנאָמישע שקלאַפעריי און קאָמפּאַני יוניאָנס. די אַרבייטער ווערען דורך דעם דערהויבען צו דער פּאָזיציע וועלכע קומט זיי מיט רעכט אַלס ריכטיגע אַנטיילנעמער אין אַ אינדוסטריעלער דעמאָקראַטיע. די כוואַליע פון אָרגאַניזירען זיך קען איצט ניט אָפּגעשטעלט ווערען.

„אָבער פרייענדיג זיך מיט דער אַנטשיידונג פון סופרים קאָורט אין די וואַגנער קייסעס, מוזען די אָרגאַניזירטע אַרבייטער גלייכצייטיג אַרויסלאָזען אַ וואָרט פון וואָרנונג. ביז איצטער איז די זעלביגע קאָנסטיטוציע אויסגעטייטשט געוואָרען געגען די אַרבייטער. איצט ווערט די אויסגעטייטש צו גונסטען די אַרבייטער. אָבער די פריהערדיגע אַנטשיידונגען פון „פינף צו פיר" זיינען נאָך אַלץ מעגליך. עס איז קלאָר, אַז דער סופרים קאָורט איז אַריין אין פּאָליטיק.

„די אַרבייטער זיינען אָבער שוין מיד פון זיין אַ פּאָליטישער פוט-באָל, מיט וועלכען מען קען זיך אַרומוואַרפען. כאָטש דאָס מאָל האָט דער סופרים קאָורט אַרויסגעוויזען זיינע נייגונגען לויט דער איצטיגער צייט, איז די איינציגע גאַראַנטי געגען זיינע קאַפּריזען רוזוועלט'ס פּראָגראַם צו רעפאָרמירען דעם סופרים קאָורט. די לעצטע אַנטשיידונגען אין די וואַגנער קייסעס באַווייזען עס נאָך קלערער.

„די אַרבייטער באַוועגונג איז דעריבער פאַרפליכטעט פאַרצוזעצען דעם קאַמף פאַר אַ נייעם דיל אין דעם געריכט פּראָגראַם".

פּרעזידענט דובינסקי האָט אויך געמאָלדען אַז די גענעראַל עקזעקוטיוו האָט גלייך אויפגעפאָדערט אַלע בעאַמטע און אָרגאַנייזערס צו פאַרשטאַרקען די אָרגאַניזאַציאָנס אַרבייט איבער'ן גאַנצען לאַנד, ווייל איצט וועלען די באָסעס ניט קענען שטערען די פאַרזוכען צו אָרגאַניזירען זייערע אַרבייטער.

קאָנפערענצען מיט בעלי בתים אין ניו יאָרקער קלאָוק-טרייד

די קלאָוקמאַכער יוניאָן האָט שוין אָפיציעל געשטעלט איהרע פאָדערונגען צו די קלאָוק בעלי בתים פאַר דעם נייעם אַגרימענט אין טרייד וואָס דאַרף געשלאָסען ווערען אויפ'ן פּלאַץ פון דעם איצטיגען אַגרימענט וועלכער גייט אויס דעם ערשטען יוני. די וויכטיגסטע צוויי פאָדערונגען פון דער יוניאָן זיינען אַ פאַרקירצונג פון דער אַרבייטס וואָך צו 30 שטונדען אַנשטאָט די 35 שטונדען אַ וואָך וואָס זיי אַרבייטען איצטער און אַ העכערונג פון 20 פּראָצענט אויף די שכירות פון די אַרבייטער פון אַלע פאַכען אין קלאָוק טרייד. די העכערונג דאַרף אויך געמאַכט ווערען אויף אַלע סקיילס וואָס זיינען איינגעשלאָסען אין דעם איצטיגען אַגרימענט.

די פאָדערונגען האָבען די פאַרטרעטער פון דער יוניאָן געשטעלט ביי דער ערשטער קאָנפערענץ מיט'ן אינדאַסטריעל קאָונסיל, די אַסאָסיאיישאַן פון די אינסייד קלאָוק מאַנופעקטשורערס, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען מיטוואָך אָוונד, דעם 21טען אַפּריל, אין האָטעל ניו יאָרקער. די קאָנפערענץ קאָמיטע פון דער יוניאָן איז געווען אונטער דער פירערשאַפט פון פּרעזידענט דובינסקי און איזידאָר נאַגלער, דזשענעראַל מענעדזשער פון דער קלאָוק דזשאָינט באָארד. אויסער די צוויי זיינען אויף דער קאָמיטע געווען פאַרטראַטען דער טשערמאַן פון דער דזשאָינט באָארד ראובן צוקערמאַן, דער סעקרעטאַר מ. לאַנגער, טרעזשורער מ. י. אַשביז, און אַלע לאָקאַל און דעפּאַרטמענט מענעדזשערס. די אַסאָסיאיישאַן איז געווען פאַרטראַטען פון איהר פּרעזידענט מר. דויטש, דער עקזעקוטיוו דירעקטאָר מר. קליין און זייער גאַנצע באָארד אָוו דירעקטאָרס. גערעדט האָבען בלויז די הויפּט פאַרשטעהער פון ביידע צדדים.

דזשענעראַל מענעדזשער נאַגלער האָט אין זיין רעדע געבראַכט אַ רייהע פאַקטען און ציפערען מיט וועלכע ער האָט קלאָר באַוויזען, אַז די 35 שטונדיגע אַרבייטס-וואָך גיט ניט גענוג אַרבייט פאַר אַלע קלאָוקמאַכער און אַפילו אין סעזאָן זיינען פאַראַן אַרבייטסלאָזע, אַז די סעזאָנען זיינען קורצע און די אַרבייטער קענען ניט מאַכען אַ לעבען דאָס גאַנצע יאָהר אויף די וויידזשעס וואָס זיי פאַרדינען. זייערע שכירות מוז דעריבער געהעכערט ווערען, ספּעציעל ווייל די קאָסטען פון לעבענס-מיטלען זיינען געוואַלדיג געשטיגען. די אַסאָסיאיישאַן פאַרטרעטער האָבען ניט געלייקענט די פאַקטען, זיי האָבען אָבער פאַרלאַנגט, אַז עס זאָל באַשטימט ווערען אַ קאָמיסיע וואָס זאָל אונטערזוכען די גאַנצע לאַגע אין דער אינדוסטרי. פּרעזידענט דובינסקי האָט אין זיין ענטפער דערקלערט, אַז די יוניאָן האָט גאָר ניט געגען באַשטימען אַן אונטערזוכונג קאָמיסיע, אָבער „די אַרבייט פון אַ קאָמיסיע נעמט מאָנאַטען און אַמאָל יאָהרען. דער אַגרימענט גייט אויס דעם ערשטען יוני און די יוניאָן איז אַנטשלאָסען ניט אונטערצושרייבען קיין נייעם אַגרימענט אָהן אַ פאַרקירצונג פון דער אַרבייטס צייט און אַ העכערונג אויף די שכירות און ניט לאָזען זאַכען הענגען אין דער לופטען ביז די קאָמיסיע וועט קענען אַריינברענגען אַ רעפּאָרט."

די קאָנפערענץ האָט זיך געשלאָסען מיט דער פאַרשטענדיגונג, אַז די יוניאָן וועט אין עטליכע טעג אַרום געבען די בעלי בתים אַן אָפיציעלען ענטפער וועגען זייער פאַרלאַנג פאַר אַ קאָמיסיע.

פּרעזידענט דובינסקי און דזשענעראַל מענעדזשער נאַגלער האָבען אַרויסגעגעבען פאָלגענדען סטייטמענט וועגען דער יוניאָנס פאָדערונגען צו די מאַנופעקטשורערס:

סטייטמענט פון פּרעזידענט דובינסקי און דזשענעראַל מענעדזשער נאַגלער

פאַרהאַנדלענדיג וועגען דער באַנייאונג פון דעם קאָלעקטיווען אַגרימענט אין דער קלאָוק און סוט אינדוסטריע מוז מען שטאַרק האָבען אין זינען צוויי אינדוסטריעלע הויפּט-פּראָבלעמען, וועלכע באַווירקען שטאַרק דאָס לעבען און וואוילזיין פון אונזערע אַרבייטער.

די 35-שטונדיגע אַרבייטס-וואָך, וואָס איז איינגעפירט געוואָרען אין דער קלאָוק און סוט-אינדוסטריע אין 1933, האָט ניט געלייזט די פּראָבלעם פון אַרבייטסלאָזיגקייט אין דער אינדוסטריע. אַ גרויסע צאָהל אַרבייטער זיינען נאָך אַלץ אַרבייטסלאָז, אָדער קריגען באַשעפטיגונג פאַר בלויז קורצע פעריאָדען דורך די ביזי סעזאָנען. דורך די לעצטע יאָהרען מערקט זיך אַן אַנטשיידענע טענדענץ אין דער אינדוסטרי פאַר די אַרבייטס-סעזאָנען צו ווערען אַלץ קירצער, און די פעריאָדען פון אַרבייטסלאָזיגקייט צו ווערען אַלץ לענגער. דאָס האָט פאַרגרעסערט די ליידען פון די אַרבייטער.

די אַלגעמיינע פּראָבלעמע פון פאַרקלענערען די אַרבייטסלאָזיגקייט און באַזאָרגען די אַרבייטער אין דער אינדוסטרי מיט אַ מעסיגער מאָס פון באַשעפטיגונג איז פון דער גרעסטער וויכטיגקייט און מוז גלייך געלייזט ווערען. דער איינציגער מיטעל איז: אַ קירצערע אַרבייטס-וואָך. נאָך אין 1935, ווען מיר האָבען פאַרהאַנדעלט וועגען באַנייען דעם אַגרימענט, האָט די יוניאָן געפאָדערט די פאַרקירצונג פון דער אַרבייטס-וואָך אום צו לייזען די פּראָבלעם פון אַרבייטסלאָזיגקייט. די יוניאָן באַנייט איצטער די פאָדערונג פאַר אַ 30-שטונדיגער אַרבייטס-וואָך אין דעם נייעם אַגרימענט, אַנשטאָט די 35-שטונדען וואָך, וואָס מיר האָבען איצטער.

ווען מיר זיינען איינגעגאַנגען אויף די איצטיגע וועידזש-סקעילס אין אויגוסט, 1933, אין דער צייט, ווען דער „קאָוד" פאַר דער קלאָוק און סוט אינדוסטרי איז איינגעשטעלט געוואָרען, איז די אינדוסטרי אין אַלגעמיין נאָך געווען פאַראַליזירט דורך דעם עקאָנאָמישען קריזיס, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבען אין 1929. די פּרייזען פאַר שפּייז, קליידער און וואוינונגען זיינען געשטאַנען אויף דער נידעריגסטער שטופע. אַלע ווייסען עס און די סטאַטיסטיק באַשטעטיגט עס, אַז זינט 1933 זיינען די לעבענס-קאָסטען אומגעהויער געשטיגען.

שוין אין 1935 האָט די יוניאָן געפאָדערט אַ העכערונג אויף די וועידזש-סקעילס כדי צו באַגעגענען דאָס שטייגען אין די קאָסטען פון לעבענס-מיטלען, וועלכע האָבען שוין דעמאָלסט אָנגעהויבען שטאַרק באַאיינפלוסען דעם לעבענס-סטאַנדאַרד פון די אַרבייטער. די קלאָוקמאַכער געפינען זיך איצט נאָך אין אַ פיל שווערערער לאַגע. פון איין זייט ווערט זייער יעהרליכער איינקונפט פאַרקלענערט דורך דער פאַרקירצונג פון די אַרבייטס-סעזאָנען, פון דער צווייטער זייט זיינען די פּרייזען אויף לעבענס-מיטלען אַזוי שאַרף געשטיגען, אַז אויף דעם באַזיס פון די פּרייזען פאַר דער אַרבייט פון 1933 קלעקט ניט זיין יעהרליכער איינקונפט אַנצוהאַלטען אַן אַנשטענדיגען לעבענס-סטאַנדאַרד.

אַ פאַסיגער געהאַלט מוז דעריבער איינגעשטעלט ווערען צו העכערען די קויף-קראַפט פון די אַרבייטער צו אַ שטופע, אַז זיי זאָלען, ערשטענס, קענען באַגעגענען די העכערע פּרייזען אויף לעבענס-מיטעל און, צווייטענס, אַז זיי זאָלען קענען נאָכקומען דעם אַלגעמיין העכערען לעבענס-סטאַנדאַרד פון דער געזעלשאַפט, פון וועלכער זיי זיינען אַ טייל. די יוניאָן פאָדערט דעריבער, אַז די שכירות, וואָס עס ווערען איצט געצאָהלט די אַרבייטער אין די פאַרשידענע פאַכען פון קלאָוק-טרעיד, זאָלען געהע-

ארבייטער און די בעל־מלאכות פון דער „בעטי בראון" שאפ, ארום 50 אין צאל זיינען ארונטער אין סטרייק.

דער סטרייק געגען לואיס סאפקין וועלכער געהט שוין אן א לאנגע צייט, האט זיך דעם מאנאט פארשפרייט נאך ניו אלבאני אינדיאנא, וואו די פירמע האט געעפענט א שאפ. די ארבייטער דארטען האבען דערקלערט א זיץ־סטרייק און פארנומען די פאבריק.

פרויען קליידער ארבייטער אין זייאן סיטי ארגאניזירען זיך אין א לאקאל

די טיכטיגע ארגאניזאציאנס ארבייט פון דער אינטערנעשאנאל צווישען די פרויען קליידער ארבייטער אין די פארווארפענסטע ווינקלען איבער'ן גאנצען לאנד, האט דעם מאנאט באוויזען איינעם פון די זיבען וואונדער. די ארבייטער פון זייאן סיטי אילינאי, די שטאדט וואו דער פינסטערער פאנאטיק און רעאקציאנער וואליווא איז מעיאר און גאנצער צאר, די שטאדט וואו עס האט נאך ביז נים לאנג צוריק געהערשט די פעאדאלע סיסטעם פון מיטעל אלטער, האט זיך געווענדעט צו דער אינטערנעשאנאל נאך א לאקאל טשארטער. זיי ווילען זיך ארגאניזירען און אויסקעמפען פאר זיך מענשליכע באדינגונגען צוגלייך מיט אלע אנדערע ארבייטער.

דער פארלאנג פון די ארבייטער פאר א טשארטער איז צוגעשיקט געווארען צו פרעז. דובינסקי פון דזשענעראל ארגאנייזער א. פלאטקין פון שיקאגא אין א טעלעגראמע. ער שרייבט:

„איך שיק אייך ארויס א טשעק פאר $15.25 פאר די ארבייטער פון זייאן סיטי, אילינאי, וועלכע ווענדען זיך נאך א טשארטער. דאס איבעריגע געלט וועט אייך איבערגעשיקט ווערען אין די נעקסטע פאר טעג.

„עס איז א צייכען פון דער צייט אין וועלכער מיר לעבען, אז די ארבייטער פון זייאן סיטי וועלכע האבען ביז ניט לאנג צוריק געלעבט אין אן אבסאלוט פעאדאלער אטמאספערע, רעגירט דורך דער שטארקער האנט פון וואליווא און די רעליגיעזע הערשער זאלען זיך ווענדען צו אונז נאך א טשארטער".

קלאוקמאכער לאקאל געטשארטערט אין וואנקואווער

ווי אזוי דער אינטערנעשאנאל קאנטראל פארשפרייט זיך אין די ווייטסטע ווינקלען פון לאנד, איז דעם מאנאט דעמאנסטרירט געווארען ווען די אינטערנעשאנאל האט אינסטאלירט דעם ניי געטשארטערטען לאקאל פון קלאוקמאכער אין וואנקואווער בריטיש קאלאמביא. דער טשארטער פאר דעם לאקאל נומער 276 איז ארויסגעגעבען געווארען דעם 26טען מארטש. דער לאקאל איז אינסטאלירט געווארען דעם ערשטען אפריל ביי א מאסען פארזאמלונג.

ווי אינטערנעשאנאל ארגאנייזער סעם הערבסט מעלדעט, האבען זיך 90 פראצענט פון די קלאוקמאכער אין יענער שטאדט אנגעשלאסען אן דער יוניאן. אין וואנקואווער זיינען דא צעהן קלאוק שעפער, דריי גרויסע שעפער און 7 קלענערע. ארום און ארום געפינען זיך דארט 175 בעל מלאכות.

זיץ־סטרייק פון קארסעט ארבייטער אין קאליפארניע

דער פיאנערען גייסט פון די פרויען קליידער ארבייטער וואס האט אויפגעבויט אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן מיט איבער א פערטעל יאר הונדערט צוריק, איז נאך ווייט ניט אויסגעוועבט. אונזער נייע פיאנערען אין די פארנאנדערגעווארפענע שטעט און שטעטלאך אין דער סאוטה און וועסט וואו דער יוניאן געדאנק הויבט ערשט איצט אן ארייננצודרינגען, קענען זיך מיט זייער העלדען מוט, באוואוסטזיין און אינטעליגענץ זיכער פארגלייכען מיט אונזערע וועיסט־מאכער פון 1909 און אונזערע ריפער מאכער און קלאוקמאכער פון 1907 און 1910. זיי מאכען דארט איצט דורך די זעלבע קאמפען וואס די ארבייטער אין דער איסט האבען דורכגעמאכט מיט 25־30 יאר צוריק, און ווייזען ארויס די זעלביגע העלדישקייט נאך אפשר אין א מער דראמאטישער אויפלאגע.

אט שילדערט איצטער דזשעני מעטיעס, די אינטערנעשאנאל ארגאנייזערין פון סאן פראנציסקא דעם מערקווירדיגען קאמף וואס עס פירען אן די ארבייטער אין דעם שאפ פון דער „ספירעלא קארסעט קא". אין עמעריוויל קאליפארניע. די ארבייטער האבען דערקלערט א זיץ־סטרייק אין יענעם שאפ דעם זעכצענטען מארטש. דעם בריף צו פרעזידענט דובינסקי אין וועלכען דזשעני מעטיעס שילדערט דעם סטרייק און די האלטונג פון די ארבייטער די נייע רעקרוטען, איז ארויסגעשיקט געווארען דעם דרייסיגסטען מארטש, דאס הייסט ווען דער סטרייק איז אריינגעטראטען אין דער דריטער וואך. און אט ווי זי שילדערט דעם סטרייק און די האלטונג פון די יונגע, אונערפארענע סטרייקער.

„דער זיץ־סטרייק — שרייבט דזשעני — איז אנדערש פון די זיץ־סטרייקס וואס עס פירען אן די ארבייטער אין אנדערע אינדוסטריען ווי אין דעטראיט למשל וואו די ארבייטער האבען זיך פארבאריקאדירט אין די פאבריקען און האבען די בעלי בתים ניט אריינגעלאזען. ביי אונז, אין אנהויב פון סטרייק, פלעגען די פארוואלטער קומען אין פאבריק יעדע עטליכע שטונדען און האלטען רעדעס פאר די ארבייטער. זיי פלעגען זיך בעטען און איינרעדען די ארבייטער צו פארלאזען די פאבריק. די ארבייטער האבען זיי אויסגעהערט און האבען זיך ניט גערירט פון ארט. זיי האבען פרובירט פארזיכערען די ארבייטער, אז זיי מעגען גיין אהיים איבערנעכטיגען און מען וועט זיי אין דער פריה ווידער אריינלאזען אין שאפ. די ארבייטער האבען אבער פארשטאנען, אז איין מאל וועלען זיי ארויסשטעלען א פוס פון דער פאבריק וועט מען די געביידע פארשליסען און מען וועט זיי ניט אריינלאזען. זיינען זיי געבליבען זיצען אינעווייניג. דער פארוואלטער האט געסטראשעט מיט אינדזשאנקשאנס און מיט אלערליי פארפאלגונגען אבער קיין זאך האט אים ניט געהאלפען".

ווען מען דערמאנט זיך ווי נערוועז מיר פלעגען אמאל זיין ווען עס איז געלונגען א בעל הבית אריינצוכאפען עטליכע סטרייקער און רעדען צו זיי, און זעהענדיג אין דעם פאל ווי דער פארוואלטער האט געהאט אלע מעגליכקייטען צו לעקטשורען פאר די סטרייקער יעדעס מאל וואס ער האט שוין מער ניט געקענט רוהיג איינזיצען און ווי אזוי די ארבייטער האבען רעאגירט אויף זיינע רעדעס, מוז מען די ארבייטער באוואונדערען פאר זייער מוט און אויסגעהאלטענקייט.

די לאגע אין דעם סטרייק איז א באזונדערס שווערע און א פארפלאנטערטע. די אייגענטימער פון דער פעקטארי זיינען ניט אין קאליפארניע. זיי געפינען זיך ערגעץ אין דער איסט. זיי האבען א צווייטע גרויסע פאבריק, די הויפט פאבריק אין נייאגארא פאלס. זיי האבען נאטירליך מורא אז אויב זיי זאלען אונטערשרייבען אן אגרימענט מיט דער יוניאן אויפן פאסיפיק וועט עס דערמוטיגען די ארבייטער אין נייאגארא פאלס זיך צו ארגאניזירען. זיי זיינען דעריבער איינגעשפארט. דער פארוואלטער דארט אין שטאט וואלט אפשר איינגעשטימט צו פארהאנדלען מיט דער יוניאן, איבערהויפט ווען די פארטרעטער פון דער יוניאן האבען אים פארגעשלאגען צו פארלאזען זיך אין אלע פראגען אויף ארביטריישאן. אבער די בעלי בתים לאזען אים ניט פארהאנדלען און פאדערען דורכאויס ער זאל ארויסווארפען די ארבייטער פון פאבריק.

די באסעס האבען שוין אויך פרובירט אונטערקויפען די ארבייטער מיט א העכערונג אויף די שכירות. ווען זיי האבען די ארבייטער אויסגעצאלט די וועידזשעס פאר דער לעצטער וואך ארבייט איידער זיי זיינען ארונטער אין סטרייק האבען זיי אין די קאנווערטלאך אריינגעלייגט מיט צען פראצענט מער געלט פאר די מיידלאך און נאך א גרעסערע העכערונג פאר די מענער. די ארבייטער האבען דערקלערט אז זיי ווילען דווקא האבען א יוניאן שאפ.

און אזוי זיינען ביידע צדדים פארבליבען איינגעשפארט. — דערציילט דזשעני מעטיעס — נעכטען האט איינער פון די סטרייקער געקראגען צו וויסען, אז זיין פרוי דארף געלעגען ווערען. ער האט געלאזט וויסען דעם פארוואלטער אז ער דערווארט א טעלעפאן און וויל אז מען זאל אים איבערגעבען ווען מען וועט אים רופען. דער באס האט אים געראטען צו גיין אהיים. דער ארבייטער האט אים אבער גאנץ העפליך געהייסען אויפפאסען אויף זיינע אייגענע געשעפטען און זיך ניט מישען אין ארבייטער אנגעלעגענהייטען. ער האט אים אבער געווארענט אז אויב מען וועט אים ניט איבערגעבען דעם טעלעפאן און מיט זיין פרוי וועט עפעס פאסירען וועט ער אים האלטען פערזענליך פאראנטוואורטליך. דער מעסעדזש איז אנגעקומען האלב נאך צען ביינאכט. דער יונגערמאן איז אוועקגעלאפען אין האספיטאל און האט דארט פארבראכט ביז דאס קינד איז אויף דער וועלט געקומען. אויף מארגען גאנץ פריה איז ער געוועזן צוריק אין שאפ אויף זיין פאסטען זיך אנטזאגענדיג צו גיין אהיים אפילו ווען די חברים זיינע און די סטרייק פירער האבען אים געבעטען צו גיין.

„אזוינע סצענעס — שרייבט דזשעני מעטיעס וואלט איך אייך געקענט דערציילען א סך. די העלדישע האלטונג פון אט די יונגע רעקרוטען איז אזא, אז אלטע וועטעראנען מוזען מיט זיי שטאלצירען. עס איז מעגליך אז זיי זאלען געצוואונגען ווערען צו פארלאזען די פאבריק. זיי וועלען אבער צוריק ארבייטען ניט גיין אן א סעטעלמענט".

אינטערנעשאנעל ארגאנייזער א. פלאטקין באשטימט צום סטייט ווידזש באארד פאר דעם קאטאן גארמענט טרייד אין שיקאגא.

דער אינטערנעשאנאל ארגאנייזער אברהם פלאטקין פון שיקאגא איז די וואך באשטימט געווארען פון דעם לייבאר קאמישאנער פון אילינאי אויף דער סטייט באארד וועלכע דארף באשטימען א מינימום ווידזש פאר די ארבייטער אין דער קאטען גארמענט אינדוסטרי אין די פעקטאריס פון אילינאי סטייט.

דער סטייט האט דורכגעפירט א מינימום ווידזש געזעץ פאר פרויען און מינדער יאהריגע ארבייטער נאך אין 1933. דער געזעץ איז אבער ביז איצט ניט אנגעווענדעט געווארען ביז עס איז געקומען די אנטשיידונג פון סופרים קאורט, אז דער עהנליכער געזעץ אין וואשינגטאן סטייט איז קאנסטיטוציאנעל. איצט נעמט זיך די רעגירונג דורכפירען דעם געזעץ אין לעבען און האט פאר דעם צוועק באשטימט א קאמיסיע וועלכע זאל אפהאלטען עפענטליכע פארהערען און באשטימען ווי הויך דער מינימום געהאלט פאר אזוינע ארבייטער דארף זיין אין די פארשיידענע אינדוסטריען. אין דער קערפערשאפט פאר'ן קאטען גארמענט טרייד איז דאס פלאטקין באשטימט געווארען.

אויף דער זעלביגער באארד צוזאמען מיט פלאטקין'ען איז אויך באשטימט געווארען הערמאן קאראש פון „קאראש בראדערס", א מאנופעקטשורער פון וואש־דרעסעס וואס האט ניט לאנג צוריק געסעטעלט מיט דער אינטערנעשאנאל און האט איינגעשטעלט א מינימום ווידזש פון 14 דאלאר א וואך פאר די ארבייטער אין זיין שאפ. די אנדערע מיטגלידער אויף דער באארד זיינען, קלארא ווערטהאם, אן ארבייטערין ביי קליידער פון פערו און לעאה ד. טעילאר פון שיקאגא קאמאנס איז טשערמאן. די אפען שאפ מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן איז געבעטען געווארען צו באשטימען איהר פארטרעטער אויף דער באארד.

די קאמיסיע וועט באלד אנפאנגען די עפענטליכע פארהערען. לויט דעם צוזאמענשטעל פון דער באארד שיינט עס צו זיין זיכער, אז דער מינימום ווידזש פון די יוניאן שעפער אין קאטען דרעס טרייד, 14 דאלאר א וואך וועט אנגענומען ווערען.

דרעס פרעסערס יוניאן לאקאל 60 ציט זיך אריבער אין א באקוועמערען אפיס.

די דרעס פרעסערס יוניאן לאקאל 60 האט זיך היינטיגע וואך אריבערגעצויגען אין א גרעסערען און באקוועמערען אפיס, אין 242 וועסט 36טע סטריט, וואו עס וועט זיין מעהר פלאץ צו באזארגען דער פיל פארגרעסערטער צאהל מיטגלידער וועלכע קומען אין אפיס וועגען יוניאן אנגעלעגענהייטען.

אין א בריף וואס די פירער פון דער יוניאן, דער מענעדזשער מעקס קאהען און דער טשערמאן פון לאקאל י. וואסילעווסקי האבען ארויסגעשיקט צו די מיטגלידער איינלאדענדיג זיי צו דער אפיציעלער ערעפענונג שבת, דעם 24טען אפריל, שרייבען זיי:

„ווען מיר האבען איינגעשטעלט אונזער אפיס מיט דריי און אהאלב יאהר צוריק, האבען מיר ניט געוואוסט, אז אין א קורצע צייט וועט אונזער לאקאל אזוי אויסוואקסען אין צאל מיטגלידער און אין קראפט, אז דער פלאץ וועט ווערען צו קליין און מיר וועלען ניט קענען אנגעהן מיט דער זיך אלץ פארגרעסערענדיגער טעטיגקייט.

„מיר ציהען זיך איצט אריבער אין א גרעסערען פלאץ וועלכען מיר האבען אויסגעשטאטעט אויף אן אופן וואס וועט פאר אונז מאכען מעגליך בעסער צו דינען אונזערע מיטגלידער.

ווען די באָסעס האָבען דערזען, אַז די אַרבייטער שליסען זיך אָן אַן דער יוניאָן האָבען זיי געמאַכט אַ לאַק־אוט און די יוניאָן האָט געענטפערט מיט אַ סטרייק.

אָנפירער פון אָפען שאַפּ קאָטען דרעס מאַנופעקטשורערס אַסס'ן סעטעלט

איינע פון די וויכטיגסטע סעטעלמענטס אין דעם קאָטאָן דרעס דרייד דעם מאָנאַט איז דער אַגרימענט אונטערגעשריבען פון „גינזבורג און בראַדערס", אַן אָפּען שאַפּ פירמע, וועלכע האָט צוויי קאָטאָן דרעס שעפּער אין אָבורן און סענעקאַ פאָלס, ניו יאָרק. די פירמע איז איינע פון די עלטסטע אין טרייד. זי איז געגרינדעט געוואָרען אין 1898. מיט יאָרען צוריק האָט די פירמע געהאַלטען איר פאַבריק אין ניו יאָרק. זי האָט אָבער אַרויסגעמופט די שעפּער אום צו באַפרייען זיך פון יוניאָן קאָנטראָל. ווען די קאָטאָן דרעס אַסאָסיאיישאָן האָט זיך אָרגאַניזירט און אָנגעהויבען איר פאַרביסענעם קאַמף געגען דער יוניאָן, איז י. גינזבורג געוואָרען איינער פון די הויפּט פירער פון דער אַסאָסיאיישאָן.

פון דער יוניאָן קען מען זיך אָבער ניט אויסבאַהאַלטען. דער קאָטאָן גאַרמענט טרייד דעפּאַרטמענט פון דער אינטערנעשאָנאַל האָט מיט עטליכע מאָנאַטען צוריק אָנגעהויבען אָרגאַניזירען די אַרבייטער אין די צוויי שעפּער. מיט דריי וואָכען צוריק זיינען די אַרבייטער אַרונטער אין סטרייק ספּאָנטאַן. די פירמע האָט זיי געהעכערט די שכירות מיט צען פּראָצענט אַבי זיי זאָלען זיך ניט אַנשליסען אַן דער יוניאָן. די אַרבייטער זיינען צוריקגעגאַנגען אַרבייטען און האָבען זיך ערשט גענומען פעסט אָרגאַניזירען. זיי האָבען זיך אַלע אַנגעשלאָסען אַן דער יוניאָן.

די פירמע האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און האָט געמוזט אונטערשרייבען אַן אַגרימענט מיט דער אינטערנעשאָנאַל. די אַרבייטער האָבען געקראָגען נאָך אַ העכערונג פון 10 ביז 15 פּראָצענט אויף די פּרייזען פאַר שטיק אַרבייטער. די קאָטערס האָבען געקראָגען געהעכערט זייערע שכירות מיט דריי און פיר דאָלאַר אַ וואָך. עס איז איינגעפירט געוואָרען אַ קלאָוזד יוניאָן שאַפּ און אַ 40־שטונדיגע אַרבייטס וואָך. אין אַגרימענט איז אויך אַריינגעשטעלט געוואָרען אַ פונקט, אַז אין אויגוסט דאַרף מען ווידער פרהאַנדלען וועגען נאָך אַ העכערונג אויף די שכירות פאַר די אַרבייטער.

דער סעטעלמענט איז געשלאָסען געוואָרען פאַר דער יוניאָן פון עליאַס רייזבערג און די אָרגאַנייזערס אל דעסער, פייגעל לעווין און גרעגאָרי באַרדיקאַ.

פינף קאָטען גאַרמענט שעפּער אין פּענסילווייניע סעטלען

אויסער די אויבען אויסגערעכענטע זיינען דעם מאָנאַט געסעטעלט געוואָרען נאָך פינף קאָטאָן דרעס שעפּער אין פּענסילווייניע, וועלכע באַשעפטיגען צוזאַמען אַרום 400 אַרבייטער.

פיר פון די שעפּער באַלאַנגען צו דער פירמע „בויר־געניכט ענד ספּייראָ". זיי געפינען זיך אין דיקסאָן סיטי, אַרטשבאָלד און מעיפילד. די פירמע האָט אָנגעהאַלטען אַ יוניאָן שאַפּ אין ניו יאָרק, אָבער איר הויפּט אַרבייט האָט זי געלאָזט מאַכען אין די פיר אָפּען שעפּער, וואו זי האָט באַשעפטיגט אַרום 300 אַרבייטער.

די יוניאָן האָט אין די צוויי שעפּער אין דיקסאָן סיטי און פאָרעסט סיטי, וואו זי האָט געהאַט אַ היבשע צאָל מיטגלידער, אַרונטערגענומען די אַרבייטער אין סטרייק און אין דער צייט וואָס עס זיינען אָנגעגאַנגען פאַרהאַנדלונגען מיט דער פירמע וועגען די צוויי שעפּער האָבען די אָרגאַנייזערס פון דער אינטערנעשאָנאַל זיך גענומען אָרגאַניזירען די אַרבייטער אין די אַנדערע צוויי שעפּער. דאָס איז זיי אויך געלונגען, און איצט האָט די פירמע געסעטעלט פאַר אַלע אירע שעפּער.

די אַרבייטער האָבען געקראָגען אַ קלאָוזד יוניאָן שאַפּ; אַ פערציג שטונדיגע אַרבייטס וואָך און אַ מינימום פון 13 דאָלער אַ וואָך. די אָרגאַנייזערס וועלכע האָבען אָנגעפירט דעם סטרייק און געמאַכט דעם סעטעלמענט זיינען דוד גינגאָלד, אַ. שינדלער און סאָול גרין.

די יוניאָן האָט אויך געסעטעלט דעם שאַפּ פון „מ. לעהמאַן" פון קאַרבאָנדייל, פּענסילווייניע, וועלכער באַשעפטיגט אַרום הונדערט אַרבייטער אויף קאָטאָן דרעסעס. דער שאַפּ אַרבייט פאַר דעם באַוואוסטען ניו יאָרקער דזשאָבער דזשאָזעף קאָהען. די אַרבייטער האָבען געוואונען פולע יוניאָן באַדינגונגען.

גרעסטע פירמע פון געשטריקטע פרויען־קליידער אין אַמעריקע סעטעלט מיט דער אינטערנעשאָנאַל

די גרעסטע ניט־גודס פירמע אין אַמעריקע, די „סופאָלק ניטינג מילס", וועלכע באַשעפטיגט 1400 אַרבייטער ביי געשטריקטע פרויען קליידער אין צוויי שעפּער, אין לאָועל און איסט באָסטאָן, מאַסאַטשוזעטס, האָט דעם מאָנאַט געסעטעלט מיט דער אינטערנעשאָנאַל און די אַרבייטער זיינען צוריקגעשיקט געוואָרען צו דער אַרבייט אלס יוניאָן־לייט אונטער יוניאָן באַדינגונגען.

דער סעטעלמענט איז דערגרייכט געוואָרען נאָך אַ קורצען סטרייק, וואָס האָט געדויערט איין וואָך. דער קאָטאָן גאַרמענט טריידס דעפּאַרטמענט פון דער אינטערנעשאָנאַל אונטער דער פאַרוואַלטונג פון וויס־פּרעזידענט עלייעס רייזבערג האָט די אַרבייטער אַרונטערגערופען אין סטרייק דעם 7טען אַפּריל. דער סטרייק איז אָנגעפירט געוואָרען אַזוי ענערגיש, אַז די אַרבייט אין ביידע שעפּער איז גלייך אָפּגעשטעלט געוואָרען און דער מעיאָר פון לאָועל, מאַסאַטשוזעטס, האָט פאַררופען אַ קאָנפערענץ פון ביידע צדדים צו סעטלען דעם סכסוך.

די קאָנפערענצען האָבען אָנגעהאַלטען דריי טעג. די יוניאָן איז געווען פאַרטראָטען פון י. האַלפּערן, די אָרגאַנייזערס און י. ביראַק, דער לאָיער פון דער יוניאָן. ביידע צדדים האָבען זיך געאייניגט אויף פאָלגענדע באַדינגונגען:

די יוניאָן קריגט פולע אָנערקענונג אלס די פאַרטרעטערין פון די אַרבייטער אין אַלע פראַגען וואָס אַנבעלאַנגט שטונדען, ווײדזשעס און אַרבייטס באַדינגונגען; עס ווערט איינגעשטעלט אַ 40־שטונדיגע אַרבייטס וואָך; וואָס אַנבעלאַנגט די פראַגע פון אַ העכערונג אויף די שכירות, האָט די יוניאָן געפאָדערט 25 פּראָצענט און די פירמע האָט געוואָלט געבען בלויז 10 פּראָצענט. ביידע צדדים האָבען זיך געאייניגט איבערצוגעבען די פראַגע פאַר אַרביטריישאָן צו דער סטייט באָארד, וועלכע דאַרף אַרויסגעבען איר אַנטשיידונג ניט שפּעטער ווי דעם 29טען אַפּריל.

די סטרייקער האָבען דעם אָפּמאַך איינשטימיג גוטגעהייסען ביי אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג מיט גרויס פרייד און צופרידענהייט. וויס־פּרעזידענט רייזבערג, און די אָרגאַנייזערס י. האַלפּערן, בעטי הוירמאַן און דע לעאָ פון לאָקאַל 55 האָבען אַדרעסירט די פאַרזאַמלעטע. די סטרייקער זיינען צוריק געגאַנגען צו דער אַרבייט מיט וואָרקינג קאַרדס פון דער יוניאָן.

עס איז גלייך אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ מיטינג פון די 70 פאַרטרעטער פון די פאַרשיידענע דעפּאַרטמענטס וועלכע האָבען צוזאַמענגעשטעלט די סטרייק קאָמיטע און עס איז געמאַכט געוואָרען אַן אַפּליקיישאָן פאַר אַ טשאַרטער אלס לאָקאַל.

וויכטיגע סעטעלמענטס אין דער סאַוט־וועסט

אונזער אָרגאַניזאַציע אין דער סאַוטס וועסט אונטער דער פירערשאַפט פון מייער פּערלשטיין האָט היינטיגען מאָנאַט ווידער געסעטעלט אַ גאַנצע רייע וויכטיגע שעפּער און האָט נאָך אין איין שטאָדט אין דער סאַוטה פאַרענדיגט דעם אָרגאַניזאַציאָנס קאַמפּיין פון דער אינטערנעשאָנאַל מיט פולען דערפאָלג. די פרויען קליידער אַרבייטער אין מעמפיס טענעסי זיינען איצט אויך הונדערט פּראָצענט אָרגאַניזירט.

דער לעצטער שאַפּ אין מעמפיס צו סעטלען מיט דער אינטערנעשאָנאַל איז געווען די „נאַנאַ ליע". דאָס איז געווען די איינציג איבערגעבליבענע און לעצטע ניט־יוניאָן פעסטונג אין מעמפיס, אין אַ שטאָט וואו מיט צוויי מאָנאַטען צוריק האָט נאָך די אינטערנעשאָנאַל אפילו ניט געהאַט קיין לאָקאַל יוניאָן. די אַנדערע פינף פעקטאָריס אין יענער שטאָדט וועלכע באַשעפטיגען עטליכע הונדערט אַרבייטער. דעם פינף און צוואַנציגסטען מאַרטש האָט דער נאָך דער צווייטער אָרגאַניזירט געוואָרען אין משך פון די לעצטע עטליכע וואָכען. אַן אויסנאַם איז געווען די „נאַנאַ ליע" וועלכע האָט מיט אַלע מיטלען באַקעמפט דעם פאַרזוך פון דער אינטערנעשאָנאַל צו אָרגאַניזירען איהרע אַרבייטער. דעם פינף און צוואַנציגסטען מאַרטש האָט דער דאָרטיגער לאָקאַל אונטער דעם אויפזיכט פון דעם אינטערנעשאָנאַל פאַרטרעטער אין דער סאַוטה־וועסט, מייער פּערלשטיין, דעם שאַפּ דערקלערט אין סטרייק. 40 אַרבייטער זיינען אַרונטער אין סטרייק אויפ'ן רוף פון דער יוניאָן און 95 זיינען געבליבען אַרבייטען. עס האָבען זיך אַ שאָט געטאָן פּאָליציייאישע פאַרפאָלגונגען געגען די סטרייקער. פּיקעטס זיינען אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרען אין דזשייל, מאַנכע זיינען באַשטראָפט געוואָרען מיט גרויסע סומען געלט, די פירמע האָט אַרויסגעקראָגען אַן אינדזשאַנקשאָן געגען דער יוניאָן און די סטרייקער. דאָס אַלעס האָט אָבער ניט געהאָלפען. דער סטרייק איז פאָרטגעזעצט געוואָרען מיט דער גרעסטער ענערגי ביז דער באָס איז געצוואונגען געוואָרען צו סעטלען.

די סטרייקער האָבען געוואונען אַ קלאָוזד יוניאָן שאַפּ. אַלע אַרבייטער מוזען זיך אַנשליסען אַן דער יוניאָן אין משך פון 30 טעג. די אַרבייטס־שטונדען זיינען פאַרקירצט געוואָרען פון 52 שטונדען אויף 40 שטונדען אַ וואָך; די שכירות איז גלייך געהעכערט געוואָרען מיט איבער צעהן פּראָצענט און צוויי ווייטערע העכערונגען דאַרפען זיי קריגען אין משך פון דעם יאָר. אַזוי ווי אַלע אַרבייטען דאָרט פון וואָך, מיינט עס, צוזאַמען מיט דער פאַרקירצונג פון שטונדען, אַ העכערונג פון כמעט 50 פּראָצענט.

זיג־סטרייק פון קאָטען דרעס אַרבייטער אין קענזעס סיטי געוואונען

דער סטרייק פון די קאָטען דרעס אַרבייטער אין קענזעס סיטי וועגען וועלכען מיר האָבען געמאָלדען אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט", ווען די אַרבייטער זיינען געבליבען זיצען אויף די טרעפּען פון שאַפּ און ניט דערלאָזט קיינעם אַריין אָדער אַרויס, איז דעם מאָנאַט געסעטעלט געוואָרען מיט אַ פולען זיג פאַר די אַרבייטער. ניט נאָר האָט די פירמע געמוזט סעטלען און נאָכגעבען אַלע פאָדערונגען פון די אַרבייטער אין דעם סטרייקענדען שאַפּ, נאָר זי איז אויך געצוואונגען געוואָרען צו יוניאָניזירען דעם צווייטען שאַפּ וואָס געהערט צום זעלביגען אייגענטימער אין אַ צווייטע שטעדטעל, אין ריטשמאָנד מיזורי.

אין די צוויי שעפּער ווערען באַשעפטיגט אַרום 300 אַרבייטער. צוויי הונדערט אין קענזעס סיטי און הונדערט אין ריטשמאָנט. לויט דעם אַגרימענט מוזען אַלע אַרבייטער זיך אַנשליסען אַן דער יוניאָן אין משך פון דריי וואָכען. עס ווערט איינגעשטעלט אַ 40 שטונדיגע, 5 טאָגיגע אַרבייטס וואָך און אַ מינימום ווידזש פון 13 דאָלאַר אַ וואָך. אַ קאָמיטע פון פּראָמינענטע בירגער האָט געהאָלפען די אַרבייטער געווינען דעם סטרייק.

דעם מאָנאַט האָט אויך אונטערגעשריבען אַן אַגרימענט מיט דער יוניאָן די „מיזורי גאַרמענט קאָ." וועלכע באַשעפטיגט 200 אַרבייטער אויף קאָטען דרעסעס. די פירמע האָט פאַר צוויי און אַ האַלב יאָר באַקעמפט מיט דער גרעסטער ביטערקייט יעדען פאַרזוך פון דער יוניאָן צו אָרגאַניזירען איהרע אַרבייטער. איצט האָט זי אונטערגעשריבען אַן אַגרימענט נאָכגעבענדיג קלאָוזד יוניאָן שאַפּ; קאָוד ווײדזשעס און שטונדען; אַ העכערונג פון צען פּראָצענט אויף די שכירות פון די אַרבייטער.

דעם צענטען אַפּריל האָבען אין קענזעס סיטי געסעטעלט מיט דער יוניאָן די צוויי ווייט־גודס שעפּער, די „קאַמיל אַזאַר" און די „מעי פעיר". די צוויי שעפּער באַשעפטיגען הונדערט אַרבייטער. די אינטערנעשאָנאַל האָט איצט איבער צוויי טויזענד מעמבערס אין קענזעס סיטי.

אָרגאַניזאַציאָנס־טעטיגקייט אין דער מיטעל־וועסט

דער אָרגאַניזאַציאָנס קאַמפּיין אין די קאָטען גאַרמענט טריידס אין און אַרום שיקאַגאָ וואָס ווערט אָנגעפירט אונטער דער אויפזיכט פון וויס פּרעזידענט ביאַליס און דזשענעראַל אָרגאַנייזער פלאָטקין האָט דעם מאָנאַט אויך פאַרצייכענט עטליכע באַדייטענדע דערפאָלגען. אין שיקאַגאָ איז דעם מאָנאַט געסעטעלט געוואָרען די „שיקאַגאָ מאַנופעקטשורינג קאָמפּאַני", אַ קאָטען דרעס פירמע וועלכע באַשעפטיגט אַרום 300 אַרבייטער און די „לע נאָר דרעס קאָמפּאַני", וועלכע באַשעפטיגט 40 אַרבייטער.

אין פּעאָריאַ אילינאָי איז געסעטעלט געוואָרען די „טשיק גאַרמענט קאָמפּאַני" וועלכע באַשעפטיגט 400

טרייד צו אָרגאַניזירען אַן אייגענע נעשאַנאַל רעקאָווערי באָארד פון אַלע קלאָוק מאַרקעטס איבער דעם לאַנד. דער כח פון דער יוניאָן און די מאָראַלע אונטערשטיצונג פון דער עפענטליכער מיינונג צווינגט אַלע קלאָוק מאַרקעטס, מער אָדער ווייניגער, אויפצוהאַלטען צווישען זיך אַן ערליכע קאָנקורענץ.

דעם כח פון דער זעלבסט געגרינדעטער, פרייווילליגער אָרגאַניזאַציע ווילען מיר ניט אונטערשעצען, און אויך ניט איבערשעצען. די נעשאַנאַל רעקאָווערי באָארד איז א וויכטיגער אינסטרומענט און איבט אויס אַ מאָראַלען איינפלוס איבער די קלאָוק פאַבריקאַנטען, ווי אויך איבער די וואָס פאַרקויפען די קלאָוקס.

צוליב דעם וואָס די נייע אָרגאַניזאַציע באַזיצט ניט דעם זעלבען כח ווי די געוועזענע נעשאַנאַל רעקאָווערי אדמיניסטראַציע, מוז דארום די דזשאָינט באָארד, מיט אירע אַנגעשלאָסענע לאָקאַלען, זיין די איינציגע „אייד־ושענסי" אין דעם טרייד וואָס זאָל אויפפאַסען אַז די 35־שטונדיגע אַרבייטס־וואָך זאָל ניט פאַרלעצט ווערען. פאַר דעם צוועק האָט די דזשאָינט באָארד געשאַפען אַ ספּעציעלען אפּאראַט וועלכער פאַסט אויף אַז די אַרבייטס־שטונדען זאָלען שטרענג אָפּגעהיט ווערען, און זי גיט אויף דעם אויס שווערע טויזענדער דאָלארס א יאָר. די אַרבייט איז אַ גאַנץ שווערע און אַ קאָמפּליצירטע. זי וואָלט געוויס געווען פיל שווערער ווען די קלאָוקמכער אליין וואָלטען ניט געווען פאַראינטערעסירט אַז די אויסגעקעמפטע אַרבייטס־צייט זאָל אויפגעהאַלטען ווערען. פאַר דעם קומט פיל קרעדיט אונזערע מעמבערס. עס מאַכען זיך פאַלען, דאָ און דאָרט, וואו מען כאַפּט איינצעלנע מעמבערס וועלכע זוכען ענטוועדער אין דער פרי אָדער ביי נאַכט אַריינצוכאַפּען אַן איבעריגע האַלבע שטונדע אַרבייט. זיי זיינען אָבער פאַרהעלטניסמעסיג ווייניג אין צאָל. אין יעדען אַזעלכען פאַל ווערען די באַטרעפענדע אַרבייטער אָפּגעשטעלט דורך דעם פּאַטראָל דעפּאַרטמענט און זיי ווערען געבראַכט צו פאַראַנטוואָרטליכקייט.

מיר שרייבען דעם איבערבליק ווען מיר שטעהען אויף דעם שוועל פון ערוואַרטעטע ענטוויקלונגען. אונזערע איצטיגע אַגרימענטס מיט די אַסאָסיאיישאַנס וועלען אויסגעהן צוויי וואָכען נאָך דער קאָנווענשאַן. אין איצטיגען מאָמענט קאָנען מיר באַשטימט ניט זאָגען אָדער אויסרעכענען גענוי וואָס אונזערע קלאָוק מאַנופעקטשורערס דענקען צו טאָן, טראָץ דעם וואָס אין דער אָפּיציעלער טרייד ציייטונג האָבען מיר געלעזען ערקלערונגען פון מאַנכע פון זייערע פירער, אַז די יוניאָן האָט גאָרניט געטאָן צו סטאַביליזירען דעם טרייד. דערמיט זיינען זיי אויסען צו שאַפען שטימונג צווישען די מאַנופעקטשורערס געגען דער יוניאָן, ווייסענדיג אַז די צייט פון דעם אויסגעהן פון די אַגרימענטס דערנעהענטערט זיך און מען דאַרף אָנפאַנגען די פאַרהאַנדלונגען וועגען באַנייען זיי. די ערקלערונגען האָבען זיי טאַקע געמאַכט נאָכדעם ווי די יוניאָן האָט זיי געלאָזט וויסען, אַז זי וועט אין די נעקסטע אַגרימענטס פאַרלאַנגען ענדערונגען.

די דזשאָינט באָארד וועט צו דער קאָנווענשאַן זיכער אינפאָרמירען די דעלעגאַטען, אַז אירע אַגרימענטס אין דעם טרייד געהען אויס און אַז זי וועט פאַרלאַנגען בעסערע באַדינגונגען פאַר די אַרבייטער אין טרייד. זי וועט פאַרלאַנגען פון דער קאָנווענשאַן צו אינדאָרסירען א גענעראַל סטרייק אין דעם ניו יאָרקער קלאָוק מארקעט אין פאַל עס וועט זיין אוממעגליך צו קומען צו אַ פריינדליכען אויסגלייך מיט די באַלעבאַטים אין באַנייען די אויסגעהענדע אַגרימענטס.

ניט אַלע דעלעגאַטען וועלכע קומען פון די נייע אָרגאַניזירטע לאָקאַלס ווייסען פיל וועגען דער ראָלע וואָס די דזשאָינט באָארד מיט אירע לאָקאַלס האָבען געשפּילט און שפּילען נאָך אין דעם לעבענס־גאַנג פון אונזער אינטערנעשאַנאַל. זיי ווייסען אויך ניט, אַז זאָגאַר דורך די העכסטע קריזיס יאָרען איז עס געווען די קלאָוק דזשאָינט באָארד פון ניו יאָרק וועלכע איז פילע מאָל געקומען צו הילף דער אינטערנעשאַנאַל, און דורך איר, אירע אַלע לאָקאַלען ווען דער קריזיס האָט בלויז אָפּגעשוואַכט אָבער ניט געקאָנט פאַרניכטען. דאָס אַלעס האָט די דזשאָינט באָארד געטאָן ניט אַכטענדיג דאַרויף וואָס זי אַליין איז געווען איינגעטונקען אין שווערע חובות פון טויזענטער דאָלאַר, אַלס רעזולטאַט פון דעם 1926 גענעראַל סטרייק. טראָץ דעם וואָס ניט אַלע דעלעגאַטען וועלען דאָרטען זיין ווייסען דערפון, דאָך זיינען מיר זיכער אַז זיי וועלען אַלע איינשטימיג גוטהייסען דעם פאַרלאַנג פון אונזער דזשאָינט באָארד, אַז די ג. ע. ב. זאָל העלפען דער קלאָוקמאַכער יוניאָן צו קריגען בעסערע באַדינגונגען פאַר אירע מעמבערס.

מיר זיינען גענייגט צו דענקען, אַז אויך די קלאָוק לאָקאַלס פון דער דזשאָינט באָארד וועלען קומען צו דער קאָנווענשאַן מיט רעזאָלוציעס וועלכע וועלען זיך באַציהען צו ערנסטע טרייד פּראָבלעמען. אויף די רעזאָלוציעס וועלען די דעלעגאַטען מוזען געבען דעם געהעריגען אויסדרוק. אונזערע טרייד פּראָבלעמען זיינען געוואָרען צו ערנסט אַז מיר זאָלען זיי קאָנען פאַרקוקען אָדער מען זאָל זיי קאָנען אָפּקומען מיט קלינגענדע רעדעס.

וואָס זיינען די איצטיגע מער ערנסטע פּראָבלעמען פון אונזער דזשאָינט באָארד מיט אירע אַנגעשלאָסענע לאָקאַלס? איבער די גרעניצען פון דעם קלאָוק טרייד האָבען זיך אַריבערגעכאַפּט פאַרשיידענע סאָרטען מאַנופעקטשורערס וועלכע האָבען קיינמאָל ניט געהאַט קיין שייכות מיט דעם טרייד און גראָבען אונטער אונזערע אויסגעקעמפטע סטענדאַרדס.

ווען מיר זאָגען אַז מאַנופעקטשורערס האָבען זיך אַריבערגעכאַפּט איבער אונזערע גרעניצען, האָבען מיר ניט בלויז אין זינען די דרעס מאַנופעקטשורערס. מיר האָבען אויך אין זינען די קלאָדהינג מאַנופעקטשורערס, וועלכע האָבען זיך געכאַפּט פּראָדוצירען די אַזוי־גערופענע „לידיס מעניש סוטס".

וועגען די קלאָדהינג מאַנופעקטשורערס וועלכע באַלאַנגען אונטער דער דזשוריסדיקשאַן פון דער אמאַלגאַמייטעד וועט אונזער קאָנווענשאַן ניט קענען האַנדלען, אַזוי ווי זי וועט קענען האַנדלען מיט די טריידס וועלכע האָבען פאַרבינדונגען מיט אונזער אייגענע שוועסטער אָרגאַניזיציעס. ווייל אונזער קאָנווענשאַן וועט ניט קענען דירעקט האַנדלען אין דער פראַגע, דערפאַר וועט די אריינקומענדע גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד זיך מוזען מאַכען איר אויפגאַבע אויפצונעמען די פראַגע אויף איר ערשטען מיטינג. די אינטערנעשאַנאַל וועט צו די קלאָדהינג מאַנופעקטשורערס, וועלכע האָבען דערשמעקט אַז א לידיס׳ סוט איז א מער פּראָפּיטירענדער ארטיקעל ווי מענער גאַרמענטס, דאַרפען זאָגען, דורך דער אמאַלגאַמייטעד יוניאָן, מיט דעם האַרבען וואָרט, אַז זיי קענען בלויז פּראָדוצירען דעם אַרטיקעל אונטער דעם קאָנטראָל פון אונזער דזשאָינט באָארד.

צו דער קאָנווענשאַן קומט אונזער דזשאָינט באָארד מער פאַראייניגט ווי זי פלעגט קומען צו די פריערדיגע קאָנווענשאַנס. די פאַראייניגונג פון די צוויי לאָקאַלען האָט געשטאַרקט איר פונדאמענט. די גאַנצע אידישע אַרבייטער גאַס קוקט היינט אויף דער קלאָוקמאַכער יוניאָן מיט דעם זעלבען דרך ארץ ווי זי האָט אויף איר געקוקט מטי 27 יאָר צוריק. די אידישע, אַזוי גוט ווי די קריסטליכע אַרבייטער גאַס, ווייסט אַז עס איז געווען די קלאָוקמאַכער יוניאָן, וועלכע האָט געגעבען דעם שוואונג פאַר די גרויסע און מעכטיגע נאָדעל טרייד יוניאָנס.

די דזשאָינט באָארד באַגריסט די דעלעגאַטען צו דער קאָנווענשאַן. זי ווינשט און זי האָפט אַז אַלע פאַרהאַנדלונגען ביי דער קאָנווענשאַן וועלען שאַפען אַן אונערשעפּליכען קוואַל פון כח פאַר דעם ווייטערדיגען וואוקס און פּראָגרעס פון אונזער אינטערנעשאַנאַל.

אויפרוף פון קלאָוק דזשאָינט באָארד צום ערשטען מאַי

דער האַי־יאָריגער ערשטער מאַי, דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער יום־טוב, פאַלט אויס אום שבת. דעם ערשטען מאַי פייערען די פּראָגרעסיווע אַרבייטער איבער דער גאַנצער וועלט, וואו די פּראָגרעסיווע אַרבייטערשאַפט לעבט און ווירקט און יעדער פייערט אים אויף זיין אייגענעם שטייגער.

די אינטערנעשאַנאַל מיט איהרע לאָקאַלס אין ניו יאָרק פון וועלכע די קלאָוק דזשאָינט באָארד איז אַ טייל, האָבען היינטיגס יאָר באַשלאָסען צו פייערען דעם אַרבייטער יום טוב דורך אַ פאַרזאַמלונג פון איהרע מעמבערס אין רענדעל׳ס איילאַנד. די פאַרזאַמלונג וועט פאַרקומען אונטער דעם פרייען הימעל און פון דאָרטען וועלען די פרויען קליידער אַרבייטער באַגריסען די אַרבייטער פון די אייראָפּאַאישע לענדער און די אַרבייטער ביי זיך אין דער היים.

דאָס פּלאַץ וואו די מעמבערס וועלען זיך פאַרזאַמלען איז זעהר אַ גרויסער, און נעמט אַריין טויזענדער מענשען. עס איז אויסגעשטאַטעט מיט די בעסטע עמפּליפייערס און יעדער מעמבער וועט אַלעס קענען זעהן און הערען וואָס וועט פאַרקומען אין דעם גרויסען סטיידיום. אַ גרויסער קלאַסישער אָרקעסטער און וועלט באַרימטע זינגער זיינען אַראַנזשירט געוואָרען. אויסער זיי וועלען אויך איינטייל נעמען די טאַלאַנטען וועלכע אונזער אייגענע אינטערנעשאַנאַל האָט ענטוויקעלט. זיי וועלען ביי־טראָגען אַ פאַרבענרייכען „פּעדזשענט" פאַר דעם אויער און פאַר דעם אויג. אונזערע אייגענע טאַלאַנטען וועלכע קומען דירעקט פון דעם שאָפּ מיט וועמען מיר האָבען צוזאַמען געאַרבייט אין די פעקטאָריס, וואו עס ווערען פּראָדוצירט קלאָוקס און דרעסעס, וועלען אויף אַ העכסט עסטעטישען אופן דראַמאַטיזירען די וויכטיגסטע פּאַסירונגען וואָס האָבען אַנגערירט די אַרבייטער באַוועגונג דאָ אין לאַנד און אין אַנדערע טיילען פון דער וועלט, אין פאַרלויף פון לעצטען יאָהר.

דער ערשטער מאַי אַלס אַן אַרבייטער יום טוב באַלאַנגט ניט בלויז צו דעם מאַן און פרוי וואָס אַרבייט אין די פעקטאָריס אָדער שעפּער. ער באַלאַנגט צו אַלע וועלכע טראָגען מיט זיך דעם זאָרג פאַר דעם מאָרגענדיגען טאָג. אַלע ווילען זעהן אַ סוף צו אַ געזעלשאַפט פון פּריווילעגירטע און אויף איהרע חורבות זאָל שטעהן אַ וועלט פון גוטע און גלייכע מענשען, אָהן אונטערשייד פון ראַסע און נאַציע, זאָלען געניסען די פולע פרוכט פון זייער אַרבייט.

דער ערשטער מאַי האָט פאַר די קלאָוקמאַכער דאָס יאָר אַ דאָפּעלטע באַדייטונג. דעם ערשטען דזשון געהט אויס די אַגרימענטס אין אונזער טרייד און קיינער קאָן באַשטימט ניט זאָגען וואָס די מאַנופעקטשורערס דענקען צו טאָן. די קלאָוקמאַכער וועלען זיך פאַרזאַמלען צו פייערען דעם יום טוב און פון דעם סטיידיום וועלען זיי לאָזען וויסען זייערע אַרבייטסגעבער, אַז זיי זיינען פאַראייניגט און פאַרבערייטעט פאַר אַלעס.

שוועסטער און ברידער קלאָוקמאַכער! פרויען און קינדער פון אונזערע מעמבערס! אויף צום ערשטען מאַי יום טוב!

דזשאָינט באָארד קלאָוקמאַכער יוניאָן.
ראובן צוקערמאַן, פּרעזידענט
לואיס ע. לאַנגער, סעקרעטאַר.
איזידאָר נאַגלער, גענעראַל מענעדזשער.
מאָריס י. אשביז, טרעזשורער.

די אינטערנעשאַנאַל העלפט דעם דעבאַראַה סאַנאַטאַריום

אין די לעצטע עטליכע יאָהר האָט זיך די אַרבייטער באַוועגונג שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם דעבאַראַ סאַנאַטאַריום פאַר טובערקולאָז קראַנקע, וואָס געפינט זיך אין בראַנוס מיללס, ניו דזשוירזי. דאָס איז ניט קיין צופאַל. דער דעבאַראַה סאַנאַטאַריום איז אין די לעצטע פינף יאָהר געוואָרען אַן אַרבייטער און פאָלקס אינסטיטוציע, וואו אַרבייטער פון די שעפּער און האָרעפּאַשניקעס פון די פאָלקס מאַסען, וואָס זיינען געשטראָפט מיט דער פּראָלעטאַרישער קרענק, געפינען אַן אָרט פון אויסרוהען זיך און אַלע נויטיגע מעדיצינישע בהאַנדלונג.

דער דעבאַראַה סאַנאַטאַריום האָט מיט עטלאַכע יאָר צוריק אָנגעהויבען בויען אַ 5 פלאָריגע געביידע. צוליב דעם קריזיס איז די אַרבייט געבליבען שטעהן אין מיטען. ווען די געביידע וועט פאַרענדיגט ווערען, וועלען נאָך 115 טובערקולאָז קראַנקע געפינען אַן אָרט וואו ערהאַלט צו ווערען פון דער ביטערער קראַנקהייט.

אין דעם בריטען קאַמפּיין פון דעם דעבאַראַה סאַנאַטאַריום צו קענען פאַרענדיגין די געביידע, האָט צווישען אַנדערע יוניאַנס און פאָלקס אָרגאַניזאַציעס, אויך די אינטערנעשאַנעל גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט צו העלפען אין דעם קאַמפּיין פון דעם סאַנאַטאַריום. אויסער די ביישטייערונג פון דעם גענעראַל אָפּיס פון דער אינטערנעשאַנאַל נעמען אַנטייל אויך דער לאָקאַל 22 און דער איטאַליענישער לאָקאַל 89, און זיי האָבען צום קאַמפּיין צוגעטראָגען שעהנע דאָנייישאַנס. דער איטאַליענישער לאָקאַל אַליין האָט לעצטענס צו דעם קאַמפּיין בייגעשטייערט צוויי טויזענט דאָלאַר. טויזענט דאָלאַר אַלס דאָניישאַן צום אַלגעמיינעם פאַנד פון דעם סאַנאַטאַריום פאַר פאַרענדיגען די געביידע, און טויזענט דאָלאַר פאַר בעטען אין פאַל אַ מעמבער פון דעם לאָקאַל וועט קראַנק ווערען.

די אינטערנעשאַנאַל קאָנווענשאָן און די קלאָוק דזשאָינט באָאַרד

פון לואיס ע. לאַנגער
סעקרעטאַר ניו יאָרק דזשאָינט באָארד קלאָוקמאַכער יוניאָן

יעדער אַמאָל פאַרזאַמלען זיך די דעלע־גאַטען פון אונזער אינטערנעשאַנאַל צו זייער קאָנווענשאָן. דאָס וועט זיין זייער 23טער צוזאַמענקונפט. זיי וועלען קומען פון נאָהענט און פון ווייט; זיי וועלען קומען פון פאַר־שיידענע טיילען פון די פאַראייניגטע שטאַטען; זיי וועלען אויך קומען פון קענעדע, וועלכע איז אַ טייל פון דער בריטישער אימפעריע. הונדערטער מייל וועלען זיי פאָרען צו דער 23טער קאָנווענשאָן.

ביי דער קאָנווענשאָן ווערען ערוואַרטעט איבער 400 דעלעגאַטען. זיי וועלען דאָרטען קומען באַריכטען וועגען דעם פאָרשריט וואָס זייערע יוניאָנס האָבען געמאַכט צווישען דער לעצטער און איצטיגער קאָנווענשאָן. זיי וועלען זיכער קומען מיט פּלאַנען פאַר גרעסערע אָר־גאַניזאַציאָנס טעטיגקייטען אין זייערע מארקעטס. זייערע פּלאַנען וועלען זיי אויסדריקען דורך רעזאָלוציעס און וועלען זיי באַגרינדען דורך רעדעס אויף דעם פלאָר פון דעם גרויסען אוידיטאָריום פון דעם טשעלסיא האָטעל. די דעלעגאַטען וועלען זיך צו זיי צוהערען און יעדער באַשלוס וואָס די קאָנווענשאָן וועט אָננעמען וועט פאַר־גרעסערען און פאַרשענערען די געשיכטע פון אונזער אינטערנעשאַנאַל.

די גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד וועט צו די דעלע־גאַטען צושטעלען אַ באַריכט פון טעטיגקייט פאַר די לעצטע דריי יאָר. אין דעם באַריכט וועט זי אונטער־ציהען דעם סך הכל פון דערגרייכונגען, וואָס די אינטער־נעשאַנאַל האָט געמאַכט אין די פאַרשיידענע מארקעטס וואו פרויען קליידער ווערען געמאַכט.

מיר שטעלען זיך פאָר, אַז ניט אַלע קאַמפען וועלכע אונזער אינטערנעשאַנאַל האָט געפירט האָבען געהאַט דעמ־זעלבען ערפאָלג. דאָרטען וואו דער ערפאָלג איז גע־וועזען אַ מאָגערער, האַלט זי אַ וואַכזאַמען אויג און זי וועט דאָרטען צוריק טעטיג ווערען, אַזוי שנעל ווי די צייט וועט זיין גינסטיג דערפאַר, און די אַרבייטער אַליין וועלען זיין גרייט דערצו.

דער באַריכט פון די הויפּט בעאַמטע וועט אויך ענטהאַלטען די טעטיגקייט פון דער אינטערנעשאַנאַל אויף די פּאָליטישע און סאָציאַלע געביטען. די אינטערנע־שאַנאַל האָט היינט אַ גרויסע און פאַרבענרייכע מעמבער־שיפּ, דארום איז צו ערוואַרטען, אַז דער באַריכט וועט, וועגען איר סאָציאַלער טעטיגקייט, אויך זיין אַ פאַרבענ־רייכער. מיר ווייסען ניט גענוי ווי גרויס דער באַריכט וועט זיין; מיר זיינען אָבער זיכער אַז יעדער בלאַט אין דעם באַריכט וועט האָבען פיל צו זאָגען און וועט אַרויסרופען אַ לויב־געזאַנג ביי אירע אויסערליכע פריינד, וועלכע וועלען ווינשען דער אינטערנעשאַנאַל, אַז זי זאָל ווערען שטאַרקער און מעכטיגער פון דער איצטיגער ביז דער נעקסטער קאָנווענשאָן.

די קלאָוק דזשאָינט באָארד מיט אירע אַנגעשלאָסענע לאָקאַלען זיינען אימער געשטאַנען זייט־ביי־זייט מיט דער אינטערנעשאַנאַל אין אירע טעטיגקייטען. די קלאָוקמאַכער יוניאָן האָט אין אַלע יאָרען פון איר עקזיסטענץ — און זי איז די עלטסטע אין די רייען פון דער אינטערנעשאַ־נאַל — אימער געשטיצט דאָס וואָס די אינטערנעשאַנאַל האָט אונטערגענומען. זי איז אַפילו היינט ניט מער די „רייכע מומע", אָבער איר פונדאַמענט איז אַזוי אייזען שטאַרק ווי תמיד. זי איז נאָך היינט אַזוי ברייט־האַרציג ווי זי איז געווען. זי שטיצט יעדע פאָרטגעשריטענע אָרגאַניזאַציע, צי זי איז יאָ אָדער ניט פאַרבונדען מיט דער אַלגעמיינער אַרבייטער באַוועגונג. וויפיל געלד די קלאָוק דזשאָינט באָארד מיט אירע לאָקאַלען האָבען פאַר די לעצטע דריי יאָר אויסגעטיילט צו פאַרשיידענע אָרגאַ־ניזאַציעס, איז מיר זעהר שווער אָנצוגעבען, ווייל איך ווייס ניט גענוי די סומען וואָס די לאָקאַלען אַליין האָבען אָוועקגעגעבען. זיכער איז, אַז די סומע באַטרעפט טוי־זענדער דאָלאַרס. די קלאָוקמאַכער יוניאָן רופט זיך אָפּ אויף יעדען פאַרלאַנג פון שטיצע און זי שטיצט דאָרטען וואו די שטיצע איז אַ באַרעכטיגטע און אַ נויטיגע.

זייט דער לעצטער קאָנווענשאָן איז פאָרגעקומען אַ גרויסע און וויכטיגע געשעהעניש. די קלאָוק אָפּרייטאָרס פון לאָקאַל 1 און לאָקאַל 17 זיינען היינט אָרגאַניש פאַר־בונדען. זיי זיינען היינט פאַראייניגט אונטער דעם באַ־נער פון לאָקאַל 117 מיט איין באַגעהר און מיט איין וואונש פאַר אַ שטאַרקען אָפּרייטאָר לאָקאַל.

די וועלכע זיינען באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון אונזער יוניאָן, קאָנען אָפּשאַצען די וויכטיגע געשעהעניש. ניט איינמאָל האָבען די מיספאַרשטענדענישען צווישען די צוויי לאָקאַלען געבראַכט וואָלקענס אין דעם לאַגער פון אונזער יוניאָן. ביידע לאָקאַלען האָבען פון צייט צו צייט געקאָכט ווי אַ פייער־שפּייענדער וואולקאַן, וואָס האָט מיט זיך געטראָגען דעם עלעמענט פון פאַרניכטונג. נאָך דער לעצטער קאָנווענשאָן איז דער אינטערנעשאַנאַל געלונגען צו פאַראייניגען די צוויי לאָקאַלס און די ג. ע. ב. וועט וועגען דעם זיכער באַריכטען.

ניט אַלע דעלעגאַטען וועלכע וועלען קומען צו דער קאָנווענשאָן, און הויפּטזעכליך די וועלכע זיינען ערשט אין די לעצטע פאַר יאָר געוואָרען אַ טייל פון אונזער גרויסער משפחה, וועלען קענען באַגרייפען די וויכטיגקייט פון דער פאַראייניגונג. זיי וועלען ניט האָבען קיין אַהנונג וועגען דער היסטאָריע פון דעם שטרייט און אין וואָס פאַר אַ דעמאָראַליזירענדען צושטאַנד די פּראַגע האָט אַריינגעוואָרפען די יוניאָן אין 1924.

יענער דעמאָראַליזירענדער צושטאַנד איז נאָך פריש אין אונזער אַלעמענס זכרון. מענשען וועלכע האָבען גע־דענקט אַז די אָפּעראַציע, די פאַראייניגונג, האָט ניט גע־טאָרט געמאַכט ווערען דורך צוואַנג, נאָר דורך געגענזיי־טיגע פאַרשטענדיגונג, זיינען געגען זיי פאַרשפּרייט גע־וואָרען אָהן אַ שיעור בלבולים. מען איז געגאַנגען פון איין עקסטרעם צום צווייטען און מען האָט זיך ניט אָפּ־געשטעלט פאַר קיין זאַך. אַלע האָבען געוואָלט זיגען דורך פאַרניכטען איינער דעם אַנדערען. דער היציגער און ניט דער דענקענדער עלעמענט האָט געהאַט די אויבערהאַנד. וואָלט דער דריטער צד — די דאַמאָלסדיגע הויפּט פירער פון דער אינטערנעשאַנאַל — געווען אַ קאַלט־איבערגעלעגטער, און זיך ניט געלאָזען מיטרייסען פון יענעם היציגען עלעמענט, וואָלט דער ערשטער פאַר־זוך צו פאַראייניגען די לאָקאַלס זיך פיליכט געקרוינט מיט מער ערפאָלג.

די דזשאָינט באָארד איז העכסט צופרידען וואָס דער פיל־יאָריגער שטרייט איז געשליכטעט געוואָרען אויף אַ העכסט ברידערליכען אופן. די מעמבערס, וועלכע האָ־בען איינער דעם אַנדערען באַטראַכט אלס געגנער, אַסי־מילירען זיך. די אַמאָליגע שנאה איז פאַרשוואונדען.

דער דראַמאַטישער ספּעקטאַקעל צוליב וועלכען פילע דעמאַגאָגען האָבען געפונען די מעגליכקייט צו שפּילען די ראָלע — וועלכע זיי האָבען זיך אַליין גענומען — אלס די באַפרייער פון די אָפּרייטאָרס, איז אַרונטער פון דער בימה. די אָפּרייטאָרס' כחות זיינען פאַראייניגט. די גע־גענזייטיגע פאַרשטענדיגונג האָט געזיגט איבער דעם מי־טעל פון צוואַנג.

צווישען דער לעצטער קאָנווענשאָן און דער איצטי־גער איז דער דזשאָינט באָארד, מיט אירע לאָקאַלען, אויסגעקומען צו באַנייען די אַגרימענטס מיט אונזערע פילפאַכע אַסאָסיאיישאָנס אין דעם טרייד. דאָס איז גע־ווען אין דעם יאָר 1935, אַ יאָר נאָך דער לעצטער קאָנ־ווענשאָן, ווען אונזערע דאַמאָלסדיגע אַגרימענטס זיינען אויסגעגאַנגען. נאָך מיט מאָנאַטען צוריק, פאַר דעם אויס־געהן פון די אַגרימענטס, איז די לופט געווען פול מיט פאַרשיידענע קלאַנגען, אַז די מאַנופעקטשורערס פאַרבע־רייטען זיך פאַר אַ קאַמף, און וועלען ניט באַנייען די אַגרימענטס, סיידען די יוניאָן וועט זיך אָפּזאָגען פון די קאַרדינאַלע געווינסען אין די אַגרימענטס, וועלכע זי האָט געצוואונגען די באַלעבאַטים נאָכצוגעבען אין 1933. אויב די קלאַנגען זיינען בלויז טיילוויז געווען בארעכטיגט וואָס אנבאַלאַנגט דעם אינדאַסטריעל קאָונסיל, זיינען זיי אָבער אין גאַנצען געווען באַרעכטיגט וואָס אנבאַלאַנגט די דזשאָ־בערס. דער טייל פּראָדוצירער האָט פון דער ערשטער מינוט אָן ניט געהאַט קיין גרויסע ליבשאַפט פאַר „לימי־טיישאָן אָף קאָנטראַקטאָרס" און זיי זיינען קיינמאָל ניט געווען באַגייסטערט פאַר דעם פונקט אין דעם אַגרימענט, אַז זיי דאַרפען זיין פאַראַנטוואָרטליך פאַר די פּרייזען פאַר די גאַרמענטס וואָס זיי מאַכען אויף אין זייערע קאָנ־טראַקטינג שעפּער. זייער געגנערשאַפט צו די פּונקטען אין דעם אַגרימענט איז אַ נאַטירליכע פון דעם שטאַנד־פּונקט פון זייערע פּערזענליכע אינטערעסען. מענשען, וועלכע האָבען אַלע זייערע יאָרען, זייט דער דזשאָבינג סיסטעם האָט זיך אָנגעפאַנגען, פּראָדוצירט קלאָוקס ווי זיי אַליין האָבען געוואָלט, און געצאָלט פּרייזען פאַר אַר־בייט ווי עס האָט זיך זיי בעסער געלוינט, האָבען נאַ־טירליך געוואָלט בלייבען ביי דעם אַלטען סיסטעם.

וואָס איז געווען דער אַלטער סיסטעם? די אַר־בייטס־פּרייזען פאַר דעם גאַרמענט זיינען אָפּגעמאַכט גע־וואָרען אין אַ ווינקעל צווישען דעם דזשאָבער און דעם קאָנטראַקטאָר, ווערענד די קלאָוקמאַכער, אַז וועמען דער גאַרמענט קען ניט געמאַכט ווערען, האָט ניט געהאַט קיין דעה אין באַשטימען דעם פּרייז. דער איצטיגער אַגרי־מענט האָט דעם אַלטען און אומפאַראַנטוואָרטליכען סי־סטעם אין גאַנצען אָפּגעשאַפט. דער פּרייז פון דעם גאַר־מענט ווערט היינט באַשטימט צווישען דעם דזשאָבער און דעם קלאָוקמאַכער. דער קאָנטראַקטאָר היינט צו טאָג איז, אויב מען וויל זאָגען, אַ פאַרטרעטער פון דעם דזשאָ־בער, וואָס אנבאַלאַנגט אַרויסצוברענגען זיינע גאַרמענטס אין צייט. אָבער וואָס איז שייך די פּרייזען פאַר דער אַרבייט האָט דער קאָנטראַקטאָר אין דעם קיין שום דעה. ער דאַרף בלויז צאָלען די קלאָוקמאַכער דעם פּרייז וועל־כער איז געסעטעלט געוואָרען מיט'ן דזשאָבער. ווען דער קאָנטראַקטאָר צאָלט ניט די קלאָוקמאַכער דעם גע־סעטעלטען פּרייז דאַרפען די אַרבייטער בלויז לאָזען ווי־סען דער יוניאָן וועגען דעם און די יוניאָן צווינגט גלייך דעם באַטרעפענדען דזשאָבער צו צאָלען די אַרבייטער דעם פּרייז ווי עס איז געסעטעלט געוואָרען. דערצו נאָך מאָנט די יוניאָן אויף פון אים דעם אונטערשייד אין דעם פּרייז פאַר דער געמאַכטער אַרבייט. אַ דאַנק אָט־דעם פּונקט אין דעם אַגרימענט, זיינען טויזענטער און טויזענ־דער דאָלאַרס קאָלעקטעט געוואָרען פון די דזשאָבערס פאַר די מעמבערס.

ווען דער דזשאָבער האָט אַרויסגעצייגט, און צייגט נאָך היינט אַרויס געגנערשאַפט צו דעם פּונקט אין דעם אַגרימענט, איז דאָס דערפאַר וואָס זיינע פּראָפיט אינטע־רעסען לײדען דערפון.

אויף דער לעצטער קאָנווענשאָן פון 1934, האָט קיי־נער ניט געקאָנט פאָראויסזעהן וואָס עס וועט ווערען מיט דער נ. ר. א. דער דאַמאָלסדיגער קאָוד אין דער קלאָוק אינדוסטריע, איז געווען דאָס געזעץ פון דעם לאַנד, פאַר וועלכען די מאַנופעקטשורערס האָבען מורא געהאַט, און זיי האָבען ניט געוואַגט צו פאַרלעצען די 35־שטונדיגע אַרבייטס וואָך. אין 1935 איז אָבער די נ. ר. א. ער־קלערט געוואָרען ניט־קאָנסטיטוציאָנעל, און מיט דער ענטשיידונג האָט דער יונייטעד סטייטס סופּרים קאָורט אַריינגעוואָרפען אין אַן אומרוהיגען און אומזיכערען צו־שטאַנד די גאַנצע טרייד־יוניאָן באַוועגונג פון לאַנד. אונ־זער דזשאָינט באָארד מיט אירע לאָקאַלען האָבען ניט פאַרלוירען קיין איין מינוט צייט און האָבען באַלד אויס־געאַרבייט אַ פּלאַן ווי אַזוי די קלאָוקמאַכער זאָלען אויפ־האַלטען די אַרבייטס־שטונדען וואָס דער אָפּגעשאַפטער קאָוד האָט זיי גאַראַנטירט.

פאַר אונזער יוניאָן איז ענטשטאַנען ניט בלויז די פּראַגע פון אויפהאַלטען די 35־שטונדיגע אַרבייטס־וואָך, נאָר עס איז פאַר אונז אויך ענטשטאַנען דאָס גאַנצע רעקאָווערי געזעץ, וואָס האָט אין זיך געהאַט דעם כח צו ווירקען אויף יענע יחידים וועלכע האָבען אימער געהאַט די נייגונג צו פּראַקטיצירען אומערליכע קאָנקורענץ. אַ יוניאָן, אויסער דעם וואָס זי דאַרף זיך זאָרגען פאַר אירע מעמבערס, אַז זיי זאָלען קריגען זייערע אויסגעקעמפטע באַדינגונגען, דורך פרידליכע אָדער אַנדערע מיטלען, מוז זיך אויך זאָרגען אַז דער טרייד זאָל זיך געפינען אין אַ געזונטען צושטאַנד. עס איז אמת, אַז פון אַ געזונטען טרייד פּראָפיטירען די באַלעבאַטים מער ווי די אַרביי־טער. דאָך, גלויבען מיר, אַז ווען דער טרייד איז אין אַ געזונטען צושטאַנד האָבען די אַרבייטער בעסערע מעגליכקייטען אָנצוהאַלטען זייערע געוואונענע סטאַנ־דאַרדס און באַדינגונגען, ווי ווען זייער טרייד געפינט זיך אין אַ קראַנקהאַפטען צושטאַנד. זיכער איז עס געווען די באַוועגענדע קראַפט פון דער יוניאָן, מיט ברודער נאַגלער אין דער שפּיץ, וועלכע האָט באַוואויגען די בע־סערע עלעמענטען צווישען די מאַנופעקטשורערס אין דעם

אויפ׳ן דרעסמאכער פראנט

פון נ. מ. מינקאף

מיט וואס קומען די ניו יארקער דרעס־מאכער צו דער אינטערנעשאנעל קאנווענשאן?

איידער מיר פארענטפערן די פראגע איז כדאי צו כאפן א בליק אויף אונזער ארגאניזאציע ווי זי האט אויסגעזעהן ביי דער לעצטער קאנ־ווענשאן. די 4 ניו־יארקער דרעס לאקאלען זיינען געקומען צו דער שיקאגאער קאנווענשאן מיט א גרוי־סער מיטגלידערשאפט, א פארצווייגטע ארגאניזאציע, א רייכע קאסע מיט א סך באגייסטערונג און ענשלאסענהייט. דאך האט מען זיך צו אונז באצויגען גאנץ סקעפטיש, ערטערווייז אפילו אביסעלע ציניש. און גענומען האט זיך עס פון דעם וואס מען האט די דרעסמאכער אלע מאל באטראכט אלס ניט קיין סטאבילירענדען עלעמענט. „זיי זיינען גוטע סטרייקער, אבער זיי פארגעסען באלד אן דער יוניאן", פלעגט מען אונז אויפווארפען. אנדערע פלעגען נאך געהן אביסעלע ווייטער און זאגען, אז „זיי קענען בלויז מאכען רעוואלוציעס, אבער ניט אנהאלטען אן ארגאניזאציע". דאס איז ניט דער פלאץ און ניט די צייט אפצושטעלען זיך אויף דעם, אויב די דרעסמאכער האבען יא אדער ניט פארדינט אזוינע קאמפלימענטען. דאס לאזען מיר איבער פאר דעם צו־קונפטיגען היסטאריקער.

א יאהר נאך דער שיקאגאער קאנווענשאן איז די „ען אר איי" אדער דער „בלויער פויגעל" ווי מען האט עס גערופען אפגעשאפט געווארען. „וואס וועט איצט זיין מיט די דרעסמאכער, די ען אר איי בייביס?" האבען אונזערע פריינט און קריטיקער געפרעגט. אצינד זיינען מיר גרייט צו געבען דעם ענטפער: 4 יאהר נאך דעם גרויסען גענעראל סטרייק, 2 יאהר נאך דער פארניכטונג פון דעם „ען אר איי". קומט די גרויסע דרעסמאכער דזשאינט באורד צו דער 23טער אינטערנעשאנאל קאנ־ווענשאן שטארקער, מעכטיגער, רייכער אין צאהל מיט־גלידער, רייכער מאטעריעל און וואס איז מעהר וויכטיגער פון אלץ, זי האט לעצטען יאהר, אהן א סטרייק אויסגע־קעמפט אן אגרימענט מיט די בעל הבתים וועלכער ווערט היינט און וועלכער וועט נאך פאר פילע יאהרען בא־טראכט ווערען אלס דער גרעסטער געווינס אין דער גע־שיכטע פון ארבייטער קעמפע.

די 4 דרעס לאקאלען קומען צו דער קאנווענשאן מיט 80,000 מיטגלידער. דאס איז אן ארמיי פון דיוס־צאהלענדע, דיסציפלינירטע, קעמפערישע סאלדאטען, בא־שטעהענד פון 35 נאציאנאליטעטען. אין לאקאל 22 אליין, געפינען זיך 32 באזונדערע נאציאנאליטעטען. ניט אומזיסט האט פרעזידענט דובינסקי ביים אינסטאלירען די נייע אדמיניסטראציע פון לאקאל 22 לעצטען מאנטאג, געזאגט, אז דאס איז „אונזער אייגענע ליעג אוו ניישאנס".

קרוב צו 75 פראצענט — אדער 60 טויזענט — פון דער מיטגלידערשאפט זיינען פרויען. די יוניאן קאנ־טראלירט אן אינדוסטריע וועמעס יעהרליכע פראדוקציע באטרעפט איבער 400 מיליאן דאלאר און ווערט פאר־רעכענט אלס די גרעסטע אינדוסטריע אין שטאט ניו־יארק. די מיטגלידער ארבייטען אין 3000 שעפער וועלכע ווערען קאנטראלירט פון א סטעף ביזנעס אגענטען און פרייז אדזשאסטערס — אין צאהל, אויסער וואסערע 200 אפיס אנגעשטעלטע. דער קאפיטאל פון די 4 לאקאלען צוזאמען מיט דער דזשאינט באארד באטרעפט איבער א מיליאן מיט א האלב דאלאר.

וואס זיינען די באדינגונגען וועלכע די יוניאן האט לעצטען יאהר אויסגעקעמפט? צו אלעם ערשטען איז דורך דעם אגרימענט געלונגען אפצושאפען די שרעקליכע קאנקורענץ וועלכע האט געהערשט צווישען איין שאפ און אן אנדערען. פרייזען ווערען געסעטעלט מיט׳ן דזשאבער און די געסעטעלטע פרייזען גילטען פאר אלע קאנטראק־טאר שעפער וועלכע ארבייטען פאר׳ן באטרעפענדען דזשאבער. עס מאכט ניט אויס וואס איין שאפ געפינט זיך אויף דער 35טער גאס אין ניו יארק און דער אנדערער אין ברוקלין אדער ניו דזשוירזי, אדער קאנעטיקוט סטייטס. די פרייזען פאר דעם געסעטעלטען בגד זיינען דיזעלבע איבעראל. ווען דער לעצטער אגרימענט וואלט אונז גאר ניט געגעבען אויסער דעם איינציגען פונקט, וואלט עס אויך באטראכט געווארען אלס דער סאמע גרעסטער אויפטו אין דער לאנג יאהריגער און רייכער געשיכטע פון אונזער יוניאן.

דער צווייטער וויכטיגער פונקט, איז „לימיטיישאן אף קאנטראקטארס", וועלכער האט אפגעשאפט די רעכט פון דזשאבער ארומצופעדלען מיט זיינע באנדעלס וואו זיין הארץ אדער קעשענע האט געגלוסט. יעדער דזשא־בער אדער מאנופעקטשורער האט א באשטימטע צאהל קאנטראקטארס און ער קען ניט אנשטעלען קיין נייע, סיידען די יוניאן איז מסכים אויף דעם. א דאנק דעם פונקט זיינען איצט דא אין טרייד 400 קאנטראקטארס ווייניגער. אינסייד שעפער ווערען פארגרעסערט. די טרייד ווערט אויף אזא אופן צוביסלאך סטאביליזירט, און אז אונזער טרייד נויטיגט זיך אין ארדענונג איז אהן צוויפעל.

נאך א וויכטיגער פונקט איז די פאראנטווארטליכ־קייט פון די דזשאבערס פאר די מינימום סקיילס. א דאנק דעם וואס די גרעסטע מעהרהייט פון אונזערע מיטגלידער ארבייטען פון שטיק, וואס דער מקח פאר יעדען בגד מוז נאך אלץ אויסגערעכענט ווערען אין פאראויס, זיינען די ארבייטער פארזיכערט מיט א געוויסען מינימום. גוט גע־

באגריסונג צו דער 23טער 2־יעהרליכער קאנווענשאן פון א. ל. ג. וו. י.

פון מ. י. אשביז.

אונזערע פיהרער קומען ווידער צו א קאנווענשאן, זיך צוזאמענריידען וועגען די ווייטערע פלענער און ארבייט פאר דעם וואוילזיין פון אונזערע מיטגלידער. עס איז א גרויסער חילוק פון פאר 3 יאהרען ביז איצט. דעמאלט איז עס געווען נאך 10 מאנאטען „נ. ר. א.". די שמחה, די באגייסטערונג פון דעם פענאמאלען דערפאלג פון אונזער אינטערנעשאנאל איז געווען דורכגעדרונגען מיט דעם געפיהל פון אפטי־מיזם, — אז די „נ. ר. א." איז געקומען צו פארבלייבען מיט אונז א גאנץ לאנגע צייט. מיר זיינען געווען זיכער, אז מיט דער הילף פון דער „נ. ר. א." קען קיין זאך אונזער ווייטערען פראגרעס און דערפאלג ניט אפשטעלען.

וואלט אימיצער דאמאלט פרובירט אריינווארפען דעם ווארעם פון צוויפעל: אונז זאגען, אז די מאנאטען פון דער „נ. ר. א." זיינען געצעהלטע, וואלט עס אין א גרויסער מאס דעמאלט צושטערט אונזער שמחה. מיר וואלטען זיך אנגעפאנגען, אין הארצען, שרעקען: ווער וויסט וואס פון דעם ריזיגען בנין, וועט ווערען, אויב מיר זאלען דארפען איהם אויפהאלטען נאר מיט די איגענע כוחות.

האבען מיר דורכגעמאכט נאך 3 יאהר אין דעם לע־בען און קאמף פון אונזער אינטערנעשאנאל. דאס זיינען געווען זעהר דראמאטישע יאהרען. מיר האבען אין זיי דורכגעמאכט אונזער טעסט. די „נ. ר. א." איז דער־קלערט געווארען ניט קאנסטיטוציאנעל. פאר א מאמענט האבען א סך פון אונז זיך געשראקען פאר אונזער צו־קונפט. אבער די כוחות, וואס יענע אויפלעבונג האט ארויסגערופען, זיינען געווען צו ריזיג, זייער אפענסיווע צו מעכטיג, אז אירגענד וועלכע שטערונג זאל זיי קענען צוריקשטויסען! די ארגאניזירטע לאקאלס פון אונזער אינטערנעשאנאל, אלטע און נייע, אהן אויסנאם, האבען דעמאנסטראטיוו באוויזען, אז זיי זיינען געקומען צו פאר־בלייבען, אז צוריק צו די אמאליגע באדינגונגען, וועלען זיי שוין ניט געהן. עס געפעלט זיי זעהר צו זיין א טייל פון דער גרויסער, קעמפענדיגער משפחה וואס רופט זיך: אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן, און קיין מאכט וועט זיי מעהר פון אונז ניט אוועקנעמען.

מיר קומען צו דער האי־יאהריגער קאנווענשאן שטארקער, מעכטיגער און אינערליך מעהר פאראייניגט ווי ווען עס איז אין אונזער היסטאריע. מיר האבען דאס אלעס באוויזען איינצוהאלטען און דורכפירען מיט אייגע־נע, ארבייטער כוחות, מיט דער קראפט פון אונזער ארגא־ניזאציע. דערמיט מעגען מיר זיך פיהלען פיל מעהר שטאלץ, ווי פאר 3 יאהרען און אונזער שמחה וואלט גע־מעגט זיין א גרעסערע, הגם נאמינעל פייערען מיר האי־יאהר ניט קיין יובילעי.

קען אבער אלצדינג גוט קיינמאל ניט זיין. עס מערקט זיך אין די ספערען א גרויסער וואלקען וועלכער איז אן אנזאג אויף א נאענטען שטורעם. אין די אלגע־מיינע רייהען, אויסערהאלב אונזער אינטערנעשאנאל, קומט פאר א קאמף וועלכער דראהעט מיט א ברוך אין די רייהען פון די ארגאניזירטע אמעריקאנער ארבייטער. דער מעג־ליכער ברוך איז אויך דער רעזולטאט פון דעם גרויסען דראנג פאר ארגאניזאציע, וואס איז געקומען צום אויס־דרוק א דאנק די געענדערטע סיטואציע און וואס האט געפירט צו די עטאבלירונג פון די „סי. אי. א.". דער גרויסער דערפאלג וואס איז דערגרייכט געווארען ביי די אויטאמאביל ארבייטער, ביי די שטאל ארבייטער און אין א צאהל אנדערע וויכטיגע אינדוסטריען, באווייזט, אז די שטעלונג פון די פירערשאפט פון אונזער אינטערנעשאנאל איז געווען א ריכטיגע. א יוניאן פון אזא פארנעם ווי אונזערע, האט ניט געקענט בלייבען נייטראל צו אזא מעכטיגע באוועגונג. מיר האבען געמוזט זיי אונטערשטי־צען און העלפען, זאנסט וואלטען מיר זיך פיליכט גע־דארפט שעמען פאר זיך אליין.

אין דער זעלבער צייט אבער, טוט מיר פארט וועה דאס הארץ, ווען איך זעה, אז גראדע אין אזא וויכטיגען מאמענט, ווען די אמעריקאנער ארבייטער זיינען אויפ׳ן וועג צו ווערען ארגאניזירט אין מיליאנען, און מיר וועלען מעהר זיך ניט דארפען שעמען און זיך פאר־ענטפערען: הלמאי ביי אונז אין אמעריקע זיינען פון איבער 35 מיליאן פאטענציעלע יוניאן־לייט, בלויז ארגא־ניזירט ארום פינף־מיליאן. אין אזא צייט, זאג איך, איז עס א גרויסער וועהטאג, ווען מיר זעהען פאר זיך די מעגליכ־קייט פון א ברודער־קריג, וואס קען מעגליך צושטערען די גאלדענע געלעגענהייט וואס מיר האבען איצט צו ארגא־ניזירען די מיליאנען ביז איצט אומארגאניזירטע.

ניט זייענדיג אליין קיין דעלעגאט, וויל איך בלויז געבען מיין ברכה און אויסדריקען מיין הארציגען וואונש, אז אונזער קאנווענשאן, אונזערע פירער מיט א וועלט־נאמען, זאלען טרייען געפינען וועגען און מיטלען, וועלכע זאלען מעגליך מאכען אן אויסוועג פאר שלום און א פאר־זיכערונג, אז דער מעכטיגער קאמפיין צו ארגאניזירען די אמעריקאנער מאסען־אינדוסטריען, זאל אין דעם אזוי גינסטיגען מאמענט ניט געשטערט ווערען. דאס וואלט געווען ווירקליך דער גרעסטער, היסטארישער אויפטוה פון א קאנווענשאן, אזא ווי אונזערע.

מיר האבען די לעצטע יאהרען דורכגעמאכט סיטוא־ציעס, וואס מ׳קען זיי נאר באטראכטען אלס ניסים. לאמיר האפען, אז אויך אין דעם פרט וועט מעגליך ווערען א נס, און אז אין דער פארווירקליכונג דערפון, וועט אונזער אינטערנעשאנאל האבען א גרויסען חלק, און העלפען שרייבען א שעהנע בלעטעל היסטאריע אין דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג.

אין דעם גייסט באגריס איך אלע דעלעגאטען און פירער צו דער האי־יאהריגער קאנווענשאן און ווינש איך אלעמען גרויסען דערפאלג.

קיין איין שריט; אונזער יוריסדיקציע מוז אנער־קענט ווערן.

די היי־יאהריגע קאנווענשאן וועט זיין א פריד־ליכע. דער הויפט געוויכט וועט ניט זיין אויף אישוס און שטרייטיגקייטען. עס וועט זיין א געלעגענהייט צו פארשטארקערן די פריינדשאפט; א געלעגענהייט פאר די שוועסטער און ברידער פון א ברייטצווארפע־נער ארגאניזאציע צו באגעגענען זיך און צו פארנעהענ־טערן זייער באקאנטשאפט. די אינטערנעשאנאל וועט זיך פארזאמלען אין 1937 צו פייערן איר רייכן און גרויסן פראגרעס.

„קלאָוקס פאַר די קלאָוקמאַכער!" — לאָזונג פון די פרעסערס

פון דזשאָזעף ברעסלאַו
מענעדזשער לאָקאַל 35

פסח איז שוין אַוועק און דער סע־זאָן איז פאַראיבער. כאָטש אַ צאָל פרעסערס שטעהען נאָך ביי דעם פרעס־אייזען, דאָך איז שוין ביי די גרויסע מאַסען פרעסערס נאָך דעם יאָריד. מען קען באַטראַכטען דעם סעזאָן אַלס אַ מיטעלמעסיגען. עס איז אמת, אַז ער האָט זיך אָנגעפאַנגען לאַנגזאַם, אָבער ווי עס טרעפט אָפט, האָט ער זיך מיט דער צייט גאַנץ פיין פאַרבעסערט. לויט אָפיציעלע באַריכטען, האָבען אונזערע פרעסערס אין דורכשניט אויסגעמאַכט זייערע געוויינליכע פאַרדינסטען.

געוויס האָבען מיר געהאַט שוועריגקייטען אין אָנ־פאַנג סעזאָן, אָבער די לאַגע האָט זיך שנעל איינגע־אָרדענט. אונזער סיסטעם פון סעטלען פרייזען האָט גוט געאַרבעט, און אונזער קאָנטראָל איז געווען אויס־געצייכענט.

די יוניאָן איז ענטשלאָסען ניט צו דערלאָזען קיינע רעדוצירונג פון פרייזען אין פאַרלויף פון דעם סלעק סעזאָן. דאַרום פאָדערען מיר אויף אַלע אונזערע פרע־סערס אַז זיי זאָלען זיין זעהר פאָרזיכטיג און אויפ־פאַסען אויף די פרייזען און באַריכטען צו דער יוניאָן יעדען פאַרזוך צו רעדוצירען די זעלבע. מען טאָר בשום אופן ניט אַרונטערלאָזען פון די פרייזען און מיר מוזען אויפהאַלטען דיזעלבע סטענדאַרדס און דעם זעלבען מאָ־ראַל אין דעם סלעק אַזוי גוט ווי אין דעם ביזי סעזאָן.

עם אינטערעס אין דער ערשטער מאַי פייערונג פון דער אינטערנעשאָנאַל אין רענדעל'ס איילאַנד קאָן מען מערקען אויף טריט און שריט. יעדען טאָג און איבעראַל זעהען מיר דעם ענטוזיאַזם פאַר אונזער גרוי־סען יום טוב — ניט נור ביי די פרעסערס פון לאָקאַל 35, נאָר אויך ביי אונזערע ברידער און שוועסטער פון די אַנדערע פאַכען.

איינע פון די טראַדיציעס פון די קלאָוק פרעסערס אין די פאַרגאַנגענע יאָרען איז געווען צו אַראַנזשירען זייערע אייגענע ערשטע מאַי פייערונגען, אין וועלכע עס האָבען זיך באַטייליגט די באַרימסטע קינסטלער און רעדנער. דעם יאָר אָבער שליסען מיר זיך אָן מיט אַלע אַנדערע צוויגען פון אונזער אינטערנעשאָנאַל. עס ווערט אויפגעפירט ווערען אַ וואונדערבאַרער „פעד־זשענט" — אַ ספעקטאַקעל וואָס וועט פאַרשטעלען די קראַפט, מאַכט און ענטוזיאַזם פון אונזערע אַרבעטער.

די צאָל טיקעטס פאַר דער ריזיגער אונטערנע־מונג, וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרען פאַר אונזער לאָקאַל, ווערען אויסגעכאַפּט. איך וואָלט, דאַרום, גע־ראַטען די פרעסערס וועלכע האָבען נאָך ניט געקראָגען קיין טיקעטס זיך גלייך צו מעלדען אין אונזער אָפיס.

די טעטיגקייטען פון דעם עדיוקיישאָנעל און רע־קריאיישאָנעל דעפאַרטמענט פון לאָקאַל 35 האָט אַרויס־גערופען גרויס אינטערעס אין פאַרלויף פון דעם ווינ־טער. די קלאַב־רומס און די „סאָשעלס", וואָס מיר האָבען אָפגעהאַלטען יעדען שבת פאַר אונזערע מעמבערס זיינען געווען אויסערגעוויינליך ערפאָלגרייך. דעם אמת געזאָגט, מוז איך צוגעבען, אַז מיר זיינען געווען אַביסעל סקעפּטיש אין אָנפאַנג וועגען די דאָזיגע אונטערנעמונ־גען צוליב דעם, וואָס זיי זיינען נאָך ניט אויסגעפּרובירט געוואָרען פון קיין לאָקאַל און עס איז געווען ניט מער ווי אַן עקספּערימענט. מיר האָבען זיך אָבער שנעל איבערצייגט, אַז די מוזיקאַלישע אונטערנעמונגען און די אינטימיטעט פון דעם קלאַב־רום האָבען געהאַט אַ גרויסע צוציהונגס קראַפט. עס איז געוואָרען אַ מין פאַרזאַמלונגס פּלאַץ — וואו די פרעסערס האָבען זיך פאַרזאַמעלט וועכענטליך און האָבען זיך באַגעגענט מיט אַלטע פריינד און איינגעשאַפען זיך נייע.

אונזערע אַלע אַנדערע מאַסען־אונטערנעמונגען האָ־בען אויך שטאַרק אויסגענומען ביי אונזערע מעמבערס. עס שטעהט נאָך פאַר אונז די בילד פון פרעסערס, יונג און אַלט, וועלכע, נאָך אַ טאָג אַרבעט, באַזוכען אונזער „דזשימנייזיום" און ווי זיי שטאָלצירען מיט דעם ענט־וויקלען פון זייערע מוסקולען און פיגורען. אויך אויף דעם געביט פון דראַמע האָבען אונזערע מעמבערס אַרויס־געוויזען גרויס אינטערעס, און ווען מיר האָבען אַראַנ־זשירט אַן אונטערנעמונג אין דעם אידישען קונסט טעאַטער, איז די גאַנצע הויז אויספאַרקויפט געוואָרען. אורטיילענדיג פון דעם פאַרגעניגען און צופרידענהייט, וועלכע אונזערע מעמבערס האָבען אויסגעדריקט, וועלען מיר דאַרפען אַראַנזשירען מער אַזעלכע אונטערנעמונגען.

וועגען דעם אַרויספאָר פון לאָקאַל 35 אין דער יוניטי הויז לעצטען זומער האָט דער גאַנצער מאַר־קעט גערעדט וואָכען און וואָכען לאַנג. און איצט, אַזוי ווי דער זומער קומט ווידער אָן ווענדען זיך צו אונז פילע פרעסערס, אַז מיר זאָלען אַראַנזשירען נאָך אַזאַ מאַסען אַרויספאָר. מיר רעקאָמענדירען דאַרום צו אַלע וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין אַזאַ אונטערנעמונג אַז זיי זאָלען זיך ווענדען מיט זייער פאַרלאַנג צום עדיו־קיישאָנאַל און רעקריאיישאָנאַל דעפאַרטמענט.. אויף דעם אופן וועלען מיר וויסען וויפיל פון אונזערע מעמבערס אינטערעסירען זיך צו האָבען נאָך אַזאַ אונטערנעמונג.

די לאָקאַלע וואַלען זיינען שוין אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט. זיי זיינען אָפגעהאַלטען געוואָרען לעצ־טען מאָנאַט און איך דאַרף דאָך אייך ניט זאָגען, אַז די בעסטע מענשען זיינען ערוויילט געוואָרען! מיר האָ־בען שוין, גאָט צו דאַנקען, אונזער סעט בעאַמטע: אונ־זער מענעדזשער, טשערמאַן, עקזעקוטיוו באָאַרד, אונ־זערע ביזנעס איידזשענטס, קאָנווענשאָן דעלעגאַטען און רעליעף קאָמיטע, פאַר די קומענדע צוויי יאָר. אַצינד דאַרפען מיר אָנווענדען אונזער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף די פּראָבלעמען פון דער יוניאָן.

עס פרעהט מיך וואָס דורך דער צייט פון מיין אַבוועזענהייט אין פאַלעסטינע, אין דער צייט ווען עס איז ביי אונז דאָ אָנגעגאַנגען דער קאַמף און פּאָליטיקס האָבען געשפּילט די ערשטע ראָלע, האָבען אונזערע אָפּאָ־זיציעס און קאָמבינאַציעס ניט אָנגערירט לאָקאַל 35. דאָס מיינט ניט, נאַטירליך, אַז מיר האָבען ניט געהאַט קיינע געגנער און אַז קיינער איז ניט דורכגעפאַלען. עס זיינען געווען געגנערישע קאַנדידאַטען, אָבער אונזער לאָקאַל איז ניט געשטערט געוואָרען פון קיין שווערער און אינטענסיווער אָפּאָזיציע.

ניט אַכטענדיג אויף דעם פרידליכען צושטאַנד אין אונזער לאָקאַל, האָט אונזער מעמבערשיפ אַרויסגעוויזען אַ באַפרידיגענדען אינטערעס אין די וואַלען. אונזער אָפּשטימונגס פּלאַץ איז געווען פאַרפלייצט מיט שטראָ־מען פון נייגעריגע פרעסערס מיט דעם רעזולטאַט, אַז עס זיינען אָפּגעגעבען געוואָרען העכער ווי 2700 שטימען, וועלכע שטעלט פאַר מיט זיך אַ גרויסען פּראָצענט פון אונזער מיטגלידערשאַפט.

אונזער פרידליכע און מוסטערהאַפטע וואַל, איז נאָכגעפאָלגט געוואָרען מיט אַ זעהר אינספּירירענדע אינסטאַליישאָן. פּרעזידענט דוד דובינסקי האָט אונז גע־טאָן דעם כבוד פון אינסטאַלירען אונזען נייע אַדמי־ניסטראַציע. מיר האָבען אויך געהאַט דעם כבוד באַ־גריסט צו ווערען פון אונזער גענעראַל מענעדזשער, ברו־דער נאַגלער, פון דעם ערשטען וויס־פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל, ברודער אַנטאָניני, און אַ צאָל אַנדערע וויס־פּרעזידענטען, ווי אויך לאָקאַל און דיסטריקט מע־נעדזשערס. זעהר אַ רייכער מוזיקאַלישער פּראָגראַם איז דורכגעפירט געוואָרען און עס זיינען אויך סערווירט געוואָרען רעפרעשמענטס. איר דאַרפט ניט פרעגען ווי־פיל ביער און סענדוויטשעס מען האָט פאַרצעהרט. ווען מיר לאָזען דאָס איבער צו אונזערע מעמבערס, וואָלטען מיר געדאַרפט האָבען אַן אינסטאַליישאָן יעדע וואָך. מיר האָבען אָבער מורא, אַז זיי וועלען דאַרפען וואַרטען צוויי יאָר פאַר דער קומענדער אינסטאַליישאָן.

די קלאָוקמאַכער דערנעהענטערען זיך צו דעם אויס־גאַנג פון זייער אַגרימענט מיט די באַלעבאַטים. אונזער לאָקאַל האָט באַשטימט אַ קאָמיטע צו באַראַטען זיך וועגען אונזערע פאָדערונגען. מיר האָבען אונזערע פאָדערונ־גען נאָך ניט אויסגעאַרבעט, מיר האַלטען זיי אָבער אין באַטראַכטען. איין זאַך איז זיכער — אַז מיר געהען פאָדערונג אַ העכערונג אין די שכירות אום צו קאָנען באַגעגענען דעם פאַרגרעסערטען לעבענס קאָסט. עס איז אויך זיכער, אַז מיר וועלען מוזען אָנפירען אַ גרויסען קאַמף פאַר אַ 30־שטונדיגער אַרבעטס וואָך.

לאָקאַל 35 וועט אויך אַרויסשטעלען צוויי אַנדערע וויכטיגע פאָדערונגען. ערשטענס וועלען מיר באַשטעהן, אַז יעדער מאַנופעקטשורער וואָס שרייבט אונטער אַן אַגרימענט מיט דער יוניאָן אין ניו יאָרק, זאָל פּראָדו־צירען זיין אַרבעט אין ניו יאָרק און ניט אַנדערשוואו. עס מוז אָפּגעשאַפט ווערען די אַרויספירונג פון דער פּראָדוקציע פון ניו יאָרק און דער מופּעניש פון ניו יאָרק!

צווייטענס, מוז אונזער לאָזונג זיין — „קלאָוקס פאַר די קלאָוקמאַכער!" די אָווערלעפינג פּראָבלעם מוז איינ־מאָל פאַר אַלעמאָל געלייזט ווערען. אַלס די עלטסטע און סטאַביליזירטסטע און די גרעסטע קעמפענדע אָרגאַני־זאַציע פון אונזער אינטערנעשאָנאַל, זיינען די קלאָוקמאַ־כער — און ספּעציעל מיר פון לאָקאַל 35 — ענטשלאָ־סען ניט צו ערלויבען מער די מאַנופעקטשורערס אַרויס־צושיקען זייער אַרבעט אין אַנדערע פּלעצער אָדער ער־לויבען אַנדערע צו אונטערגראָבען אונזערע סטענדאַרדס אָדער אַוועקנעמען פון אונז די גאַרמענטס און פּראָדוקציע, וועלכע איז אונזערע.

לאָקאַל 35 שיקט אַן אויסגעצייכענטע דעלעגאַציע צו דער קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנאַל, וועלכע פאַנגט זיך אָן דעם 3טען מאַי. אונזער הויפּט אַבזיכט דעם יאָר איז צו באַאיינפלוסען די אינטערנעשאָנאַל צו נעמען די איניציאַטיווע אין אַ צאָל וויכטיגע ענינים: —

ערשטענס, מיר ווילען פרידען אין דער אַרבעטער באַוועגונג. עס מאַכט ניט אויס וואָס אונזער מיינונג איז געווען און וואָס עס איז איצט אין דער פראַגע. און עס איז אויך איצט ניט די צייט צו אַריינגריבלען זיך אין ווער עס איז גערעכט און ווער עס איז אומגערעכט אין דעם סכסוך צווישען דער אַמעריקען פעדעריישאָן אָף לייבאָר און דער „סי. אי. אָ". דער מאַרש פאָראויס פון די אַרבעטער איז צו וויכטיג צו ווערען אָפּגעהאַלטען צוליב קליינליכע פראַגען ווער עס האָט דערלאַנגט דעם ערשטען קלאַפּ, אָדער פאַראורזאַכט דעם ערשטען ברוך. ספּעציעל אַצינד, ווען דער וואַגנער אַקט איז ערקלערט געוואָרען אַלס קאָנסטיטוציאָנעל, קענען מיר פאָראויס־זעהן אַ שטאַרקע כוואַליע פון יוניאָניזם און יוניאָניזירונג איבער'ן גאַנצען לאַנד.

אין די אינטערעסען פון גאַנץ מאַכען די אַרבעטער באַוועגונג, מוז אונזער אינטערנעשאָנאַל פרעסען די פראַ־גע פון פרידען.

צווייטענס, די אינטערנעשאָנאַל מוז אַרויסטרעטען שטאַרק פאַר דער 30־שטונדען אַרבייטס־וואָך.

דריטענס, די צייט איז אַצינד רייף צו שאַפען אַ פאָנד פאַר פּענסיע פאַר עלטערע מיטגלידער פון דער אינטערנעשאָנאַל. אונזערע אַרבייטער, ספּעציעל די קלאָוקמאַכער און דרעסמאַכער, האָבען אַוועקגעגעבען זייער לעבען פאַר זייער אַרבעט און זייער יוניאָן. אַלס די פּראָגרעסיווסטע יוניאָן אין לאַנד, איז עס אונזער פליכט צו ברענגען אַ מאָס פון פאַרזיכערונג פאַר אונ־זערע מעמבערס.

מיר מוזען געבען פּערמאַנענטע אָנערקענונג צו די ביישטייערונגען פון אַרבעטער קלאַס. מיר מוזען קלאָר מאַכען, אויף אַ קאָנקרעטען אופן, אַז דער אַרבעטער ווע־מען די אינדוסטריע קען ניט מער אויסנוצען, איז באַ־רעכטיגט צו אַ פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט אויף דער עלטער; אַז ער איז באַרעכטיגט צו דער זעלבער אָנער־קענונג און פּרעסטיזש ווי אין די יאָרען ווען ער איז געווען אַקטיוו.

די אינטערנעשאָנאַל מוז ווייזען אַ ביישפּיל צו אירע שוועסטער יוניאָנס אין באַהאַנדלען אירע עלטערע מעמ־בערס, דורך שאַפען אַזאַ פאָנד.

פערטענס, די באַדינגונגען און די סטאַנדאַרדס און די אַגרימענטס פון די קלאָוקמאַכער מוזען געמאַכט ווע־רען איינהייטליך איבער'ן גאַנצען לאַנד. די אַגרימענטס מוזען אונטערגעשריבען ווערען, זיך אָנפאַנגען און ענ־דיגען אין איין און דערזעלבער צייט, אין יעדען מאַרקעט. זינט דער נ. ר. א. זיינען די קלאָוק מאַרקעטס, וועלכע ווערען קאָנטראָלירט פון אונזער אינטערנעשאָנאַל, פאַר־גרעסערט געוואָרען אין צאָל, איינשליסענדיג די סאַוט, וועסט און מידעל וועסט, אַזוי אַז אונזער אינדוסטרי האָט אָנגענומען אַ נאַציאָנאַלען כאַראַקטער. דאַרום איז עס דרינגענד, אַז די אַרבעטס באַדינגונגען אין די אַלע מאַרקעטס, איבער'ן גאַנצען לאַנד, זאָלען טראָגען דעם זעלבען נאַציאָנאַלען כאַראַקטער.

פינפטענס, די קאָנווענשאָן מוז שאַפען אָרדנונג אין אונזערע רייהען. איך האָב עס שוין איבען קלאָר גע־מאַכט, אַז „קלאָוקס מוזען געמאַכט ווערען פון קלאָוק מאַכער". אונזער רעכט אויף דער אַרבעט מוז רעספּעק־טירט ווערען. מיר קענען אין דעם פרט ניט אָפּטרעטען

יעדער מיטגליד ביישטייערן 1 שטונדע ארבעט פאר דעם נאבעלען צוועק.

„דער קאמף פון די אידישע מאסען", האט דזשוליוס האכמאן, דער גענעראל מענעדזשער פון דער דרעס דזשאינט באארד געזאגט, אין אן ערקלעהרונג צו דער פרעסע, „פאר זייער מענשליכע רעכט און דאס רעכט אויף עקזיסטענץ, איז דער קאמף פון יעדען ארבייטער, פון יעדען פארטגעשריטענעם מענשען. אונזערע דרעסמאכער וועלכע באטייליגען זיך אין יעדען קאמף אויף דעם זייט פון פראגרעס, געגען רעאקציע, וועלען זיכער טאן זייער פליכט."

דער טאג אין וועלכען די דרעסמאכער וועלען ארבייטען די שטונדע וועט אנאנסירט ווערען אין דער טעגליכער פרעסע.

חבר'שע הילף אנשטאט א לוסט-רייזע

לויט ווי מיר האבען געמאלדען אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט" האט א גרופע מיטגלידער פון דעם ביאליסטאקער פאטראנאט, מיט זייער סי. אי. א. מאסקע, געוואונען דעם ערשטען פרייז אויף דער יערליכער אונטערנעמונג פון לאקאל 22.

דער ביאליסטאקער פאטראנאט (הילפס אקציאנס געזעלשאפט פאר פאליטישע געפאנגענע אין פוילען) האט זיך געווענדעט צום לאקאל מיט א ביטע, אז די געלט וועלכע איז אסיגנירט געווארען פאר דעם ערשטען פרייז געווינער זאל איבערגעגעבען ווערען פאר די געוועהנליכע צוועקען פון זייער ארגאניזאציע. וואלטען די מענשען ניט געווען באהערשט פון א שעהנעם אידעאל, וואלט לכל הפחות איינער פון זיי געקענט פאהרען, אויף די קאסטען פון דער יוניאן, אין די סאוועטען און דארטען טאקע גאנץ גוט פארברייננגען. פון אזא פארשלאג האבען זיי אפילו ניט געוואלט הערען. ברודער דזשייקאב פאלטער, דער הויפט אנפירער פון זייער גרופע האט דעם שרייבער געזאגט דאס פאלגענדע: — „ווען איר וואלט געהאט צייט צו באקענען זיך מיט אונזער וויכטיגער ארבייט און זעהן ווי גרויס דער נויט און דאס לײדען זיינען פון אונזערע קאמעראדען אין פוילען, וואלט איהר געקענט אפשאצען ווי גרויס אונזער פרייד איז מיט דעם, וואס דורכ'ן געווינס וועלען מי ראצינד זיין אימשטאנד צו לינדערען די נויט פון די יעניגע וועלכע ווערען געפייניגט מצד דער אנטיסעמיטישער און האלב פאשיסטישער רעגירונג".

די עקזעקוטיווע פון לאקאל 22, האט איינשטימיג באוויליגט די סומע פון 500 דאלאר צו די פאטראנאטען. מיר ווינשען די קאלעגען פון דער דערמאנטער ארגאניזאציע ערפאלג אין זייער ארבייט. די מיטגלידער פון לאקאל 22 וועלען אהן צווייפעל ווארעם באגריסען די האנדלונג פון דער עקזעקוטיוו קאמיטע.

אויף צום ערשטען מאי!

מיר האבען דעם כבוד ווידער צו באגריסען די צענדליגע טויזענטער דרעסמאכער מיט דעם אנקומען פון דעם אינטערנאציאנאלען ארבייטער יום טוב — דער ערשטער מאי.

דער ערשטער מאי! דער טאג וואס פאראייניגט אונז פראלעטאריער פון דער גאנצער וועלט. דער ערשטער מאי! דער טאג אין וועלכען דער אינטערנאציאנאלער פראלעטאריאט באנייט זיין ענטשלאסענהייט צו באפרייען זיך און די גאנצע מענשהייט פון שקלאפעריי, עקספלאטאציע, פאשיזם און קריג.

מאי, 1937, געפינט אונז און דער אלגעמיינער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג אין א מעהר האפנונגס-פולער אטמאספערע. די גרויסע באוועגונג מצד די סי אי א. וועלכע האט באוויזען אין משך פון א קארגען יאהר צו ארגאניזירען אזוי פיל הונדערטער טויזענטער ארבייטער; די אלגעמיינע פארבעסערונגען אין די ארבייטער באדינגונגען, די ליבעראליזירונג פון די ארבייטער געזעצען מצד דעם העכסטען געריכט פון לאנד; דער אפענער ארויסטריט פון אונזערע פראגרעסיווע יוניאנס פאר אן אייגענער פאליטישער פארטיי; דער אחדות אין די רייען פון אונזערע אייגענע יוניאנס, דאס זיינען אונבאשטרייטבארע סמנים פון בעסערע צייטען, וועלכע מוזען ברייגען בעסערע און גרעסערע רעזולטאטען. דעריבער דארפען מיר פייערען דעם ערשטען מאי!

אויך אין איראפע הויבען זיך אן די הימלען אויסצולייטערן, דער בראווער קאמף וועלכע עס פירען אן אונזערע קאמעראדען אין שפאניען, שטעהט אצינד אין א פיל מעהר גינסטיגען צושטאנד; דער אונטערערדישער קאמף פון אונזערע גענאסען אין דייטשלאנד, עסטרייך און די אנדערע פאשיסטישע לענדער, געווינט פאר די ארבייטער גרעסערע הנחות פון זייערע רעגירער; דער זיג פון די דעמאקראטישע פארטייען אין בעלגיען, ענגלאנד און די סקאנדינאווישע לענדער מוז גענומען ווערען אלס א סימן, אז די ארבייטער וועלען מיט דער צייט איבערנעמען די רעגירונגס מאכט אין זייערע אייגענע הענט. דעריבער דארפען מיר פייערען דעם ערשטען מאי.

די מיטגלידער פון לאקאל 22 וועלען פייערען דעם ערשטען מאי פריער דורך א פאראד אין די גאסען און נאכהער וועלען זיי זיך אנשליסען אן דער פייערליכער דעמאנסטראציע פון אלע אנדערע לאקאלען פון אונזער גרויסער אינטערנעשאנאל אין רענדעלס איילאנד סטאדיום.

דרעסמאכער! שליסט זיך אן אין די רייען פון די מארשירער! קומט באצייטענס אין סטאדיום. געדענקט, אז וואס אימפאזאנטער אונזער דעמאנסטראציע אלץ גרעסער אונזער פרעסטיזש, אלץ מעכטיגער אונזער פראטעסט געגען אלע נידערטרעכטיגקייטען וועלכע ווערען געגען אונז און אונזער קלאס באגאנגען. זייט געגריסט, דרעסמאכער, מיט אונזער אלעמענס יום טוב!

מיר קענען ניט פארענדיגען אונזער ערשטער מאי באגריסונג און ניט גלייכצייטיג פארגיסען א טרער אויפ'ן פרישען קבר פון אונזער אלעמענס געשעצטען חבר, פאול דעמביצער. אויב אונזער ערשטער מאי אויפרוף פאראיארען איז געווען ווארימער און קרעפטיגער איז עס געווען צו פארדאנקען דעמביצער'ס איינפלוס. דעמביצער'ס אמת אויפריכטיגע באגייסטערונג; זיין טיף גלויבען אין דער ארבייטער זאך און זיין רעוואלוציאנערען אויפפאסונג אויף דעם גאנג פון אונזער באוועגונג; זיין חבר'ישע באציהונג און זיין פריינדליכע דערמוטיגונג האט אונז געמאכט פאר א שטענדיגען מיטארבייטער פון דער „גערעכטיגקייט".

זיין פריהצייטיגער טויט איז א גרויסער פארלוסט פאר אונזער יוניאן און דער גאנצער רעוואלוציאנערער ארבייטער באוועגונג.

נייעס פון לאס אנדזשעלאס

פון ה. רובינשטיין

אין דער צייט וואס אין אלע לאקאלען איבער'ן לאנד טומעלט זיך איצט מיט עלעקשאנס פאר בעאמטע און דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן, גיבען מיר זיך אפ מיט ארגאניזאציאנס ארבייט צווישען די קלאוק- און דרעס-מאכער. צוליעב געוויסע אורזאכען האבען מיר געהאט אונזערע עלעקשאנס אין יאנואר.

אבער ניט וועגען די עלעקשאנס האב איך זיך גענומען שרייבען. ווי געזאגט, זיינען מיר פארנומען מיט ארגאניזאציאנס-ארבייט. אין דער קלאוק אינדוסטריע הויבט זיך ביי אונז אן צו ענטוויקלען די „דזשאבער און קאנטראקטאר" מגפה. קאנטראקטינג שעפער עפענען זיך אין אלע טיילען פון שטאדט, אבער ניט אין אינדוסטריעלען צענטער, דא וואו אלע לעגיטימע יוניאן שעפער געפינען זיך. קענטיג, אז די נייע שעפער האבען מורא פאר דער עפענטליכקייט. און עס איז ניט קיין וואונדער. נאר דארטען, אין די בעהאלטענע, טונקעלע פלעצער קענען זיי כאטש אויף א ווילע פרובירען צו ריק-ברענגען די סוועט-שעפער מיט די שקלאפישע באדינגונגען און הונגער-וויידזשעס. צום באדויערען, געפינען זיך נאך איצט, אין 1937, ארבייטער וועלכע, צוליעב נויט און פארצווייפלונג, אדער אומוויסענהייט, גייען ארבייטען אין אזעלכע שעפער.

אט-די שעפער פרובירען מיר איצט ארגאניזירען. איך דארף אייך ניט זאגען, אז עס איז ניט קיין לייכטער דזשאב. ווייל דער עלעמענט, וואס ווערט באשעפטיגט אין די שעפער, אזוי גוט ווי די גארמענטס, וואס זיי פראדוצירען, איז פון ביליגסטען סארט. מענשען, וואס זיינען קיינמאל קיין קלאוקמאכער ניט געווען, ווערען אריינגענומען אין די זאגענאנטע שעפער און מען לערנט זיי צו מאכען קלאוקס. פארשטייט זיך, נאך דעם ווי זיי ארבייטען אפ עטליכע מאנאטען אין אזא שאפ, בלייבען זיי פונקט אזעלכע קלאוקמאכער ווי זיי זיינען געווען פריהער. ווייל דער באלעבאס, וועלכער איז געוויינלאך אליין יא א געוועזענער קלאוקמאכער, איז גאר ניט פאראינטערעסירט זיי ווירקליך צו לערנען די טרייד. אלץ וואס ער וויל, איז ארויסנוצען זיי, אזוי ווי ער ווערט אויסגענוצט פון דזשאבער. אבער ווי און וואס עס זאל ניט זיין, ביז מען געפינט זיי אויס, פראדוצירען זיי דערווילע קלאוקס און מיר זיינען ענטשלאסען אפצושטעלען די הפקרות און אומפאראנטווארטליכקייט פון די „אויך מיר מאנופעקטשורערס". ענטוועדער זיי וועלען פראדוצירען קלאוקס אונטער יוניאן-באדינגונגען, אדער מיר וועלען זיי אין גאנצען פארטרייבען פון טרייד.

פאר דעם צוועק האבען מיר לעצטענס ארגאניזירט א זעהר ווירקזאמע ארגאניזאציאנס קאמיטע, וועלכע האט זיך גענומען טיכטיג צו דער ארבייט און האט שוין געבראכט גוטע רעזולטאטען. צוויי פון די גרעסטע קאנטראקטינג שעפער זיינען שוין אונטער יוניאן קאנטראל. פארשטייט זיך, עס וועט נאך נעמען א היבש ביסעל צייט ביז מיר וועלען אפילו די צוויי שעפער קענען מיט א ריינעם געוויסען רופען יוניאן שעפער. פארשטייט זיך אויך, אז אונזער ציעל איז ניט אזוי אבצוסיינען מיט די קאנטראקטארלאך. וואס מיר באצוועקען, איז דורך דעם צו קומען צו אן אבמאך מיט די דזשאבערס און האלטען זיי פאראנטווארטליך פאר זייערע קאנטראקטארס.

* * *

דער אנהויב סעזאן איז ביי אונז ניט געווען אזוי גוט. אבער לעצטענס האט זיך עס פארבעסערט. און אין דער צייט ווען איך שרייב דיזע ציילען איז אין יוניאן אפיס שטיל און רוהיג. אלע ארבייטען. עס איז אזוי ביזי אז עס איז ניטא קיין צייט צו קומען מאכען קאמפליינטס. אז אלעס זאל זיין אזוי גוט או עס איז ניטא אויף וואס צו קאמפליינען, לאזט זיך עפעס ניט גלויבען. נעמען מיר דערפאר אן, אז זיי זיינען צו ביזי צו קאמפליינען. האלעוויי זאל די ביזי לאנג אנהאלטען. ניט נאר צוליעב דעם וואס אונזערע מעמבערס נויטיגען זיך אין די פארדינסטען, נאר אויך צוליעב דעם וואס אין דער צייט ווען די מעמבערס ארבייטען און פארדינען, קוקען זיי אויף די יוניאן בעאמטע גאר אנדערש. ווען עס איז ניטא קיין ארבייט טויג ניט די יוניאן און אודאי טויגען ניט די יוניאן בעאמטע. צום באדויערען זיינען נאך דא א היבש ביסעל מעמבערס, וועלכע פארשטייען ניט, אז גראדע אין די שלעכטע צייטען, ווען עס איז ניטא קיין סאך ארבייט, איז די יוניאן נויטיגער ווי אין די גוטע צייטען, און אז עס איז אין דער שלעכטער צייט ווען דער בעאמטער ארבייט שווערער.

* * *

אז מיר האבען דא געפייערט דעם 60-יאריגען געבורטסטאג פון אונזער וויס-פרעזידענט, ברודער י. פיינבערג, ווייסט איר דאך שוין. לאמיר אייך איצט זאגען, אז עס איז ווירקליך געווען א שעהנע פייערונג אין וועלכער כמעט די גאנצע ארבייטער באוועגונג האט זיך באטייליגט. ארום 400 מעמבערס פון דער יוניאן און פריינד און פארעהרער פון ברודער פיינבערג זיינען געקומען צום יובילי-באנקעט. באגריסונגס טעלעגראמען זיינען אנגעקומען פון אלע טיילען פון לאנד. יעדער באזוכער האט געקראגען א סאווענירבוך, אין וועלכען עס שפיגעלט זיך אפ דער לעבען און טהעטיגקייט פון ברודער פיינבערג. דער יובילאר אליין איז פרעזענטירט געווארען מיט א דע-לוקס עדישאן פון זעלבען בוך.

ביי דער געלעגענהייט לאמיר נאך א מאל ווינשען ברודער פיינבערג נאך פילע, פילע יארען פון לעבען און פרוכטבארע טהעטיגקייט אין דער ארבייטער באוועגונג. דאס איז ניט נאר מיין פערזענליכער וואונש, נאר איך בין זיכער, אז אויך דריק איך אויס דעם וואונש פון אלע אונזערע מעמבערס.

דאנק רעזאלוציע.

מיר, די ארבייטער פון דער „קנאבי קלאוק קא.", 240 וועסט 37טע סט., דריקען אויס א הארצליכען דאנק אונזער שאפ טשערמאן נחום פאטשעפסקי פאר זיין גוטער ארבעט פאר'ן שאפ און מיר דאנקען אונזער דיסטריקט מענעדזשער קאפלאן און אויך דעם געוועזענעם ביזנעס-אגענט מעקס קרשנער, לאקאל 117 פאר דער גוטער ארבייט פון אפהיטען די באדינגונגען אין שאפ, און מיר האפען, אז ער וועט אויך ווייטער טאן גוטע ארבייט פאר דער יוניאן ווי פריהער.

די קאמיטע.

דזשעק ראדין, לאקאל 117, חיימי זאוואדניק, לאקאל 9 און מעקס מארק, לאק. 35.

סעטעלט אָדער שלעכט, וויניגער ווי דעם מינימום וועלען זיי ניט קריגען.

מיט דעם ספּעציעלען פּונקט וועלכער פאַרווערט אירגענד וועלכען בעל הבית צו עפענען אַ שאַפּ וואוהין עס קאָסט צו פאָהרען מעהר ווי 5 סענט, איז אָפּגעשאַפט געוואָרען די מגפה פון אַנטלאָפענע שעפּער.

באַדייטענדע העכערונגען אין וועכענטליכע שכירות זיינען אונטער דעם נייעם אַגרימענט, געקראָגען געוואָרען פאַר די ספּעשעל מאַשין אַרבייטער און פאַר די אַנדערע וואָכען אַרבייטער.

דורך דעם פּונקט וועלכער גיט די יוניאָן דאָס רעכט צו באַזוכען די שעפּער שבתים, זונטאָגס און יעדען טאָג נאָך דער אַרבייט, איז אונז געלונגען צו עטאַבלירען אַ ספּעציעלען אָפּטיילונג פון „פּריוויליגע יוניאָן פּאַרטיידיגער" וועלכע היטען אָפּ דעם 5 טאָגיגען, 35 שטונדיגען אַרבייטס וואָך. ניטאָ מעהר קיין אָווערטיימס. ניטאָ מעהר קיין פאַרברעכער געגען דער 35 שטונדיגער אַרבייטס-וואָך אין ניו יאָרקער דרעס טרייד.

אָט די און נאָך און נאָך וויכטיגע באַדינגונגען האָט אונזער דזשאָינט באָארד אונטער אַן אמת פעהיגער און איבערגעבענער פיהרערשאַפט, אויסגעקעמפט פאַר די דרעסמאַכער.

אָבער ניט נאָר אויף דעם עקאָנאָמיש-אינדוסטריעלען געביט האָט זיך אונזער גרויסע דרעסמאַכער יוניאָן אַזוי שעהן אויסגעצייכענט. זי געפינט צייט, און פּלאַץ און מיטלען גלייכצייטיג אָנצופיהרען פאַרצווייגטע בילדונגס, קולטורעלע און ספּאָרט אַקטיוויטעטען. טויזענטער מיטגלידער באַזוכען קלאַסען אין אַרבייטער געשיכטע, אַרבייטער געזעצען, פּסיכאָלאָגיע, פּאָליטיק און ענליכע טעמעס. גרויסע יעהרליכע אונטערנעהמונגען ברייגנגען די מיטגלידערשאַפט צוזאַמען אום כדי צו פאַרבינדען די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטען און עלעמענטען איינעם מיט דעם אַנדערען.

לאָקאַל 89, אונזער איטאַליענישע אָפּטיילונג, האָט אַ וועכענטליכע ראַדיאָ פּראָגראַם וועלכע ווערט באַטראַכט אַלס אַ וויכטיגע אינסטיטוציע אין אונזער יוניאָן. ענליכעס קען אויך געזאָגט ווערען וועגען די טעטיגקייטען פון די לאָקאַלען 10 און 60.

דעריבער אַזאַ חבר'שע באַציהונג פון די אַרבייטער צו דער יוניאָן פאַרוואַלטונג; דעריבער אַזאַ וואַרימער אָפּרוף אויף יעדען פאַרלאַנג מצד דער אָרגאַניזאַציע; נעמט, למשל, די פראַגע וועגען הילפע פאַר די קרבנות פון פאַשיזם, פאַר די בראַווע קעמפער פון שפּאַניען, פאַר פּיקעט דעמאָנסטראַציעס, פאַר דער „סי. אַי. אָ.", וואָס נאָר די דרעסמאַכער יוניאָן נעמט זיך אונטער דורכצופיהרען ווערט עס ערפילט מיט באַגייסטערונג, מיט איבערגעבענהייט און מיט גרויס ערפאָלג.

יע, מיר מעגען מיט שטאָלץ זאָגען, אַז די דרעסמאַכער האָבען אויסגעהאַלטען דעם עקזאַמען. זיי קומען צו דער 23טער אינטערנעשאָנאַל קאָנווענשאָן אין אַטלאַנטיק סיטי, מיט געהויבענע קעפּ און אין אַ יום-טוב'דיגען גייסט, גרייט מיטצואַרבייטען מיט זייערע שוועסטער און ברידער פון אַלע אַנדערע לאָקאַלען פאַר די ווייטערדיגע ערפאָלגען פון אונזער באַליבטער אינטערנעשאָנאַל אונטער דער פעהיגער, דער פּראָגרעסיווער, דער ענערגישער, דער מוטיגער און דער איבערגעבענער פיהרערשאַפט פון דוד דובינסקי, אונזער אַלעמענס ליבער חבר און פּרעזידענט.

זייט געגריסט, דעלעגאַטען פון אונזער קאָנווענשאָן!

מיר שיקען דורך די שפּאַלטען פון דער „גערעכטיגקייט" אונזער וואַרימסטע און ברידערלאַכסטע באַגריסונג צו די באַאַמטע און דעלעגאַטען פון דער 23טער קאָנווענשאָן פון אונזער אינטערנעשאָנאַל וועלכע ווערט ערעפענט דעם 3טען מאַי אין אַטלאַנטיק סיטי. מיר לאַדען גלייכצייטיג איין די דעלעגאַטען פון די לאָקאַלען אויסער ניו יאָרק צו באַזוכען אונזער שטאָדט און אונזערע אָפּיסעס.

מיר ווינשען זיי אַלעמען אַ פּרוכטבאַרע קאָנווענשאָן און גלייכצייטיג האָפען מיר, אַז זיי וועלען זיך גוט פאַרוויילען.

די פייערליכע אינסטאַלירשאַן פון לאָקאַל 22

מאָנטאָג, אַפּריל דעם 19טען, איז אין ניו-יאָרקער היפּאָדראָם אויף אַ פייערליכען אופן אינסטאַלירט געוואָרען די ניי-ערוועהלטע אַדמיניסטראַציע פון לאָקאַל 22. און אָהן גוזמא געזאָגט, דאָס איז געווען די שעהנסטע און איינדרוקספולסטע אינסטאַלירשאַן וואָס אירגענד וועלכע יוניאָן האָט ווען עס איז פאַראַנשטאַלטעט.

דער גרויסער היפּאָדראָם איז אין 15 מינוט אָנגעפילט געוואָרען מיט טויזענטער מענשען. מען איז געזעסען אויף די טרעפּ מען איז געשטאַנען אין די דורכגאַנגען, מען איז געזעסען צו 2 אויף אַ שטול, אָבער וואָס האָט עס געהאָלפען? בלויז 6 און אַ האַלב טויזענט מענשען האָט מען אויף אַזאַ אופן געקענט באַפרידיגען, אָבער נאָך אַ 5 טויזענט מענשען זיינען אַנטוישטע און שטאַרק אונצופרידענע פאַרבליבען אין גאַס. דאָס, דעם אמת געזאָגט, האָט דער פירערשאַפט פון לאָקאַל זעהר שטאַרק פאַרדראָסען, אָבער שולדיג אין דעם איז קיינער, מחמת דאָס איז דער גרעסטער זאַל אין שטאָדט אויסער מעדיסאָן סקווער גאַרדען, וועלכער איז איצט פאַרנומען מיט'ן צירק. קומענדען מאָל וועלען מיר עס גוט מאַכען אָפּילו ווען עס זאָל אונז אויסקומען אָפּצוקויפען דעם גאַרדען מיט'ן צירקוס.

אויף דער גרויסער ביהנע וועלכע איז געווען איינגעטונקט אין בלומען, זיינען געזעסען די ניי-ערוועהלטע פאַרוואַלטער פון לאָקאַל, צוזאַמען מיט די איינגעלאַדענע געסט, צווישען וועמען עס האָבען זיך אויסער דובינסקי און האָכמאַן, אויך געפונען 2 אייראָפּעאישע געסט — סטאַל און קופּערס, דער ערשטער איז פון דער אינטערנאַציאָנאַלער לייבאָר ביוראָ אין דזשענעוואַ און דער צווייטער, איז דער פּרעזידענט פון דער האָלענדער פעדעראַציע פון טרעיד יוניאָנס.

די פאַרזאַמלונג איז געעפענט געוואָרען פון דעם שרייבער פון די שורות, וועלכער האָט פאָרגעשטעלט פּערל האַלפּערן, די טשערלידי פון דער אַרויסגעהענדער עקזעקוטיוו באָארד. אונזער פּערל האָט וואַרים באַגריסט די געסט און מיטגלידער באַטאָנענדיג דעם פאַקט, אַז דאָס וואָס איז מיט צוויי יאָהר צוריק געווען בלויז אַ טרוים, איז אַצינד פאָלשטענדיג פאַרווירקלאַכט געוואָרען. — אין די רייען פון די דרעסמאַכער הערשט איצט פאָלשטענדיגער איינינקייט.

דער ערשטער רעדנער איז געווען דזשוליוס האָכמאַן, דער דזשענעראַל מענעדזשער פון דער דרעס דזשאָינט באָארד. ער האָט אויף אַ זאַכליכען אופן באַהאַנדעלט די גרויסע דערגרייכונגען פון דער יוניאָן, און האָט שטאַרק באַטאָנט, אַז די דרעסמאַכער אָרגאַניזאַציע איז אַצינד אַ סאָלידע, דיסציפּלינירטע און איבערגעגעבענע מאַסע וועלכער קיין קראַפט אין דער וועלט וועט ניט אָפּשטעלען פון ווייטערדיגען פּראָגרעס.

נאָך איהם האָט גערעדט פּרעזידענט דובינסקי, וועלכער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם בראַווען קאַמף וועלכען די מאָנטרעאָלער דרעסמאַכער פירען איצט אַן געגען זייערע אידישע באַלעבאַטים, וועלכע האָבען געמאַכט יד אחת מיט די קאַטוילישע האַלב פאַשיסטישע יוניאָנס". דובינסקי האָט אויך געווידמעט פּלאַץ אין זיין רעדע דעם גרויסען קאַמפּיין וועלכען די אינטערנעשאָנאַל פירט איצט אַן אין דער קאָטען גאַרמענט אינדוסטריע און וועלכער האָט שוין אַריינגעקראָגען טויזענטער נייע מיטגלידער אין אונזער יוניאָן.

דאָ האָט דובינסקי אונטערבראָכען זיין רעדע און האָט אויף אַ פּאַסענדען אופן פאָרגעשטעלט די דערמאָנטע 2 אייראָפּעאישע געסט. מר. סטאַל האָט זיך באַנוגענט מיט בלויז אַ העפליכער פאַרבויגונג, דערפאַר האָט שוין אָבער מר. קופּערס געהאַלטען אַ לענגערע און אַ זעהר חבר'שע רעדע, און ווען ער האָט אויסגערופען „קאַמעראַדען! מיר וועלען קיינמאָל ניט ערלויבען, אַז האָלאַנד זאָל געהן אין די וועגען פון דייטשלאַנד און איטאַליען", איז דער גרויסער זאַל פאַרהילכט געוואָרען פון אַפּלאָדיסמענטען.

שליסענדיג זיין רעדע האָט פּרעזידענט דובינסקי שטאַרק געלויבט די פירערשאַפט און מיטגלידער פון לאָקאַל 22, אַלס אַן אָרגאַניזאַציע וואָס ווערט פעהיג פאַרוואַלטעט, וועלכע איז די ערשטע אָפּצורופען זיך אויף יעדען הילפס-רוף, די ערשטע אויף דעם געביט פון קולטורעלע, בילדונגס און אַנדערע געביטען.

דאַן איז ער איבערגעגאַנגען צו דער צערעמאָניע פון איינשווערען די אַדמיניסטראַציע וועלכע האָט אין גאַנצען געדויערט אַ פּאָר מינוט און מיט דערמיט האָט ער פאַרענדיגט אַ רעדע וועלכע וועט פאַרצייכענט ווערען אַלס איינע פון די האַרציגסטע וועלכע ער האָט ווען עס איז געמאַכט ביי אַ פאַרזאַמלונג פון לאָקאַל 22.

נאָך איהם האָט גערעדט ברודער זימערמאַן, דער מענעדזשער פון לאָקאַל 22, וועלכער איז אויפגענומען געוואָרען מיט אַ גרויסער אָוואַציע. ברודער זימערמאַן האָט אין אַ קורצער, אָבער זאַכליכער רעדע אָנגעוויזען אויף די פילע טעטיגקייטען פון לאָקאַל 22. ער האָט שטאַרק באַטאָנט דעם פאַקט, וואָס אַצינד הערשט אין לאָקאַל 22 אַבסאָלוט האַרמאָניע. ער האָט אָנגעצייכענט אַ פּראָגראַם פון ווייטערדיגער טעטיגקייט. אין דעם פּראָגראַם געהט אַריין די פאָדערונג פאַר אַ 30-שטונדיגע אַרבייטס וואָך, אַנדערע טרעיד אויסבעסערונגען, ספּעציעל בנוגע די מינאָריטעט פאַכען. זימערמאַן האָט זיך שטאַרק אויסגעדריקט צוגונסטען ווייטערדיגער הילף פאַר דער „סי. אַי. אָ." און האָט דערביי פאַרדאַמט די האַנדלונג פון מעטיו וואָהל, וועלכער האָט זיך פאַרבונדען מיט די היגע קלעריקאַלען געגען די פּראָגרעסיווע עלעמענטען דאָ אין לאַנד.

זימערמאַן האָט אויך אָנגעוויזען, אַז די מיטגלידערשאַפט פון לאָקאַל 22 איז אין פּרט פון דיוס צאָהלונג אין אַ סך אַ בעסערען צושטאַנד ווי מיט 2 יאָהר צוריק. אויך איז דער קאַפּיטאַל פון לאָקאַל באַדייטענד פאַרגרעסערט געוואָרען אין פאַרלויף פון די לעצטע 2 יאָהר.

זיין ווייטערדיגע באַמערקונג, אַז די אַרבייטער אין די שעפּער האָבען צו דער אינסטאַלירשאַן געבראַכט אַ מתנה פון קרוב צו 2,500 דאָלאַר צוגונסטען די שפּאַנישע אַרבייטער אַנשטאָט שיקען בלומען צום פאַרזאַמלונג — האָט אויפגעשטורעמט דעם עולם. די געלט וועט איבערגעגעבען ווערען צום אַלגעמיינעם האָספּיטאַל פאָנד, וואָס ווערט איצט געזאַמעלט דורך דער אינטערנעשאָנאַל.

שוועסטער מיני לוריא, די ניי-ערוועהלטע טשערלידי פון לאָקאַל, האָט געהאַלטען אַ פייערדיגע רעדע וועלכע איז פון די אָנוועזענדע זעהר חבריש אויפגענומען געוואָרען.

אין קאָנצערט האָט זיך באַטייליגט דער אינטערנעשאָנאַל מענדאָלין אָרקעסטער, אונטער דער לייטונג פון ל. פּאַפּאַרעלאָ; דער אינטערנעשאָנאַל כאָר אונטער דער אָנפיהרערשאַפט פון לאַזאַר ווייגער; וויקטאָר כענקין, דער באַרימטער באַלאַדיסט און אייניגע סטאַרס פון דער מעטראָפּאָליטען און שיקאַגאָ סיוויק אָפּערא קאָמפּאַני, אין קאָנצערט נומערען. צום שלוס איז געגעבען געוואָרען טאָסקאַניניס פּאָפּולערע אָפּערא „קאַוואַליערא רוסטיקאַנאַ". מען קען אָהן איבערטרייבונג זאָגען, אַז דער אָווענט וועט פאַררעכענט ווערען אַלס איינער פון די שעהנסטע אין דער געשיכטע פון לאָקאַל 22.

מר. ראָזענבלאַט וויל אַ פּאַראייניגטען פראָנט!

מר. ס. סי. ראָזענבלאַט, איינער פון די פּראָמינענטע באַלעבאַטים אין דער דרעס אינדוסטריע, איז לעצטע וואָך אַרויסגעקומען מיט אַן אויפרוף צו די פירער פון די בעל-הבתי'שע אָרגאַניזאַציעס, אַז מ'זאָל גרינדען איין (1) אַסאָסיאיישאַן וועלכע זאָל פאַרטרעטען אַלע בעלי-הבתים אין דרעס טרעיד. אין זיין אויפרוף זאָגט מר. ראָזענבלאַט צווישען אַנדערעס, אַז: „ווען די פאַרשטעהער פון דער יוניאָן רעדען, פאַרטרעטען זיי די אינטערעסען פון אַלע אַרבייטער, וועהרענד ווען אַן אַסאָסיאיישאַן פאַרשטעהער רעדט, פאַרטרעט ער אַמבעסטען די מיטגלידער פון זיין אַסאָסיאיישאַן".

מר. ראָזענבלאַט ווייזט אָן, אַז צוליב די פאַרשידענע רעגירונגס שטייערען און אַנדערע איבלען נויטיגט זיך די דרעס טרעיד אין אַ פאַראייניגטע אַקציע מצד אַלע באַלעבאַטים. דערביי ווייזט ער אָן, אַז די פערזאָן וועלכער וועט פאַרוואַלטען אַזאַ אָרגאַניזאַציע באַדאַרף זיין אַ דיפּלאָמאַט און ניט קיין צאַר.

אונז דוכט זיך, אַז מר. ראָזענבלאַט האָט זיך אונטערגענומען דורכצופירען זעהר אַ שווערע אויפגאַבע. מערסטע פון אונזערע באַלעבאַטים זיינען זייער קליינטשיקע מענשעלאַך, מיט פּיטשינקע קעפּעלאַך, און נידעריגע כאַראַקטערע. אַ סך פון זיי קוואַפּען זיך נאָך ביז היינט צו טאָג אַרונטערצולאָטכענען אַ פּאָר דאָלאַר פון די אַרבייטער ווען עס מאַכט זיך אַ געלעגענהייט. דער בעסטער באַווייז אויף דעם איז וואָס קאַרגע 800 טויזענט דאָלאַר איז אויפגעמאָנט געוואָרען פון אָט די באַלעבאַטים אין ניט דערצאָהלטע שכירות און אַנדערע גנב'ישע שטיק. זיי באַזיצען ניט דעם ברייטען בליק — דעם פּערספּעקטיוו וואָס עס פאָדערט זיך אין אַזאַ דיסאָרגאַניזירטע (פון שטאַנדפּונקט פון פּראָדוקציע און פאַרקויף מעטאָדען) אינדוסטריע ווי אונזערע.

דרעסמאַכער וועלען אַרבייטען פאַר'ן פאָנד פון אידישען אַרבייטער קאָמיטעט

ביי איינעם פון איהרע לעצטע זיצונגען האָט דער דרעס דזשאָינט באָארד באַשלאָסען בייצושטייערען אַ שטונדע אַרבייט פאַר'ן פאָנד פון אידישען אַרבייטער קאָמיטעט, וועלכע האָט זיך אונטערגענומען צו שאַפען אַ פערטעל מיליאָן דאָלאַר לטובת די אידישע אַרבייטער און אידישע מאַסען אין פוילען און אַנדערע לענדער אין זייער קאַמף געגען פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם.

לויט דעם באַשלוס, וועלכער איז מיט גרויס באַגייסטערונג אויפגענומען געוואָרען פון דער גרויסער מיטגלידערשאַפט פון די דרעס דזשאָינט באָרד לאָקאַלען, וועט

באַרד, און לואידזשי אַנטאָניני, דער מענעדזשער פון לאָקאַל 89.

אנשטאט די געוויינליכע מוזיקאַלישע אָדער אונ־טערהאַלטונגס פּראָגראַם, וואָס ווערט געוויינטליך גע־געבען ביי אַזוינע געלעגענהייטען, איז אויפגעפירט גע־וואָרען די אָפּערע „אַאידאַ" און נאָך דער אָפּערע האָט דער עולם געטאַנצט ביז פאַרטאָג.

אינסטאַלײשאָן פון דרעס פּרעסערס לאָקאַל 60

איבער 15 הונדערט דרעס פּרעסערס און זייערע פרויען האָבען אַנגעפילט דעם גרויסען האָל פון סענטער האָטעל און פייערליך דורכגעפירט די אינסטאַלײשאָן פון די ניי־ערוועהלטע באַאמטע. די ביהנע איז געווען איינגע־טונקט אין בלומען צוגעשיקט פון אַנדערע לאָקאַלס, פון שעפּער און פון פריינדליכע גרופּען.

די פייערליכע צערעמאָניע האָט זיך אַנגעהויבען מיט געזאַנג און זיך געענדיגט מיט געזאַנג, געזונגען פון דעם גרויסען אינטערנעשאַנאַל כאָר, דיריגירט פון לאַזאַר וויינער. דער עולם פּרעסער האָט אויפגענומען די זינגער מיט אַ דונערענדען אַפּלאָדז.

פּרעזידענט דוד דובינסקי, וועלכער האָט איינגע־שוואוירען די נייע באַאמטע, האָט אַנגעוויזען, אַז די מיט־גלידער פון לאָקאַל קומען באַדאַנקען זייערע באַאמטע דערפאַר וואָס זיי האָבען געהאָלפען אויסקעמפען פאַר זיי אַ בעסערען לעבען. גרויסע מאַסען מיטגלידער האָבען איצט פּרנסה און זיי זיינען דאַנקבאַר די באַאמטע פאַר זייער גוטער אַרבייט, און זיי פרעהען זיך.

פּרעזידענט דובינסקי האָט שטאַרק געלויבט מאַקס קאָהן, דעם ווידער־ערוועהלטען מענעדזשער פון לאָקאַל 60, און י. וואַסילעווסקי, דעם ווידערערוועהלטען טשער־מאַן.

דער צווייטער רעדנער, דזשוליוס האָכמאַן, דזשע־נעראַל מענעדזשער פון דרעסמאַכער דזשאָינט באַארד, האָט געזאָגט: „מיר פרעהען זיך, ווייל מיר האָבען דער־לעבט צו דער עטאַבלירונג פון אַן אמת'ער אַגרעסיווער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג אין אַמעריקע, און ווייל צוליב אָט־דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג צווישען די אומאָרגאַני־זירטע אַרבייטער הויבט דער אַמעריקאַנער אַרבייטער אָן צו ווערען אַ פאַקטאָר אין דעם פּאָליטישען לעבען

עס האָבען אויך באַגריסט דעם לאָקאַל לואידזשי אַנטאָניני, ערשטער וויס־פּרעזידענט פון דער אינטערנע־שאַנאַל; לואיס סטאָלבערג, פון לאָקאַל 10; דזשאָזעף ברעסלאָו, פון לאָקאַל 35, וויס פּרעזידענט פון דער אינ־טערנעשאַנאַל, און אריאל, פון געווערקשאַפטען קאַמפּיין פאַר פּאַלעסטינע.

אין דער מוזיקאַלישער פּראָגראַם האָבען אויסער דעם כאָר, זיך אויך באַטייליגט דער אָפּערע־סטאָר סידאָר בעלאַרסקי און ראָוז מאַלאָוויסטאַ אין אידישע און רוסישע לידער.

דאָס לעצטע וואָרט האָט דער טשערמאַן י. וואַסילעווס־קי געגעבען צו מאַקס קאָהן, מענעדזשער פון לאָקאַל 60. ער האָט באַדאַנקט אַלע באַאמטע און די מעמבערס פון לאָקאַל 60 פאַר דער קאָאָפּעראַציע וואָס זיי האָבען איהם געגעבען און געבעטען ווייטער צו קאָאָפּערירען מיט דער אַדמיניסטראַציע.

געמיינזאַמע אינסטאַלײשאָנס פון די אַדמיניסטראַ־ציעס פון 10 „מיסעלייניאָוס" לאָקאַלס

אַן אויסערגעוויינלאַכע יום־טוב'דיגקייט האָט גע־הערשט דאָנערשטאַג אָוונט, דעם 8טען אַפּריל, אין מעקא טעמפּעל, וואו ס'איז דורכגעפירט געוואָרען די געמיינ־שאַפטליכע אינסטאַלירונג פון די ניי־דערוויילטע אַד־מיניסטראַציעס פון צען לאָקאַלן פון דער אינטערנעשאַ־נאַל ליידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן. צווישען די לאָקאַלען זיינען געווען: די וויט גודס אַרבייטער; קאָר־סעט און בראַזיר אַרבייטער; בלאוז און וויסט מאַכער; עמבראָידערי אַרבייטער; ניטגודס מאַכער; טשילדרען דרעסמאַכער; טראַק־דראַיווערס; ליידיעס נעקווער אַר־בייטער; בעלט מאַכער און באַטאָן און נאָוועלטי אַר־בייטער.

עס זיינען אינסטאַלירט געוואָרען די לאָקאַלען: 25, 32, 38, 40, 62, 91, 102, 123, 142 און 155.

דער זאַל איז געווען געפּאַקט. די בינע איז געווען איינגעהילט אין בלומען, צוגעשיקט פון לאָקאַלען, פון שעפּער און פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס. פון אויבען, איבער דער פּלאַטפאָרמע, האָבען אָראַפּגעשיינט די באַ־נערס פון יעדען איינעם פון די צען לאָקאַלען.

פאָרזיצער פון אָוונט איז געווען לואידזשי אַנטאָ־ניני, ערשטער וויס־פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאַ־נאַל. אין ערשטען טייל פון דער קאָנצערט־פּראָגראַם פון דער פייערונג האָבען זיך באַטייליגט דער מאַנדאָלין אָרקעסטער און כאָר פון דער אינטערנעשאַנעל, וועלכע זיינען אויפגענומען געוואָרען פון עולם מיט גרויס באַ־גייסטערונג. עס איז אויך אויפגעטראָטען די זינגע־רין אַנאַ ליעסקאַיאַ.

ווען דער פאָרזיצער האָט פאָרגעשטעלט פּרעזידענט דובינסקי'ן פון דער אינטערנעשאַנעל אלס דעם הויפּט־רעדנער, וועלכער וועט דורכפירען די צערעמאָניע פון אינסטאַלירען די נייע עקזעקוטיוועס און בעאַמטע, האָט אין זאַל אויסגעבראָכען אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטען.

דובינסקי האָט אין זיין רעדע דערקלערט, אַז ער איז שטאָלץ מיט אַזאַ געמיינשאַפטליכער פייערונג, וועלכע איז, „אַ דעמאָנסטראַציע פונ'ם פּרעכטיגען בלומען־גאָרטען פון דער מעכטיגער אינטערנעשאַנעל".

פּרעזידענט דובינסקי האָט דערנאָך דורכגעפירט די איינשווערונג פון די ניי־דערוויילטע אַדמיניסטראַ־ציעס.

צום סוף איז אויפגעטראָטען דער ראַדיאָ־זינגער דזשאָן פירס, וועלכער האָט אַרויסגערופען אַ סך באַ־גייסטערונג ביים עולם.

די הויפּט בעאַמטע פון די לאָקאַלס, וואָס זיינען אינסטאַלירט געוואָרען, זיינען געווען:

טשאַרלס קריינדלער, פון לאָקאַל 25; איב סניי־דער, לאָקאַל 32; הענרי שוואָרץ פון לאָקאַל 40; סעמועל שאָר, לאָקאַל 62; הערי גרינבערג, לאָקאַל 91; סאָול מעץ, לאָקאַל 102; דזשאָזעף טאָוווים, לאָ־קאַל 155; מאָריס דזשייקאָבס, לאָקאַל 38; און מאַרטין פעלדמאַן, לאָקאַל 132.

פייערליכע אינסטאַלײשאָן פון סקוירט מאַכער יוניאָן, לאָקאַל 23 א. ל. ג. וו. י.

מיטוואָך, דעם 8טען אַפּריל, האָט דער סקוירט מאַכער לאָקאַל 23 אָפּגעהאַלטען די אינסטאַלײשאָן פון זיינע ניי־ערוויילטע בעאַמטע, אין קאָונסיל רום פון דער קלאָוקמאַכער דזשאָינט באַארד, 131 וועסט 33טע סטריט. די אינסטאַלײשאָן איז געווען באַזוכט פון די שאַפּ־טשערלייט פון די שעפּער, וועלכע דער לאָקאַל קאָנטראָ־לירט.

הערי וואַנדער, וויס־פּרעזידענט פון דער אינ־טערנעשאַנעל, וועלכער איז אַ מעמבער פון דעם לאָ־קאַל, האָט אינסטאַלירט די ניי־ערוויילטע בעאַמטע און ער האָט אין אַ קורצער רעדע אַנגעוויזען דער אַריינ־קומענדער אַדמיניסטראַציע אויף די גרויסע אויפגאַבען, וואָס שטייען פאַר איר אין די קומענדע צוויי יאָר, ספּעציעל איר שייכות מיט דער באַנייאונג פון דעם אויסגייענדען טרייד־אַגרימענט, וועלכער וועט זיך ענ־דיגען דעם ערשטען יוני, 1937.

זאַכליכע און זעהר ערמוטיגענדע רעדעס זיינען אויך געהאַלטען געוואָרען פון די פאַרשטייער פון דזשאָינט באַארד און זיינע אַנגעשלאָסענע לאָקאַלען, וועלכע זיינען געקומען באַגריסען די נייע אַדמיניסטראַ־ציע פון זייער שוועסטער־לאָקאַל. צווישען די פאַר־טרעטער זיינען געווען די ברידער לעפקאָוויץ, לאַנגער און אשביז, פאַרטרעטענדיג די דזשאָינט באַארד; ב. קאַפּלאַן, פון לאָקאַל 117; מ. גאָלדאָווסקי, פון לאָקאַל 35; ע. מאַליסאַני, פון לאָקאַל 48; סאָל מעץ, פון לאָקאַל 102; וויס־פּרעזידענטען פון דער אינטערנע־שאַנעל—פיליפּ קרעמער, פון באָסטאָן, און מ. ביאַליס, פון שיקאַגאָ; ב. מאָזער, פון אָווערלעפּינג דעפּאַרט־מענט און פ. מוטשיגראָסאַ, פון אָרגאַניזיישאָן דעפּאַרט־מענט.

קורצע רעדעס האָבען אויך געהאַלטען דער ווי־דער־ערוויילטער מענעדזשער, לואיס ריעס, און דער ווידער־ערוויילטער טשערמאַן, לואיס גאָרדאָן, ווי אויך דער וועטעראַן פון דער סקוירט מאַכער יוניאָן, טשאַדלס דזשייקאָבסאָן.

אינסטאַלײשאָן אין דער עקזאַמינערס יוניאָן לאָקאַל 82

די עקזאַמענרס יוניאָן לאָקאַל 82 האָט דורכגעפירט איר אינסטאַלײשאָן דעם 6טען אַפּריל, אין דזשאָינט באַרד קאָונסיל רום.

דער טשערמאַן, ברודער ראָש, האָט פאָרגעשטעלט אונזער געוועזענעם מענעדזשער ברודער אשביז, וועלכער איז איצט סעקרעטאָר טרעזשורער פון קלאָוק דזשאָינט באַרד און איהם געבעטען צו אינסטאַלירען די נייע אַדמי־ניסטראַציע.

ברודער אשביז האָט אין אַ האַרציגע רעדע דער־מאָנט ווי ער איז יאָהרען לאַנג געווען מענעדזשער פון דער עקזאַמינערס יוניאָן ווען די עקזאַמינערס האָבען זיך אָרגאַניזירט מיט 20 יאָהר צוריק און דעם קאַמף וואָס די יוניאָן האָט אַנגעפירט צו קריגען אַנערקענונג אין די אַגרימענטס; „לאָמיר האָפען — האָט אשביז פאַרענ־דיגט, — אַז איהר וועט קריגען די פולע אַנערקענונג אין אַלע אַגרימענטס". ווינטשענדיג גליק דער נייער אַדמי־ניסטראַציע אין אַלע אונטערנעמונגען האָט ער דערקלערט די באַאמטע אינסטאַלירט.

דער נעקסטער רעדנער גענעראַל מענעדזשער פון דער דזשאָינט באַארד, איזידאָר נאַגלער, ערקלערט, אַז די עקזאַמינערס פּראָבלעמען זיינען פאַר איהם זעהר קלאָר און ער האָט ביז איצט געטאָן אַלעס וואָס איז נאָר מעגליך געווען, ער האָט פאַר אונז געקראָגען די אַנערקענונג ביי די באַלעבאַטים, האָט מאָדיפיצירט דעם קאָונסיל אַגרי־מענט, און ער וועט זיכער טרייען צו קריגען אַלעס מעגלי־כעס פאַר די עקזאַמינערס אין די קומענדע פאַרהאַנדלונ־גען פאַר נייע אַגרימענטס. ער ווינטשט די נייע אַדמי־ניסטראַציע גליק אין אַלץ וואָס זיי ווילען אונטערנעמען.

אין אַן אינהאַלטסרייכע רעדע דערקלערט פּרעזי־דענט דובינסקי, אַז ער איז געקומען צו די עקזאַמינערס אינסטאַלײשאָן, ווייל ער באַטראַכט דעם לאָקל אַלס איינער וועלכער איז ווידער אויפגעלעבט געוואָרען. עס איז גע־ווען אַ צייט ווען מען האָט געטראַכט, אַז מען דאַרף דעם לאָקאַל פאַראייניגען מיט אַן אַנדער לאָקאַל, ווייל ער האָט ניט געקענט נאָכקומען די צאָהלונגען צו דעם דזשאָינט באַרד און צו דער אינטערנעשאַנאַל, אָבער איצט זעהט ער, אַז דער עקזאַמינערס לאָקאַל קומט נאָך אַלע פאַרפליכטונ־גען און די פראַגע וועגען פאַראייניגען דעם לאָקאַל מיט אַן אַנדערען איז נישט נויטיג, ער ערקלערט אויך, אַז איהם איז באַוואוסט אונזערע פּראָבלעמען און ער וועט זיכער טאָן וואָס מעגליך צו פאַרבעסערען די באַדינגונגען פון די עקזאַמינערס. וואָס אַנבאַלאַנגט די מידלער, דאָס איז אַ פּראָבלעם מיט וועלכער מען מוז זיך רעכענען. מיר קענען ניט קומען און זאָגען, אַז מיר ווילען זיי ניט אין אונזער טרייד, מיר קענען ניט פאַרשפאַרען דעם ים מיט אַ שפענדעל. ווען מיר וואָלטען זיי גלייך פון אָנפאַנג גענומען אָרגאַניזירען וואָלטען זיי אַזוי פיל זיך ניט פאַר־שפּרייט אין אונזער אינדוסטריע.

מיט באַגריסונגען זיינען אויך אַרויסגעטראָטען די ברידער קאַפּלאַן, מענעדזשער פון אַמעריקען דעפּאַרט־מענט; קוירצמאַן, מענעדזשער פון אינדאַסטריעל קאָונ־סיל; לעפקאָוויטש, מענעדזשער פון דזשאָבינג דעפּאַרט־מענט און דזשייקאָבסאָן, אַסיסטענט סעקרעטאָר פון דער דזשאָינט באַארד.

לאָקאַל 177 פון דער אינטערנעשאַנאַל פייערט דורך אַן איינדרוקספולע אינסטאַלײשאָן

זונטאָג, דעם 21טען מערץ, איז אויף אַ פייערליכען ..ופן דורכגעפיהרט געוואָרען די אינסטאַלײשאָן פון די ניי־ערוועהלטע אָפיסערס און עקזעקוטיוו באַארד־מעמ־בערס פון דער ליידיס גאַרמענט אַלטערײשאָן וואָירקערס יוניאָן, לאָקאַל 177, פון אינטערנעשאַנאַל. אַ גרויסע צאָהל מעמבערס מיט זייערע פרויען זיינען געקומען צום מיטינג צו באַטייליגען זיך אין דעם יום טוב.

די אינסטאַלײשאָן איז דורכגעפירט געוואָרען פון סעם וויינער, דער מענעדזשער פון לאָקאַל.

די פאָלגענדע באַאמטע זיינען אינסטאַלירט גע־וואָרען:

נייטען קופּער, טשערמאַן; מעקס זוקער, ווייס־טשערמאַן; שענקין, רעק.־סעקרעטאָר.

עקזעקוטיוו־באַארד: וויקטאָר פרידמאַן, הערי וועקסלער, סעם וועבער, דזשייקאָב עטקין, אייבראַהאַם לעווין, סעם גראָסמאַן, איזי לענגער, דזשעק גראָס, מאיער דארענבלאַם, הערי שער און אייבראַם סליפּמאַן.

באַטאָן האָל מאַכער יוניאָן, לאָקאַל 64

די באַטען האָל מאַכער יוניאָן לאָקאַל 64 האָט גע־האָט אירע עלעקשאַנס דינסטאָג, דעם 16טען מאַרטש, אין דזשאָינט באַארד בילדינג 131 וועסט 33טע סטריט. עס האָבען זיך באַטייליגט אַ גרויסע צאָהל מעמבערס און די שטימען זיינען באַלד אויפן פּלאַץ געציילט גע־וואָרען. די פאָלגענדע זיינען ערוועהלט געוואָרען: פאַר טשערמאַן פון לאָקאַל — א. בריק, וויס־טשער־מאַן — מ. קאַפּטשעפּסקי, פאַר מענעדזשער — א. שיפּמאַן.

אין דער עקזעקוטיוו באַארד זיינען ערוועהלט גע־וואָרען:

א. ברוק — מ.קאַפּטשעפּסקי — א.בערמאַן — ל. בלאַק. — מ. בלאַק. — ד. קאָהן. — מ. ליפשיטץ. — א. פרידמאַן. — י. ראָטבערג.

פאַר דעלעגאַט צום קאָנווענשאַן איז ערוועהלט געוואָרען א. שיפּמאַן, מענעדזשער פון לאָקאַל.

אינסטאַליישאַן פון די ניי־דערוויילטע אַדמיניסטראַציעס אין די ניו יאָרקער לאָקאַלס

אין דעם פאַרגאַנגענעם מאָנאַט זיינען אין אַלע לאָקאַלס פון דער אינטערנעשאַנאַל איבער'ן לאַנד איינגעשוואָרען געוואָרען די ניי־דערוויילטע אַדמיניסטראַציעס פאַר דעם קומענדען טערמין. אין ניו יאָרק זיינען די אינסטאַליישאַנס, אין די מערסטע לאָקאַלס, דורכגעפירט געוואָרען מיט אויסערגעוויינליך רייכע פייערונגען. די גרעסערע לאָקאַלען, מיט מער מיטגלידער, האָבען דורכגעפירט זייערע אינסטאַליישאַנס באַזונדער. די קלענערע לאָקאַלס פון די מיסעלייניאָוס טריידס האָבען דורכגעפירט אַ געמיינשאַפטליכע אינסטאַליישאַן פאַר צען לאָקאַל יוניאָנס צוזאַמען. מיר גיבען דאָ אין קורצען איבער די פאַרשיידענע פייערונגען, ווי מיר האָבען זיי בייגעוואוינט אָדער געקראָגען צוגעשיקט באַריכטען.

די אינסטאַליישאַן פון דער קלאָוק אָפּערייטאָרס יוניאָן, לאָקאַל 117

די אינסטאַליישאַן פון דעם פאַראייניגטען קלאָוק אָפּערייטאָרס לאָקאַל 117 איז פאַרגעקומען שבת, דעם 10טען אַפּריל, אין מאַנהעטען אָפּערא הויז. די אינסטאַליישאַן האָט ביז אַ געוויסען גראַד געטראָגען דעם כאַראַקטער פון אַ פייערונג פון דעם ערשטען יאָר זינט די דריי לאָקאַלס, די געוועזענע לאָקאַלס איינס, זיבעצען און דריי זיינען פאַראייניגט געוואָרען אין דעם איצטיגען לאָקאַל 117 און דעם פאַקט האָבען דערמאָנט, אין זייערע רעדעס, כמעט אַלע וואָס האָבען אַדרעסירט די פאַרזאַמעלטע.

ווי עס פאַסט זיך פאַר אַ פייערונג, איז די גאַנצע פּלאַטפאָרמע געווען איינגעטונקט אין קראַנצען פון בלומען, צוגעשיקט טיילוויז פון שוועסטער־אָרגאַניזאַציעס, אָבער צום גרעסטען טייל פון אַרבייטער פון די שעפּער. אַזוי איז אויך דער זאַל און די באַלקאָנען געווען דעקאָרירט מיט פאָהנען און אויפשריפטען.

פּרעזידענט דובינסקי האָט אינסטאַלירט די נייע אַדמיניסטראַציע און האָט זיך באַנוצט מיט דער געלעגענהייט צו קיבעצען, אויף אַ גוטמוטיגען אופן, אַ צייטונג, וועלכע האָט אין צייט פון די וואַלען געשריבען, אַז דובינסקי האָט צוגעשטימט צו דעם „פאַראייניגטען פראָנט", וואָס איז געשלאָסען געוואָרען צווישען די גרופּען. ער האָט ערקלערט, אַז אונזער אינטערנעשאַנאַל גיט פולע אויטאָנאָמיע אירע לאָקאַלס און זי דיקטירט ניט אירע פּאָליסיס. איינס דאַרף פאַרשטאַנען ווערען, אַז וואָס די דאָזיגע פּאָליסי זאָל ניט זיין, וועט דאָס ניט שטערען דעם וויטערדיגען גאַנג פון דער אינטערנעשאַנעל.

„ווען מען פרעגט מיך, וואָס איך דענק וועגען דעם „פאַראייניגטען פראָנט", האָט דובינסקי געזאָגט, ענטפער איך, אַז דאָס אינטערעסירט מיך ניט, דאָס איז אַן ענין פאַר ליוואַי און צוקערמאַן. אַמאָליגע יאָרען וואָלט זיך אַ פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאַנעל שטאַרק געזאָרגט; אַמאָל וואָלט מען געמיינט, אַז דאָס קען אונטערגראָבען דעם פונדאַמענט פון דער ג אַ נ צ ע ר יוניאָן. היינט־צו־טאָג איז אונזער אינטערנעשאַנעל אָבער אַזוי שטאַרק, זי האָט זיך אַזוי ריזיג פאַרצווייגט, אַז די געשעהענישען אין איין לאָקאַל קענען איר ניט מער אַזוי פיל באַווירקען זי באַשטייט שוין ניט בלויז פון קלאָוק און דרעסמאַכער, ווי אַמאָל. אין ניו יאָרק אַליין זיינען פאַראַן אַרום 38 טויזענד אַרבייטער, מיטגלידער פון די מיסעלייניאָוס טריידס. איבער'ן לאַנד האָבען מיר אַרום 245 טויזענד מיטגלידער. די קלאָוקמאַכער באַטרעפען בלויז אַרום צען פּראָצענט פון די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאַנעל. די פּאָליסי פון אַ לאָקאַל איז דעריבער בלויז דער אויסדרוק פון די פירער און מיטגלידער פון לאָקאַל אָבער ניט פון דער אינטערנעשאַנעל אַלס גאַנצער".

דובינסקי האָט אין וואַרימע ווערטער געוואונשען פיל גליק דער ניי־ערוויילטער אַדמיניסטראַציע און דערביי שטאַרק געלויבט ליווי און צוקערמאַנען.

די פאַרזאַמלונג איז ערעפענט געוואָרען מיט אַ שיינעם קאָנצערט אין וועלכען עס האָבען זיך באַטייליגט דער אינטערנעשאַנעל כאָר, אונטער דער לייטונג פון לאַזאַר ווייגער, און דער אינטערנעשאַנעל מענדאָלין אָרקעסטער. עס האָבען זיך אויך באַטייליגט די אַקטיאָרען יוסף בולאָוו, ליובא קאַדיסאָן און דזשוליוס אַדלער און דער רוסישער זינגער סידאָר באַלאַרסקי.

דער טשערמאַן פון דער פאַרזאַמלונג איז געווען ר. צוקערמאַן. אים איז אויך איבערגעגעבען געוואָרען אַ מתנה אַ „געיבעל" פון די אַרבייטער פון דעם שיפּמאַן און בעיקער שאָפּ.

עס האָבען אויך גערעדט: לואידזשי אַנטאָניני, ערשטער וויס־פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאַנעל; דזשאָזעף ברעסלאַו, מענעדזשער פון לאָקאַל 35; איזידאָר נאַגלער, מענעדזשער פון דער קלאָוק דזשאָינט באָארד און עמיל שלעזינגער.

ווי עס איז שוין אַלעמאָל דער פאַל ביי אַזוינע פאַרזאַמלונגען, האָט דער הויפּט מחותן — דער מענעדזשער לואיס ליווי, וועלכער איז געווען דער לעצטער רעדנער, שוין ניט געהאַט קיין מעגליכקייט פיל צו רעדען צוליב דער שפּעטער שטונדע און ער האָט זיך געמוזט באַנוגענען מיט עטליכע קורצע דאַנק־ווערטער צו די מיטגלידער און קאָלעגען זיינע אין דער פירערשאַפט. ער האָט אָבער געמאָלדען, אַז דער לאָקאַל האָט אַרויסגעגעבען אַ געדרוקטען באַריכט פון דער טעטיגקייט פאַר די צוויי־מיט־אַ־פערטעל יאָר פון דער אַרויסגייענדער אַדמיניסטראַציע. דער באַריכט וועט געשיקט ווערען צו אַלע מיטגלידער.

טעלעגראַפישע באַגריסונגען זיינען אָנגעקומען פון סעמועל שאַר, מענעדזשער פון לאָקאַל 62, סעמועל פּערלמוטער טשאַרלס קריינדלער, דזשוליוס האָכמאַן, דזשאָרדזש רובין, און אַנדערע

אַדמיניסטראַציע פון לאָקאַל 9 אינסטאַלירט ביי אַ גרויסען מיטינג

די ניי־דערוויילטע אַדמיניסטראַציע פון דער קלאָוק פינישערס יוניאָן לאָקאַל 9 איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען מיטוואָך, דעם 7טען אַפּריל, אין בעטהאָווען האָל. וויס־פּרעזידענט י. ברעסלאַו האָט די אַדמיניסטראַציע אינסטאַלירט אין פּרעזידענט דובינסקי'ס אַבוועזענהייט. פּרעזידענט דובינסקי און דזשענעראַל מענעדזשער נאַגלער האָבען צוגעשיקט באַגריסונגס־טעלעגראַמען און האָבען באַדויערט, וואָס זיי קענען פּערזענליך ניט קומען.

אַ גרויסע צאָל שעפּער האָבען צוגעשיקט בלומען.

די קלאָוק דזשאָינט באָאַרד איז ביי דער אינסטאַליישאַן געווען פאַרטראַטען דורך איר סעקרעטער־טרעזשורער, א. י. אשביז, און די דעפּאַרטמענט מענעדזשערס, י. העלער און לעפקאָוויץ, וועלכע האָבען געהאַלטען באַגריסונגס־רעדעס.

די וויס־פּרעזידענטען ברעסלאַו און העלער האָבען אין זייערע רעדעס זיך אָפּגעשטעלט אויף טרייד־פּראָבלעמען ווי די אויט־אָוו־טאַון פראַגע און ענליכע.

לעפקאָוויץ האָט אין זיין באַגריסונגס־רעדע דערמאָנט די אַמאָליגע צייטען, ווי אַזוי די פינישערס האָבען דעמאָלט געלעבט און געמאַטערט זיך און האָט אָנגעוויזען, אַז ווי שווער די לאַגע פון די פינישערס איז היינט, איז עס אָבער פיל בעסער ווי אַמאָל.

צולעצט האָט גערעדט מענעדזשער סאַרקין, דאַנקענדיג אַלע פינישערס פאַר דער ווידערערוויילונג און ער האָט פאַרשפּראָכען דורכצופירען אַלע פאַרשפּרעכונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען בעת די וואַלען.

ראָזענבלאַט, דער סעקרעטאַר פון לאָקאַל 9, האָט פאַרגעלייענט אַ גרויסע צאָל באַגריסונגס־טעלעגראַמעס, צווישען וועלכע עס זיינען אויך געווען באַגריסונגען פון דזשענעראַל מענעדזשער דזשוליוס האָכמאַן, פון דער דרעסמאַכער דזשאָינט באָארד; סאַשאַ זימערמאַן, מענעדזשער פון דער דרעסמאַכער יוניאָן לאָקאַל 22; פון דער קלאָוקמאַכער ליג קעגען מלחמה און פאַשיזם; וויס־פּרעזידענט לואידזשי אַנטאָניני, פון די לאָקאַל 9 אָפּיס־מיידלאַך און פון פילע אַרבייטער פון לאָקאַל פון די שעפּער.

ביים שלוס זיינען דורכגעפירט געוואָרען וואַלען און סאַבאָווסקי איז ערוויילט געוואָרען וויס־טשערמאַן און פיליפּ גרייפער אַלס רעקאָרדינג־סעקרעטאַר.

די פאָלגענדע זיינען ערוויילט געוואָרען אַלס דעלעגאַטען צום דזשאָינט באָאַרד: אַמסלאָווסקי, ס. פרידמאַן, פיינבערג, מ. קראָוס (נייער טשערמאַן פון לאָקאַל), אַ קאָהען, דזש. האָרוויץ, ראָוז קאַפּלאַן און טש. באַרנשטיין.

דער „אַרטעף" שפּילער, גריסמאַן, האָט אַרויסגערופען הילכיגע אַפּלאָדיסמענטען מיט משה נאַדיר'ס „ריווינגטאָן סטריט"; גריגאָרי מאַטוסעוויטש און מאַקסים בראַדין זיינען אַרויסגערופען געוואָרען צו עטליכע מאָל, אַזאַ בייפאַל האָבען זיי געמאַכט ביים עולם מיט זייער שפּילען און זינגען.

אינסטאַליישאַן אין קלאָוק פּרעסערס לאָקאַל 35

איבער פופצען הונדערט קלאָוק פּרעסערס, מיטגלידער פון לאָקאַל 35, פון וועלכער וויס־פּרעזידענט דזשאָזעף ברעסלאַו איז מענעדזשער, האָבען דינסטאָג, דעם 6טען אַפּריל, זיך באַטייליגט אין דער פייערליכער אינסטאַליישאַן פון דער ווידערערוויילטער לאָקאַל 35 אַדמיניסטראַציע, ביי אַ גרויסען מיטינג אין אוידיטאָריום פון סענטער האָטעל, 108 וועסט 43טע סטריט.

ווי עס פירט זיך ביי לאָקאַל 35, האָט מען, איידער די פייערונג האָט זיך אָנגעפאַנגען, „אונטערגעלענט" דאָס האַרץ מיט סענדוויטשעס און ביר, אינ'ם האָטעל גופא, און דערנאָך זיך פאַרזאַמעלט אינ'ם מיט בלומען באַצירטען אוידיטאָריום, וואו אַלע הויכע אינטערנעשאַנעל און קלאָוק דזשאָינט באָארד בעאַמטע זיינען אַנוועזענד געווען, און די מערסטע פון זיי האָבען אויך געהאַלטען רעדעס.

באַגריסונגס־רעדעס זיינען געהאַלטען געוואָרען פון: דזשענעראַל מענעדזשער נאַגלער, סאָל מעץ, לואיס ליווי, מאַקס קאָהען, לואידזשי אַנטאָניני, און פּרעזידענט דוד דובינסקי האָט אינסטאַלירט די דערוויילטע בעאַמטע, און דערנאָך געהאַלטען אַ לענגערע רעדע, אין וועלכער ער האָט באַרירט די פּראָבלעמען פון'ם נייעם אַגרימענט, וועלכער דאַרף אונטערגעשריבען ווערען, נאָך דעם ווי דער איצטיגער קלאָוק אַגרימענט ענדיגט זיך אין יוני.

די אינסטאַליישאַן פייערונג איז געשלאָסען געוואָרען מיט אַ רעדע פון דזשאָזעף ברעסלאַו'ן, וועלכער האָט געקראָגען אַ גרויסע אַצאָוועי. ער האָט געדאַנקט די אַנוועזענדע קלאָוק פּרעסערס פאַר דעם צוטרויען, וואָס זיי ציגען אַרויס צו זייערע בעאַמטע, און האָט פאַרשפּראָכען, אַז ער וועט פאָרטזעצען ענערגיש צו אַרבייטען פאַר'ן וואוילזיין פון זיינע מיטגלידער.

אין דער פייערונג האָבען זיך אויך באַטייליגט: דער אינטערנעשאַנעל כאָר, מנחם רובין, און די פּאַלעסטינער זינגערין, צפירה.

אינסטאַליישאַן פון לאָקאַל 89

דער איטאַליענישער דרעסמאַכער לאָקאַל 89 איז דער גרעסטער לאָקאַל אין אונזער אינטערנעשאַנעל מיט דער צאָל מיטגלידער וואָס ער האָט. דער לאָקאַל האָט אויך דער ערשטער דורכגעפירט די אינסטאַליישאַן פון דער נייער אַדמיניסטראַציע, ווייל אין דעם לאָקאַל האָט מען ניט געדאַרפט דורכפירן קיין אָפּציעלע וואַלען צוליב דעם, וואָס עס זיינען ניט געווען קיין געגען־קאַנדידאַטען. די אינסטאַליישאַן איז פאַרגעקומען פרייטאָג אָוונט, דעם 2טן אַפּריל, אין דעם גרעסטען זאַל וואָס מען קען קריגען אין ניו יאָרק — אין מעדיסאָן סקוועער גאַרדען. אָבער אויך דער זאַל איז ניט געווען גרויס גענוג אַריינצונעמען אַלע מיטגלידער וואָס זיינען געקומען צו דער פייערונג טויזענדער מיטגלידער האָבען געמוזט צוריקגיין אויס מאַנגעל אין פּלאַץ.

אויך די פּראָגראַם, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרען, איז געווען אַן אויסערגעוויינליכע. בלויז עטליכע רעדעס זיינען געהאַלטען געוואָרען, און אַלע קורצע און זאַכליכע. טשערמאַן פון אָוונט איז געווען וויס־פּרעזידענט סאַלוואַטאָרע נינפאָ, וועלכער איז אויך געווען דער. טשערמאַן פון דער עלעקשאַן קאָמיטע, וועלכע האָט געדאַרפט דורכפירען די וואַלען.

פּרעזידענט דובינסקי האָט איינגעשוואָרען די נייע אַדמיניסטראַציע און האָט אין זיין קורצער רעדע אָנגעוויזען אויף דעם גוואַלדיגען פאָרטשריט וואָס די אַרבייטער האָבען געמאַכט דורך די לעצטע 25 יאָהר.

צו דער אינסטאַליישאַן איז אויך געקומען דער מעיאָר פון ניו יאָרק, לאַ־גאַרדיאַ, און האָט אַדרעסירט די פאַרזאַמעלטע אין ענגליש און איטאַליעניש, אַרויסרופענדיג גרויס בייפאַל פון די פאַרזאַמעלטע.

די איינציגע צוויי אַנדערע רעדנער דעם אָוונט זיינען געווען וויס־פּרעזידענט דזשוליוס האָכמאַן, דזשענעראַל מענעדזשער פון דער דרעס דזשאָינט

JUN 5 1937 M
N Y Pub Library 42 St & 5 Ave City Comp

GERECHTIGKEIT (*Justice*)

גערעכטיגקייט

Vol. XIX. No. 6 | Jersey City, N. J., June, 1937 | Price: 10 Cents

אַ געראָטענע קאָנווענשאָן

קאָנווענשאָנס ווערען געמאַכט אָפּצוגעבען אַ רעכנונג וועגען דער אַרבייט, וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט אויפגעטאָן, און אויסאַרבייטען פּלענער פאַר ווייטערדיגער אַרבייט. ביי אונז אין אַמעריקא האָבען קאָנווענשאָנס אויך אַ דעמאָנסטראַטיווען און אַן אַגיטאַציאָנס צוועק. אַ קאָנווענשאָן, באַזונדערס פון אַ גרויסער קעמפענדער אָרגאַניזאַציע, איז אַ דעמאָנסטראַציע פון מאַכט און איינפלוס. די קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנאַל אין אַטלאַנטיק סיטי האָט אין דער פולסטער מאָס דערפילט אַלע דריי צוועקען. איר באַריכט וועגען דער אַרבייט, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרען אין די לעצטע דריי יאָר, זינט דער קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ, איז געווען אַ גלענצענדער. עס איז געווען אַ באַריכט, וואָס האָט ארומגענומען אַלע טיילען פון דער אַרבייט פון דער אינטערנעשאָנאַל און האָט געגעבען אַ הערליכען בילד פון דער ריזיגער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אויסגעשפּרייט אירע צווייגען איבער׳ן גאַנצען לאַנד. די קאָנווענשאָן האָט אויך אויסגעאַרבייט אַ גרויסען, ברייטען פּראָגרעסיווען פּלאַן פון ווייטערדיגער אַרבייט. זי האָט אָנגענומען אַ רייה העכסט וויכטיגע רעזאָלוציעס, וואָס האָבען צו טאָן מיט דעם לעבען און אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע און מיט אירע באַזונדערע טיילען. און זי האָט אויך אויפ׳ן העכסטען גראַד דערגרייכט איר דעמאָנסטראַטיווען צוועק. עס איז געווען אַ העכסט אימפּאָזאַנטע קאָנווענשאָן פון אַ גרויסען פאַרנעם, וועלכע האָט אין דער פולסטער מאָס דעמאָנסטרירט די גרויס, די כחות און די פּאָפּולאַריטעט פון דער אינטערנעשאָנאַל. דאָס האָט מען בעסער ווי אַלץ געקענט זעהן פון דער אויפמערקזאַמער און אויך פריינדליכער באַציהונג פון דער פּרעסע, וועלכע האָט אָפּגעגעבען אַזוי פיל פּלאַץ, און פּראָמינענטען פּלאַץ, פאַר די טעגליכע באַריכטען פון דער קאָנווענשאָן.

עס איז געווען אַ געראָטענע און אַ פּראָגרעסיווע קאָנווענשאָן און זי וועט פאַרשריבען ווערען אין דער געשיכטע פון דער אינטערנעשאָנאַל מיט גאָלדענע אותיות.

מיינונגס־פאַרשיידענהייטען און דאָך איינִיגקייט

מען האָט זיך גערעכט, אַז עס וועט זיין אַ „הייסע" קאָנווענשאָן, ווענִיגסטענס אַ טייל פון איר. עס זיינען געווען איינִיגע פראַגען, וועגען וועלכע מען האָט ערוואַרט הייסע דעבאַטען און אפשר אויך אַ ביסעל פייער־ווערק, אָבער מען האָט ניט געטראָפען. עס זיינען, אמת, געווען מערערע הייסע מאָמענטען אויף דער קאָנווענשאָן, אָבער ניט אַזעלכע וואָס רייצען אויף די בלומען, נאָר וואָס דערוואָרימען די האַרץ און די נשמה. עס זיינען געווען וואונדערליכע וואַרימע, האַרציגע דעמאָנסטראַציעס אויף דער קאָנווענשאָן, וואָס וועלען בלייבען אונפאַרגעסליך. די דעמאָנסטראַציעס פאַר די פרייהייטס־קעמפער אין שפּאַניען, פאַר דער סי. אַי. אָ., פאַר דער דרייסיג שטונדיגער אַרבייטס־וואָך, פאַר דער זיג־דעלעגאַציע פון מאָנטרעאַל און צום לעצט די דעמאָנסטראַציע ביי דער נאָמינאַציע און וואַהל פון פּרעזידענט דובינסקי זיינען געווען אַזעלכע האַרציגע, אַזעלכע באַגייסטערטע און אַזעלכע אויפריכטיגע, אַז מען קען זיי ניט פאַרגעסען. אָבער די אַלגעמיינע פאַרהאַנדלונגען פון דער קאָנווענשאָן האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט אַ באַזונדערער פּאַרלאַמענטאַרישער רוהיגקייט און אָרדנונג.

עס זיינען אין אַלגעמיין ניט פאָרגעקומען קיין פיל דעבאַטען אין די פּלענאַרע זיצונגען פון דער קאָנווענשאָן, די הויפּט־דעבאַטען זיינען פאָרגעקומען אין די קאָמיטעס, אָבער אויך אין דער קליינער צאָל דעבאַטען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אויף דער קאָנווענשאָן, האָט זיך ניט געהערט דער גוט־באַקאַנטער אָנגרייפענדער דעבאַטאַנטישער טאָן, וואָס שאַפט מער היץ בלוט ווי אויפקלערונג. די דעבאַטען זיינען געפירט געוואָרען צווישען געגנערישע מיינונגען, אָבער ניט ווי פון געגנערישע מענשען. די קאָנווענשאָן האָט ניט געקענט פאַראייניגען די מיינונגען, אָבער זי האָט פאַראייניגט די מענשען. די אינטערנעשאָנאַל האָט שוין לאַנג ניט געהאַט אַזאַ קאָנווענשאָן, וואו עס האָט געהערשט אַזאַ געפיל פון איינִיגקייט און אַזאַ אַלגעמיינער אויסגעשפּראָכענער וואונש פון אַ געמיינשאַפטליכען האַרמאָנישען צוזאַמענאַרבייטען.

די אינטערנעשאָנאַל האָט דערגרייכט די הויכע אָרגאַניזאַציאָנעלע מדרגה, אַז די מיינונגס־פאַרשיידענהייטען, וואָס עקזיסטירען אין איר וועגען מאַנכע פראַגען, שטערען ניט איר גאַנצקייט, איר איינִיגקייט און איר קאַמף פאַר איר ווייטערדיגען פּראָגרעס.

די קאָנווענשאָן אין אַטלאַנטיק סיטי האָט עס אויפ׳ן בעסטען אופן אילוסטרירט.

די רעזאָלוציע וועגען דער סי. אַי. אָ.

מען האָט ערוואַרט, אַז הייסע דעבאַטען וועלען אַרויסגערופען ווערען וועגען דער סי. אַי. אָ. פראַגע, ווייל עס איז אַ פראַגע וועגען וועלכע עס עקזיסטירען פאַרשיידענע מיינונגען אין די פירענדע קרייזען פון דער אינטערנעשאָנאַל. עס זיינען פאַראַן, קען מען זאָגען, פיר מיינונגען וועגען דער פראַגע. איינע איז פולשטענדיג פאַר דער סי. אַי. אָ. אָהן וועלכע עס איז רעזערוואַציעס. אַ צווייטע איז אויך דורכאויס פאַר דער סי. אַי .אָ., אָבער זי וואָלט איינגעהן אויף אַ פשרה אויב אַ פרידען מיט דער אַ. פ. אָוו ל. קען געשלאָסען ווערען. אַ דריטע איז פולשטענדיג פאַר דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר אָהן וועלכע עס איז רעזערוואַציעס. און אַ פערטע וואָלט וועלען האָבען דעם פּרינציפּ פון דער סי. אַי. אָ., עס הייסט אינדוסטריעלע יוניאָנס, אָבער אין דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר. דאָס מיינט, אַז אָוועקגעהן פון דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר ווילען זיי ניט צוליב דעם פּרינציפּ. אויף וויפיל מען האָט געקענט אורטיילען פון דער שטימונג פון דער קאָנווענשאָן האָט עס אויסגעזעהן, אַז די גאַנץ גרויסע, איבערוויעגענדע מאַיאָריטעט איז געווען מיט די ערשטע צוויי מיינונגען. איינענטליך האָבען אָט די צוויי מיינונגען געגענזייטיג זיך ניט באַקעמפט, ווייל ווי די לאַגע איז איצט איז פּראַקטיש ניטאָ קיין אונטערשייד צווישען זיי. עס האַלט איצט ניט ביי קיין שלום צווישען דער סי. אַי. אָ. און עס איז דעריבער אין דעם איצטיגען מאָמענט ניטאָ קיין פראַגע וועגען פשרות און וואָס זיי זאָלען זיין. און ווען עס זאָל נאָר זיך באַווייזען אַ מעגליכקייט פון אַן אמת׳ן שלום וועט, גלויבען מיר, קיינער אין דער פירערשאַפט פון דער אינטערנעשאָנאַל זיך ניט שטעלען אין וועג. און דעריבער ווען מען שטעלט אַוועק די פראַגע וועגען דער סי. אַי. אָ. אין דער שאַרפער געטיילטער פאָרם פון „פאַר" און „געגען" קען מען בלויז רעדען פון צוויי מיינונגען: איינע אַז די אינטערנעשאָנאַל בלייבט מיט דער סי. אַי אָ. און אַ צווייטע, אַז די אינטערנעשאָנאַל זאָל זיך אָפּטיילען פון דער סי. אַי. אָ. אין וועלכע ווערטער אָט די צוויי מיינונגען ווערען אויסגעדריקט און וועלכע באַפּוצונגען עס ווערען דערביי געמאַכט, איז ניט וויכטיג, ווייל ווי די לאַגע איז איצט קענען נאָר זיין צוויי ענטפערס: בלייבען אָדער אַוועקגעהן. און ווען עס וואָלט פאָרגעקומען אַ דעבאַטע אויף דער קאָנווענשאָן וועגען אָט דער פראַגע, ווי מען האָט עס ערוואַרט, וואָלטען אָט די צוויי מיינונגען געמוזט קומען צו זייער קלאָרען אויסדרוק. אָבער מען האָט אין דער רעזאָלוציאָנס־קאָמיטע אויסגעהאַרעוועט אַ רעזאָלוציע, וואָס איז פון דער קאָנווענשאָן אָנגענומען געוואָרען אָהן דעבאַטען.

מיר גלויבען, אַז די רעזאָלוציאָנס קאָמיטע האָט אָפּגעטאָן אַן אויסגעצייכענטע שטיק אַרבייט מיט דער רעזאָלוציע וועגען דער סי. אַי. אָ. די קאָנווענשאָן זאָגט זיך אין איר אַרויס פולשטענדיג פאַר די פּרינציפּען פון דער סי. אַי. אָ. און אַז זיי דאַרפען פון דער אינטערנעשאָנאַל געשטיצט ווערען. זי דריקט אויס איר פולשטענדיגע גוטהייסונג פון דער שטעלונג און האַנדלונג פון דער גענעראַל עקזעקוטיווע אין באַצוג צו דער סי. אַי. אָ. ביז איצט און גיט איר די פולמאַכט ווייטער צו האַנדלען אין דער פראַגע ווי זי פאַרשטעהט. דערביי ווערט אויסגעדריקט דער וואונש אַז עס זאָל געזוכט ווערען אַ וועג פאַר שלום, כדי צו האָבען אַ פאַראייניגטע אַרבייטער באַוועגונג.

עס איז ביז אַ געוויסען גראַד אַ קאָמפּראָמיס רעזאָלוציע, ווענִיגסטענס אין איר פאָרם. אָבער געוועהנליך זיינען קאָמפּראָמיס רעזאָלוציעס ניט קיין געראָטענע. זיי זיינען מייסטענס ניט פלייש און ניט מילך. די רעזאָלוציע אָבער איז דורכאויס אַ געראָטענע. עס איז קלאָר פאַר וואָס זי שטעהט און זי שטרייכט אונטער דעם פּרינציפּיעלען מאָמענט אַזוי קלאָר ווי מעגליך. און עס איז אויך גוט וואָס עס רעדט זיך אין איר וועגען שלום און וועגען אַ פאַראייניגטער אַרבייטער באַוועגונג. דאָס איז ניט בלויז אַן אויסדרוק פון אַ פרומען וואונש נאָר מער פון אַ פּרינציפּ. עס דאַרף שטענדיג געשטרעבט ווערען צו אַ פאַראייניגטער אַרבייטער באַוועגונג און ווען מען האָט עס כסדר אין זינען וועט עס ענדליך אויך דערגרייכט ווערען.

מיין נקמה

(צום רעוואָלוציאָנערען פאָלק פון שפּאַניע)

פון נחמיה קליין

עס גייען די שוואַרצע חיילות אויף דיר,
די וואָס האָבען מיך אַמאָל אין דיינע גאַסן געברענט;
און כאָטש דו האָסט דאַן זיך אָפּגעקערט פון מיר –
געשטאַרקט זאָלען איצט זיין דיינע הענט!

מיט בלוטיגע נעגעל, אין נאָמען פון גאָט
האָבען זיי מיך געמאַטערט און געשענדט;
און כאָטש דו אויך האָסט פון מיר דאַן געשפּאָט —
געבענטשט זאָלען איצט זיין דיינע הענט!

עס ווייען נאָך די געשרייען פון מיין אַמאָליגען פיין
צווישען דיינע אַלטע תפיסה־ווענט;
אָבער איצט איז דער קאַמף אי דיין, אי מיין —
ווי שטאַל זאָלען איצט זיין דיינע הענט!

דער באַשלוס פון דער קאָנווענשאָן וועגען די קלאָוקמאַכער

די פאַרהאַנדלונגען צווישען דער קלאָוקמאַכער יוניאָן און די מאַנופאַקטשורערס וועגען באַנייען דעם אַגרימענט האָבען זיך אַביסעל פאַרצויגען און עס זעהט אויס, אַז זיי וועלען זיך פאַרציהען נאָך אַביסעל לענגער, אָבער מיר האָפען, אַז נאָך דעם באַשלוס פון דער קאָנווענשאָן אין אַטלאַנטיק סיטי וועגען אַ דרייסיג שטונדיגער אַרבייטס־וואָך און אַ 20 פּראָצענטיגער העכערונג אויף די פאַרדינסטען פון די קלאָוקמאַכער וואָס דער דזשאָינט באָארד פאָדערט, וועלען די באַלאַבאָטים אַביסעל ערנסטער נעמען די פאָדערונגען

קומט פייערען דעם ערשטען מאַי אין רענדעלס איילאַנד סטאַדיום

רוף פון דער ערשטער מאַי קאָמיטע פון דער אינטערנעשאַנעל צו אַלע מיטגלידער אין ניו יאָרק

מיטגלידער פון דער אינטערנעשאַנאַל לידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן!

זייט געגריסט:

אין דעם האַ־יאָהריגען אינטערנאַציאָנאַלען אַרבייטער יום־טוב, דעם ערשטען מאַי, 1937, שיקען מיר, ניו יאָרקער פרויען קליידער אַרבייטער אונזער האַרציגען גרוס צו דער אַרבייטער באַוועגונג איבער דער גאַנצער וועלט, אָהן אונטערשייד פון ראַסע, קאָליר, גלויבען אָדער נאַציאָנאַליטעט. מיר זיינען אַלע פאַראייניגט אין דעם קאַמף פאַר באַפרייאונג פון עקאָנאָמישער אויסבויטונג און פּאָליטישער שקלאַפעריי.

אונזער אַלעמענס יום טוב דער ערשטער מאַי, ווערט דאָס יאָהר געפייערט אין אויסערגעוועהנליכע אומשטענדען און באַדינגונגען. איבער דעם גאַנצען ערד קוגעל זיינען שאַרף געצויגען די שלאַכט ליניעס צווישען פּראָגרעס און רעאַקציע; צווישען פרייהייט און דיקטאַטור; צווישען דער ווייזע פון אַ באַפרייטער מענשהייט אָהן קנעכטשאַפט, אָהן אויסבויטונג, אָהן מלחמות און בלוט פאַרגיסונג, אָהן ראַסען־האַס און ברודער מאָרד, און דעם בלוטיגען קאָשמאַר פון אַ צוריק אויפגעלעבטען מיטעלאַלטער מיט זיין פינסטערניש און שקלאַפעריי, מיט אַ דערשלאָגענער מענשהייט דערשטיקט אין אַבערגלויבען, פאַרזונקען אין בלוטיגען שאָוויניזם און ראַסען האַס. פון ביידע זייטען זאַמלען זיך די מחנות פון ליכט און פינסטערניש אַרום די שלאַכט־ליניעס. דער קאַמף צווישען די צוויי לאַגערען פלאַקערט איבער דער גאַנצער וועלט.

האַלב פון דער מענשהייט צאַפּעלט זיך אונטער די בלוטיגע שטיוועל פון דיקטאַטאָרען וועלכע הערשען מיט דער הילף פון קנוט און באַגנעט, מיט תפיסות און תליות. די בעסטע זין און טעכטער פון די פעלקער זיינען איינגעשפּאַרט אין. טורמעס און קאָנצענטראַציע לאַגערען זייער שטימע ווערט דערשטיקט. זיי ווערען געהאָדוועט מיט קאַנאָנען אַנשטאָט ברויט און דער מינדסטער פּראָטעסט זייערער ווערט דערטרונקען אין בלוט.

אין דער צווייטע העלפט פון דער מענשהייט אין די פרייהייטליכע און דעמאָקראַטישע לענדער שטעהען אונזערע ברידער אַרבייטער צווישען צוויי פייערען. פון איין זייט דער קאַמף געגען זייערע אייגענע עקאָנאָמישע הערשער פאַר אַ גרעסערען חלק אין די פּראָדוקטען וואָס זיי באַשאַפען מיט זייער פּראַצע, פאַר מעהר דעה אין די אינדוסטריען, פאַר אַ פרייהייטליכע און סאָציאַלע געזעץ־געבונג. פון דער צווייטער זייט מוזען זיי זיין כסדר אויף דער וואַך אָפּצושלאָגען דעם אַנגריף פון די פאַשיסטישע כחות אין זייער אייגען לאַנד און פון די דיקטאַטאָרישע אונטערצינדער פון אַ נייעם וועלט־קריג פון די לענדער וואו עס איז זיי געלונגען צו פאַרכאַפּען די מאַכט און זיי נוצען עס אויף אויסצושפּרייטען זייער בלוטיגע הערשאַפט אויף אַנדערע לענדער און פעלקער.

אין דעם היינטיגען יום טוב פון אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אייניגקייט הויבען מיר אויף אונזער שטימע אין פּראָטעסט געגען די בלוטיגע מעשים פון די פאַשיסטישע און נאַצי הענקער, אין פּראָטעסט געגען מלחמה און בלוט פאַרגיסונג, געגען דער פאַרברעכערישער באַוואָפּנונג און קריגס צוגרייטונג וועלכע זויגט אויס דעם לעבענס זאַפט פון די פעלקער. מיר שיקען אונזער ברודער גרוס צו די קרבנות זייערע, אונזערע ברידער און שוועסטער וועלכע שמאַכטען אין די טורמעס און קאָנצענטראַציע לאַגערען אָדער זיינען פאַרטריבען פון זייער היים און וואַגלען אום נע ונד אין פרעמדע לענדער.

אונזערע חברים אין די לענדער וועלכע ווערען זיך מוטיג און זיינען מקריב זייערע לעבענס אין קאַמף געגען דעם אינטערנאַציאָנאַלען מאָנסטער, דעם פאַשיזם און נאַציזם; די אַרבייטער אין שפּאַניע וועלכע פאַרגיסען זייער בלוט אויף די שלאַכט פעלדער צו באַשיצען זייער פרייהייט און מענשען־רעכט; די אַרבייטער אין פּוילען, און ספּעציעל די אידישע אַרבייטער וועלכע שלאָגען זיך מוטיג געגען דער בלוטיגער רעאַקציע און דעם פינסטערען שאָוויניזם און אַנטיסעמיטיזם פון דער קליקע וועלכע האַלט די רעגירונגס מאַכט אין איהרע הענט; די אַרבייטער אין אַלע אַנדערע לענדער וועלכע שטעלען זיך מוטיג געגען די פאַרזוכען אַוועקצורויבען פון זיי זייערע פרייהייטען — די אַלע שיקען מיר היינט אונזער פאַרזיכערונג, אַז מיר שטעהען גרייט זיי צו העלפען מיט אַלע כחות און מיטלען וואָס מיר פאַרמאָגען. זייער קאַמף איז אונזער קאַמף! אין זייער זיג ליגט אונזער גלויבען און האָפענונג.

די צענדליגע מיליאָנען אַרבייטער ביי אונז דאָ אין לאַנד פון וועלכער מיר זיינען אַ גליד, באַגריסען מיר אין דעם היינטיגען יום טוב מיט דעם פאָרטשריט וואָס אונזערע לעגיאָנען האָבען געמאַכט אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר און צו וועלכען אונזער יוניאָן האָט בייגעשטייערט איהר חלק לויט איהרע מעגליכקייטען. מיר באַגריסען די הונדערטע טויזענטער נייע־געוואונענע ברידער אונזערע, די אַרבייטער פון די שטאָהל, טעקסטיל, אויטאָמאָביל און אַנדערע אינדוסטריען וועלכע האָבען דורך דעם פאַרגאַנגענעם יאָהר זיך אָרגאַניזירט און געצוואונגען זייערע בעלי בתים צו אַנערקענען זייערע יוניאָנס און פאַרבעסערען זייער לעבענס סטאַנדאַרד. מיר באַגריסען זיי מיט דעם גוטען אַנהויב וואָס זיי האָבען געמאַכט און זיינען זיכער, אַז זיי וועלען פאָרטזעצען דעם קאַמף ביז דעם ענדליכען זיג פון די אַרבייטער אידעאַלען.

די ברייטע שיכטען פון די אָרגאַניזירטע אַרבייטער דאָ אין די פאַראייניגטע שטאַטען באַגריסען מיר מיט זייער אויפגעוואַכטען פּאָליטישען באַוואוסטזיין וואָס האָט זיי שוין געבראַכט מאַנכע פאַרבעסערונגען אויפ'ן געביט פון פּראָגרעסיווער געזעץ־געבונג ווי דעם וואַגנער געזעץ, סאָשעל סעקיוריטי געזעצען און אַנדערע ליבעראַלע געזעצען וואָס זיינען אויסגעקעמפט געוואָרען אין פאַרשיידענע סטייטס און דעם קאָנגרעס דורך די נייע ווינטען וואָס די אַרבייטער האָבען אַריינגעבראַכט אין דעם פּאָליטישען לעבען פון לאַנד. צוזאַמען מיט זיי, פאַרפליכטען מיר זיך פאָרטצוזעצען און פאַרשטאַרקען דעם קאַמף פאַר מעהר און ברייטערע פרייהייטען פאַר די אַרבייטער מאַסען; פאַר אַ גרעסערער זיכערקייט, פאַר אַ בעסערען און שענערען לעבען. מיר פאַרפליכטען זיך צו פאַרשטאַרקען דעם קאַמף פאַר אַ קירצערער אַרבייטס־וואָך ביז אַלע וואָס זיינען אַרבייטס פעהיג זאָלען קריגען באַשעפטיגונג; פאַר אַלץ אַ גרעסערען חלק פאַר די אַרבייטער אין די פּראָדוקטען וואָס זיי שאַפען ביז זייער לעבענס סטאַנדאַרד זאָל דערהויבען ווערען צו דער הויך וואָס די מאָדערנע טעכניק מאַכט מעגליך; פאַר דער פאָלשטענדיגער אָפּשאַפונג פון קינדער אַרבייט; פאַר פולער פאַרזיכערונג געגען אַרבייטסלאָזיגקייט, עלטער און קראַנקהייט.

אין דעם אינטערנאַציאָנאַלען יום טוב פון אַרבייטער קלאַס, פאָדערען מיר אויף די פרויען קליידער אַרבייטער פון ניו יאָרק, די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאַנאַל צו שליסען ענג די רייען און פאַראייניגען זיך אין דער דעמאָנסטראַציע פאַר אַרבייטער אייניגקייט אין רענדעלס איילענד אודיטאָריום, שבת, דעם ערשטען מאַי, 12 אַזייגער ביינאַג, וואו מיר וועלען צוזאַמען מיט די אַרבייטער פון דער גאַנצער וועלט פּראָקלאַמירען אונזער אַנטשלאָסענהייט צו פאַרזיכערען פרידען און גליק פאַר דער גאַנצער מענשהייט.

לאַנג לעבען זאָל די אייניגקייט פון די אַרבייטער!
לאַנג לעבען זאָל דער ערשטער מאַי!

ערשטער מאַי קאָמיטעט פון דער אינטערנעשאַנעל לידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן פאַר די קלאָוק און דרעס דזשאָינט באָארדס, דזשאָינט קאָונסיל ניט גודס אַרבייטער, און לאָקאַלס 117, 9, 10, 20, 22, 23, 25, 30, 31, 32, 35, 38, 40, 48, 60, 62, 64, 66, 82, 89, 91, 102, 132, 142 און 177.

לואיס ליוויי, טשערמאַן.
פיליפּ קעפּ, סעקרעטאַר.

ווי אַזוי צו קומען צום רענדעלס איילאַנד סטאַדיום

פון מאַנהעטען —

נעמט איסט סייד סאָבוויי אָדער צווייטע, דריטע עוועניו עלעווייטעד צו 125טע סטריט, פון דאָרט נעמט דעם באָס אין טערמינאַל 2טע עוועניו און 125טע סטריט צום סטאַדיום..

פון די בראָנקס —

נעמט לעקסינגטאָן עוועניו איסט סייד סאָבוויי צו פעלהעם בעי און סייפּרעס עוועניו סטיישאָן. פון דאָרט דעם באָס אין טערמינאַל אויף 134טע סטריט און סייפּרעס עוו. צום סטאַדיום.

פון קווינס —

נעמט דעם באָס אויף 31טע סטריט און אַסטאָריאַ בולוואַרד צום סטאַדיום.

אין קאָנצערט

וועלען זיך באַטייליגען פאָלגענדע קינסטלער:

עלווירא עלאַל
וואונדערשעהנע סאָפּראַנאָ.

זשאַן פּירס
ראַדיאָ טענאָר.

קלאָודיאַ פּריגעראַ
זינגערין פון דער מעטראָפּאָליטען אָפּעראַ הויז.

דזשיוזעפּע קריאַטאָרע
און זיין אָרקעסטער.

אינטערנעשאַנעל כאָר.

אַניטאַ זאַהן
מיט איהר טאַנץ־גרופּע אין אַ פּידזשענט.

און באַוואוסטע רעדנער.

פאַרזאַמלונג ווערט דערעפענט פונקט צוועלף אַזייגער בייטאָג